STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08903

IN DI TEG FUN DI NEVIIM

Solomon Simon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין די טעג
פון די נביאים

פון

שלמה סיימאָן

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

1947

אַרויסגעגעבן פֿון „פֿאַרלאַג מתנות"
ביים שלום עליכם פֿאָלק אינסטיטוט

IN DI TEG FUN DI NEVYIM

In the Days of the Prophets

By SOLOMON SIMON

Copyright, 1947
By SOLOMON SIMON
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

PRINTED IN U. S. A.
166

געווידמעט:

מיין פרוי לאה

און מיינע קינדער —

דוד, יהודית און מרים

אינהאַלט:

זייט

הקדמה 9

ישעיה

יהודה אין די צייטן פון ישעיה 15
די ערשטע וויזיע 16
דאָס געזאַנג פון וויינגאָרטן 18
ישעיהס רייד פאַלן אויף טויבע אויערן 22
נבואות אויף ישראל 25
אין די צייטן פון אחז 26
אַ פאַרשווערונג 30
דער קרייז אַרום ישעיה 32
חורבן שומרון 33
אין די צייטן פון חזקיהו 35
די גרויסע פאַרשווערונג 38
אַ וויכוח 41
שבנא 43
דער בונד 44
מלחמה 45
חזקיהו גיט זיך אונטער 47
ביי די טויערן פון ירושלים 49
דער נס 52
„און עס וועט זיין אין דעם סוף פון די טעג" 54
דעם נביאס טויט 58

ירמיהו

דעם נביאס אָפשטאַם 61
דער יונגער ירמיהו 62
די אַנטפּלעקונג 62
די ערשטע נבואות 64
די סקיטן 67
די סקיטן מיידן אויס יהודה 69
דאָס בוך פון בונד 70
יאשיהוס טויט 78
שלום — יהואחז 80

זייט

יהויקים 81
דער בית המקדש וועט חרוב ווערן 84
בבל 88
סימבאָלישע נבואות 90
א. די נבואה מיטן פלאַקסענעם גאַרטל
ב. אין הויז פון טעפּער
ג. די נבואה מיטן ליימענעם קרוג
ירמיהו קלאָגט אויף זיין גורל 94
ירמיהו פאַרשרייבט זיינע נבואות 97
יהויקים פאַרברענט ירמיהוס נבואות 98
יהויקים גיט זיך אונטער 100
יהויקים ווידערשפּעניקט קעגן בבל 100
די שכנישע פעלקער באַפאַלן יהודה 101
די רכבים 102
יהויכין 104
צדקיהו 105
די נבואה מיט די צוויי קערב פייגן 108
יאָך שטאַנגען 108
די נביאים 109
ירמיהו און דער נביא חנניה 110
אַ בריוו צו די פאַרטריבענע 112
ווידער וועגן די פאַלשע נביאים 115
מלחמה מיט בבל 116
ירמיהו ווערט אַריינגעוואָרפן אין תפיסה-גרוב 117
גאָטס בונד מיט יידן איז אויף אייביק 118
ירמיהו קויפט אַ פעלד זיצנדיק אין תפיסה 120
נבואות פון טרייסט און האָפענונג 121
די יידישע קנעכט ווערן באַפרייט און צוריק פאַרשקלאַפט .. 123
ירמיהו ווערט געשלאָגן און ווידער פאַרשפּאַרט אין תפיסה 124
דער קעניג שיקט נאָך ירמיהון 125
חורבן 126
גדליהו דער זון פון אחיקם 128
ירמיהו ווערט פאַרשלעפּט קיין מצרים 130
אין מצרים 131
סוף 133

יחזקאל

דער יונגער כוהן אין גלות 139
די ערשטע וויזיע 140
יחזקאל ווערט נביא 144
פינף סימבאָלישע נבואות 145

זייט

גלות קליידער 149
און דאָס וועט באַלד מקוים ווערן 150
צו די בערג פון ישראל 151
דער סוף פון לאַנד 152
דער טאָפּ און דאָס פלייש 153
דאָס קליינע הייליקטום 160
דער ווײַנשטאָק 161
דער גורל פון די קינדער 161
דער משל מיטן גרויסן אָדלער 166
די שווערד! די שווערד! 168
נבוכדנצר לאָזט זיך אויף ירושלים 169
פסולת 171
קיין איינעם נישט געפונען 172
דער טאָג פון באַלאַגערונג 173
דער נביא ווערט אַנטשוויגן 174
נאָך איין בייזע נבֿואה 176
אַ וועכטער 177
די טאַטעס עסן זויערע ווײַנטרויבן און די ציין פון די קינדער זענען אייליק 178
נבֿואות אויף אַרומיקע פעלקער 183
אַ קלאָג-ליד 183
די פאַסטוכער פון ישראל 185
צו די בערג, צום לאַנד און צום פאָלק 187
פאַרוואָס די גאולה מוז קומען 188
דער טאָל מיט טרוקענע ביינער 190
אַלע קינדער פון ישראל — איין פאָלק 192
די מלחמה פון קעניג גוג פון דעם לאַנד מגוג 193
די צוקונפטיקע יידישע מלוכה 196
סוף 199

עמוס

דער פאַסטוך פון תקוע 205
די פיערונג אין בית אל 206
פיר זעאונגען 207
גאָטס רוף 209
אין בית אל 210
אין טעמפל 213
דער פריסטער אַמציה 215
הושע 217
מיכה 225
צפניה 232
מראה מקומות און באַמערקונגען 239

הקדמה

דאָס בוך „אין די טעג פון די נביאים״ איז אַ לייען־בוך ניט קיין טעקסט־בוך צום לערנען. איך בין אויסן געווען בלויז אַרויסצוברענגען די גייסטיק־דראַמאַטישע געשטאַלטן פון די נביאים פון פאַרן גלות בבל, ניט צו געבן קיין נייעם פירוש, אָדער אַ נייע פּינקטלעכע און וויסנשאַפטלעכע איבערזעצונג פון די נביאים. איך האָב אָפּגעקליבן נאָר יענע טעקסטן, וואָס מאַכן קלאָר און בולט דעם נביאס געשטאַלט און זיין צייט. אָפט האָב איך מיט אַ כיוון אויסגעלאָזן האַלבע פסוקים און אַפילו גאַנצע קאַפּיטלעך. אויסגעלאָזן — ניט ווייל ס׳איז ניט קלאָר די צייט ווען די נבואות זיינען געהאַלטן געוואָרן, אָדער צוליב חקירות און ספּעקולאַציעס. ניין, איך האָב זיי אויסגעלאָזן ווייל זיי וואָלטן געשטערט די המשכדיקייט פון בוך.

די נבואה ספרים זיינען אין מקור פראַגמענטאַריש. זיי זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן ניט נאָר ניט כראָנאָלאָגיש, נאָר אָפט ווערט אַ נבואה איבערגעריסן אין רעכטן מיטן דורך אַן אַנדער נבואה, אָדער עפּיזאָד. דער מאמר פון גמרא: אין מוקדם ומאוחר בתורה (פסחים ו׳ און אַנדערע ער־טער) איז אַ כלל אין די ספרי נביאים. האָב איך דעריבער ניט נאָר אָפּגע־קליבן די נבואות, איך האָב זיי אויך פאַרבונדן אויף אַזאַ אופן אַז מען זאָל ניט געשטערט ווערן פון זייטיקע ענינים.

איך האָב ניט געמאַכט קיין ווערטערלעכע איבערזעצונג. ס׳איז דאָ אַ שטילער פירוש אין מיין יידישער ווערסיע, איך האָב זיך באַנוצט מיט אַלערליי פירושים כדי אַרויסצוברענגען דעם זין פון פסוק. אַמאָל, האָט צוליב דעם, מיין איבערזעצונג געמוזט זיין אינגאַנצן אַ פרייע. ווען עס זיינען מעגלעך פאַרשיידענע אויסטייטשונגען פון אַ וואָרט, אָדער אַ פסוק, האָב איך אויסגע־טייטשט יענע שטעל לויט דעם פירוש, וואָס האָט זיך בעסער געפּאַסט פאַר דעם ציל, וואָס איך האָב זיך געשטעלט. אָבער איך האָב קיינמאָל ניט אַריינ־געטייטשט, מעשה דרשן, מיינע געדאַנקען אין אַ פסוק.

דאָס בוך לייענט זיך ווי אַ מעשה, אָבער, עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ניט צוגעטראַכט קיין סיטואַציעס, ניט אויסגעטראַכט קיין העלדן אָדער

געשטאַלטן און אַריינגעלייגט זיי אין מויל רייד, וואָס זיינען ניטאָ אין מקור. פולע אַכציק פּראָצענט פונעם ספר זיינען נבואה טעקסטן. איך האָב כסדר געלאָזן ריידן דעם נביא אַליין. דורך זיינע אייגענע רייד ווערן געשאַפן סי־טואַציעס, בילדער, וואָס מאַכן קלאָר די צייט אין וועלכער די נבואות זיינען געהאַלטן געוואָרן און עס ווערט אַרויסגעבראַכט דעם נביאס סביבה. דורך די נבואות אַליין דערוויסן מיר זיך וועגן די שיטות, וואָס די נביאים האָבן באַקעמפט. אַן שום קאָמענטאַרן און אַריינטײַטשונגען זעען מיר די קוואַלן פון וועלכע די נביאים האָבן געצויגן זייער גייסטיקע יניקה.

ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזערע אינטעלעקטואַלן איז אָנגענומען אַז די נביאים זיינען געווען אַזוי גייסטיק הויך אין זייער אויפנעמען גאָט, לאַנד, יושר און גערעכטיקייט אַז דעם דורכשניטלעכן יידן איז זייער תורה געווען אינגאַנצן פרעמד. דאָס פּאַסט זיך אַריין זייער גוט אין דער קריסטלעכער פאָרמולע אַז יידן האָבן שטענדיק פאַרמיאוסט גאָטס וואָרט און דערפאַר האָט ער זיי פאַרשטויסן און פאַרלאָזן.

דער לייענער פון „אין די טעג פון די נביאים" וועט זען, אַז דער נביא איז אַלע מאָל געווען דאָס קול פון דעם געוויסן פון יידישן פאָלק. דער נביא האָט ניט געשאַפן קיין יש מאין. ס'איז עפּעס געווען שטענדיק פריער, וואָס האָט געהאַט דאָס קערנדל פונעם נביאס רייד. ער האָט זיין גייסטיקע יניקה געצויגן פון דער טיף פאַרוואָרצלטער יידישער טראַדיציע, דערפאַר זיינען דעם נביאס השגות געווען פרעמד יענע יידישע שיכטן, וואָס זיינען באַווירקט געוואָרן פון דער אַרומיקער געצנדינערשער סביבה. דעם נביאס באַגריף איז אַלעמאָל אין תוך געווען אַ ריין יידישער, טיף פאַרוואָרצלטער אין דער אַלטער מסורה. און געדענקען דאַרף מען געדענקען אַז דער נביא איז קיינמאָל ניט געשטאַנען אַליין. אַ סך נביאים האָבן געהאַט תלמידים, געט־רייע נאָכפאָלגער וואָס האָבן זיי באַשיצט. דעם נביאס רייד האָבן שטענדיק געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דעם אָדער יענעם טייל פון פאָלק. דער בעסטער סימן איז אַז עס האָט זיך אַלעמאָל געפונען עמיצער וואָס האָט אַראָפּגעשריבן זיינע רייד און זיי אויפגעהיט.

◆

איך האָב געשריבן דאָס בוך אין דער פינצטערסטער צייט — אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — דעמאָלט, ווען היטלער ימח שמו וזכרו, האָט זיך פאַרנומען אויסצוראָטן אונדזער פאָלק. די אַרבעט אויפן בוך איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע טרייסט און היילונג. אין דער צייט וואָס

ישראלס נאָמען איז פּאַרמיאוסט געוואָרן צווישן פעלקער, האָט אַ סך פון אונדז אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון שפלות, געפאַלנקייט און יאוש. אין אָט דער צייט האָבן מיך געטרייסט און געשטאַרקט די רייד פון די נביאים. זיי שטעלן אַוועק אונדזער פאָלק אין צענטער פון דער וועלט און אַז די וועלט טוט אונדז אָן צרות קאָן זי ניט געשאָנעוועט ווערן. ירמיהו זאָגט:

— וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל צו מיר: נעם דעם כוס ווײַן פון גרימצאָרן פון מײַן האַנט, און זאָלסט אים געבן צו טרינקען צו אַלע פעלקער, וואָס איך שיק דיך צו זיי... און עס וועט זײַן אַז זיי וועלן ניט וועלן נעמען דעם כוס פון דײַן האַנט צו טרינקען, זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער האַר פון די חיילות: טרינקען מוזט איר טרינקען. ווײַל, זעט, מיט דער שטאָט וואָס מײַן נאָמען ווערט גערופן אויף איר הויב איך אָן, קאָנט איר געשאָנעוועט ווערן? איר וועט ניט געשאָנעוועט ווערן. ווײַל איך רוף אַ שווערד אויף אַלע איינוואוינער פון דער ערד, זאָגט גאָט פון די חיילות. (ירמיהו כ״ה, טו, טז, כח, כט).

נאָך אַ טרייסט האָב איך געפונען אין די רייד פון די נביאים — יידן זײַנען אַן אייביק פאָלק.

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער וואָס גיט די זון פאַר אַ ליכט בײַטאָג און די לבנה און די שטערן פאַר אַ ליכט בײַנאַכט, דער וואָס רודערט אויף דעם ים, אַז זײַנע כוואַליעס זאָלן רוישן. אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן אָפּ־געטאָן ווערן פון מיר, זאָגט גאָט, דעמאָלט וועט אויך ישראל אויפהערן צו זײַן פאָלק פאַר מיר אויף אייביק. און אַזוי האָט געזאָגט גאָט: אויב די הימלען פון אויבן וועלן אויסגעמאָסטן ווערן און די גרונטן פון דער ערד אונטן וועלן אויסגעפאָרשט ווערן — דעמאָלט וועל איך אויך פאַרמיאוסן די קינדער פון ישראל פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן. (דאָרט ל״א, לד, לה, לו).

אַ דריטע טרייסט האָב איך געפונען אין די רייד פון די נביאים, אַז קיין אומה קאָן ניט אויסגעלייזט ווערן סײַדן זי וועט אָננעמען דעם יידישן וועג:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף אַלע בייזע שכנים, וואָס רירן אָן די נחלה, וואָס איך האָב געמאַכט ארבן מײַן פאָלק ישראל: איך וועל זיי אויסרייסן פון זייער ערד. און עס וועט זײַן נאָכדעם ווי איך וועל זיי אויסרייסן וועל איך זיך דערבאַרעמען און איך וועל זיי אומקערן איטלעכן צו זײַן נחלה, און איטלעכן צו זײַן לאַנד, אויב לערנען וועלן זיי לערנען די וועגן פון מײַן פאָלק. אויב זיי וועלן אָבער ניט צוהערן וועל איך אויסרייסן יענע אומה. איך וועל זיי אויס־רייסן און זיי אומברענגען, זאָגט גאָט. (דאָרט י״ב, יד, טו, יז).

איך האָף, אַז דאָס בוך וועט שטאַרקן ביי דעם יידישן לייענער דעם אינטערעס צום תנ״ך. דער ייִנגערער דור האָט ניט געהאַט די געלעגנהייט צו געניסן צופיל פון ספר הספרים. אויב מיין בוך וועט מעורר זיין דעם יידישן מענטשן צו פאַראינטערעסירן זיך מער מיטן אָריגינאַל, וועט מיין אַרבעט, וואָס האָט געדויערט העכער זעקס יאָר, ניט זיין אומזיסט.

♦

איך וויל באַדאַנקען דעם חשובן יידישן קריטיקער און געלערנטן שמואל ניגער פאַר איבערלייענען דעם גאַנצן כתב יד (אַחוץ צפניה) און פאַר זיינע סטיליסטישע אָנמערקונגען. איך וויל אויך באַדאַנקען דעם תנ״ך־פאָרשער אברהם מענעס פאַר קאָנטראָלירן דעם מאַטעריאַל פון די קאַפּיטלעך ישעיה, ירמיהו און יחזקאל. דעם דיכטער אלף כץ וויל איך אויסדריקן אַ דאַנק פאַר זיין הילף אין לייענען דעם מאַנוסקריפּט און די צווייטע קאָרעקטור. גאָר אַ גרויסן „יישר כוח״ קומט דעם חשובן פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער לייבוש שפּיטאַלניק פאַר זיין אָפּגעהיטן לייענען די גאַנצע קאָרעקטור און פאַר זיינע פיינע למדנישע אָנווייזונגען.

איך וויל אָנמערקן אַז די איבערזעצונג פון די טעקסטן פון תנ״ך האָב איך געמאַכט אין גאַנצן פון ־ דאָס ניי. ווי איך האָב פריער באַמערקט איז די איבערזעצונג מיט אַ שטילן פירוש. אָבער איך מוז אָנווייזן אַז איך וואָלט ניט געהאַט פאַר זיך יהואָשעס פּינקטלעכע, וויסנשאַפטלעכע איבערזעצונג וואָלט איך ניט געווען ביכולת צו שאַפן מיין אייגענעם נוסח.

♦

איך וויל ביי דער געלעגנהייט מוסר מודעה זיין אַז זיכער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פעלערן הן אין דער איבערזעצונג, הן אין פיל אויסטייטשונגען. וויפל איך האָב זיך ניט געהיט האָב איך מסתמא ניט אויסגעמידן קיין טעותים. איך וועל דאַנקבאַר זיין דעם לייענער, וואָס וועט מיר אָנווייזן אויף וועלכן ס׳איז טעות אָדער ניט ריכטיקער אויסטייטשונג. קיינער פון די וואָס האָבן געלייענט, אָדער קאָנטראָלירט דעם כתב־יד, איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די טעותים. ניט אַלעמאָל האָב איך זייערע אָנווייזונגען אָנגענומען.

צום סוף וויל איך זאָגן, אַז איך האָף זוכה צו זיין צו פאַרענדיקן דאָס צווייטע בוך, וואָס וועט אַריינגעמען די נביאים פון נאָכן גלות בבל. אויב איך האָב ערגעץ וואו אַ זכות האָף איך אַז איך וועל האָבן די מעגלעכקייט צוצוגרייטן אין דעם זעלביקן גייסט אויך די כתובים.

ברוקלין, חמשה עשר בשבט, תש״ז.

ישעיה

יהודה אין די צייטן פון ישעיה

דער נביא ישעיה האָט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער משפחה(1). ער איז געבאָרן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין ירושלים. ער האָט דאָרט געלעבט זיין גאַנץ לעבן.

ווען ישעיה איז געבאָרן געוואָרן, איז עוזיהו געווען קעניג אין יהודה. זעכצן יאָר איז עוזיהו אַלט געווען, ווען ער איז געוואָרן מלך, און צוויי און פופציק יאָר האָט ער געקעניגט אין ירושלים. ער איז געווען אַ שטאַרקער און פעאיקער מלך. אין די צוויי און פופציק יאָר פון זיין קעניגן האָט ער ברייטער געמאַכט די גרענעצן פון זיין לאַנד (2) און באַוואָפנט די אַרמיי מיט אַלערליי געווער. ער האָט באַפעסטיקט ירושלים מיט טורעמס און געבויט טורעם־פעסטונגען אין מדבר. ער האָט באַזיגט די עמונים און די אדומים און איינגענומען די שטאָט אלת(3), וואָס האָט אים געגעבן אַ צו־טריט צום ים. ער האָט, ווי שלמה המלך, באַאַרבעט די קופער מינעס פון אַראַביע(4). זיינע שיפן, מיטן אויסגעאַרבעטן קופער, האָבן זיך געלאָזן פון דער האַפן־שטאָט עציון־גבר אויף די ברייטע ימים, און זיי האָבן צוריק־געבראַכט קיין יהודה אַלערליי סחורות פון די מזרח־לענדער. דער קעניג אַליין איז געווען זייער רייך. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך סטאַדעס שעפסן, פיל וויינגערטנער און פעלדער פון תבואה(5).

אין יהודה איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע שפע. עס ווערט דערציילט אין ספר ישעיה, אַז דאָס לאַנד איז געווען פול מיט גאָלד און זילבער און ס'איז ניט געווען קיין שיעור צו זיינע אוצרות(6).

דאָס לאַנד איז רייך געוואָרן און דאָס איינפאַכע, פּראָסטע לעבן פון אַ פויערים־פאָלק האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. אַלערליי לוקסוסן האָבן זיך פאַרשפּרייט צווישן די רייכע איינוואוינער פון יהודה. אין ירושלים זיינען שוין געווען הייזער געבויט פון ציגל, און פּאַלאַצן — פון געהאַקטע שטיינער. די פרויען פון די רייכע האָבן זיך געפּוצט אין פאַרביקע קליידער און זיך געצירט אין אַלערליי צירונג. די מלוכה־פירער און די רייכע סוחרים זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער רייכקייט און זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכ־מאַכן די מנהגים פון די פרעמדע פעלקער. געצנדינעריי, אָבערגלויבנס, אומ־

רעכט צום אָרעמאַן האָבן זיך פאַרמערט. ריכטער האָבן גענומען שוחד, סוחרים האָבן באַשווינדלט די קונים, גרויסע לאַנד־באַזיצער האָבן אויסגע־נאַרט די נחלאות ביי די אָרעמע פויערים. אַלע זינד פון דער שטאַרקערער מלוכה פון ישראל האָבן אָנגעהויבן צו פּלאָגן די רייך־געוואָרענע יהודה(7).

ווען ישעיה איז געווען אַ קינד, האָט זיך עמוס באַוויזן אין בית אל און אויפגעשטורעמט דאָס געמיט פון פאָלק מיט זיינע שטראָף־רייד. גאָר אַ קורצע צייט איידער ישעיה האָט אָנגעהויבן נביאות צו זאָגן, האָט הושע נביאות געזאָגט אין שומרון(8). עס קאָן גריילעך זיין, אַז ישעיה האָט געזען דעם נביא הושע און אים געהערט נביאות זאָגן. ביידע נביאים, עמוס און הושע, האָבן שטאַרק געווירקט אויף ישעיהן(9).

קעניג עוזיהו איז געווען קראַנק אַ לאַנגע צייט, און זיין זון יותם האָט אין זיין נאָמען געפירט די מלוכה. ווען דער קעניג איז געשטאָרבן און די ידיעה פון זיין טויט האָט דערגרייכט צו ישעיהן, האָט זי שטאַרק צערודערט דעם יונגן אַריסטאָקראַט. ער האָט געוואוסט, אַז אויב מען זאָל מעסטן יהודה מיט דער מאָס וואָס די צוויי נביאים, עמוס און הושע, האָבן געמאָסטן די מעשים פון דער מלוכה פון ישראל, איז דאָס פאָלק פון יהודה שטאַרק זינדיק (10). אַן אומגליק מוז קומען. די פאַרברעכנס, וואָס ווערן באַגאַנגען אין ירושלים, קאָנען ניט פאַרשוויגן ווערן פון גאָט, פון דעם גאָט פון גע־רעכטיקייט. ס׳איז נאָך שטיל אין לאַנד, ווייל דער קראַנקער קעניג האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ דעה אין די מלוכה־ענינים. אָבער איצט אַז ער איז געשטאָרבן, און דער יונגער ניט־דערפאַרענער יותם וועט ווערן קעניג, וועלן אויסברעכן מהומות אין יהודה, פונקט ווי זיי האָבן אויסגעבראָכן אין ישראל, נאָך דעם טויט פון דעם שטאַרקן קעניג ירבעם דעם צווייטן.

די ערשטע וויזיע

ישעיה איז געשטאַנען אין דער עזרה, אין דעם פאָרהויף פון בית־המקדש. קאָנטיק, אַז ער איז געקומען אַהין תפילה טאָן (11). זיין האַרץ איז געווען שווער און פול מיט שרעק פאַרן גורל פון זיין פאָלק. ער איז געשטאַנען מיטן פנים צום מזרח און צו די הייליקע כרובים, וואָס האָבן געהיט דעם קדשי קדשים. מיטאַמאָל האָט ער געהאַט אַ וויזיע. דערציילט ישעיה (12):

— אין דעם יאָר וואָס דער מלך עוזיהו איז געשטאָרבן, האָב איך געזען גאָט זיצן אויף אַ דערהויבענעם טראָן, און די ראַנדן פון זיין קלייד האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן היכל. שרפים, ברענענדיקע מלאכים, זיינען גע־

שטאַנען איבער אים. יעדער מלאך האָט געהאַט זעקס פליגל. מיט צוויי פליגל האָט ער פאַרדעקט זיין פנים, מיט צוויי פליגל האָט ער פאַרדעקט זיינע פיס, און מיט צוויי פליגל איז ער געפלויגן. און איין מלאך האָט גע־רופן צום אַנדערן און געזאָגט:

— הייליק, הייליק, הייליק איז דער גאָט פון די חיילות,
די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין פראַכט.

די פונדאַמענטן פון די שוועלן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן פון דעם קול פון דעם רוף, און דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט רויך.

— און איך האָב געזאָגט:

— ווי איז מיר, איך בין אַ פאַרלוירענער, איך, אַ מענטש מיט אומריינע ליפן האָב געזען גאָט.

— און איינער פון די מלאכים איז צו מיר צוגעפלויגן, און אין זיין האַנט איז געווען אַן אָנגעגליטער שטיין, וואָס ער האָט גענומען פון מזבח. און ער האָט אים צוגערירט צו מיין מויל און געזאָגט:

— זע, דאָס דאָזיקע האָט אָנגערירט דיינע ליפן, דיין זינד האָט זיך אָפּגעטאָן, און דיין חטא איז פאַרגעבן געוואָרן.

— און איך האָב געהערט דאָס קול פון גאָט:

— וועמען זאָל איך שיקן און ווער פון אונדז וויל גיין?

— האָב איך געזאָגט: שיק מיך.

און ער האָט געזאָגט: גיי און דו זאָלסט זאָגן צו דעם דאָזיקן פאָלק:

— הערן וועט איר הערן, אָבער איר וועט ניט פאַרשטיין. קוקן וועט איר קוקן, אָבער איר וועט ניט זען. פעט איז דאָס האַרץ פון דעם דאָזיקן פאָלק. זיינע אויערן זיינען טויב און זיינע אויגן זיינען פאַרקלעפּט(13). ווייל דאָס פאָלק האָט מורא טאָמער וועט ער זען מיט זיינע אויגן און הערן מיט זיינע אויערן, און זיין האַרץ וועט פאַרשטיין, וועט ער תשובה טאָן און אויסגעהיילט ווערן.

— און איך האָב געזאָגט:

— ביז וואַנען וועט עס זיין אַזוי?

— און ער האָט געזאָגט:

— ביז שטעט וועלן זיין וויסט אָן איינוואוינער, הייזער אָן מענטשן, און דאָס לאַנד אַ וויסטעניש(14). און איך וועל פאַרטרייבן די מענטשן אין אַ ווייטער מדינה. און די אָפּגעלאָזנקייט וועט זיין גרויס אין לאַנד. און אויב בלייבן וועט בלייבן אַ צענטל, וועט אויך דאָס פאַרשניטן ווערן.

אָבער אַן אמתער נביא קאָן ניט קומען צום פאָלק בלויז מיט נבואות

פון אומגליק און חורבן. און ישעיה לאָזט אויס די זעאונג מיט אַ נבואה פון האָפענונג:

— אָבער אַזוי ווי דער טערעבינט און דער אייכנבוים, ווען זיי ווערן אָפּגעהאַקט, און עס בלייבט פון זיי בלויז דער שטאָם, פון וועלכן עס שפּראָצן אַרויס פרישע צווייגן און בלעטער, אַזוי וועלן אויך בלייבן די הייליקע זאָמען. זיי זיינען דער שטאָם, דער שטאָם פון דער הייליקער אומה(15).

נאָך דער וויזיע איז ישעיה געוואָרן רואיק און זיכער ביי זיך. זיין וועג איז געווען אָנגעצייכנט. ער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ נביא. ער דאַרף גיין צום פאָלק און אים וואָרענען.

♦

דער נביא ווייס, אַז זיין וועג איז אַ שווערער. דאָס פאָלק וועט זיך צו אים ניט צוהערן. אָבער ישעיה נעמט אָן זיין שליחות: עמעצער וועט דאָך אויפנעמען גאָטס וואָרנונג. זאָל זיין אַז נאָר געציילטע וועלן זיך אומקערן צו גאָט — נו, וועלן די עטלעכע זיין דער איבערבלייב, די זאָמען פון וועלכע די אומה וועט אויפגעריכט ווערן. יידן זיינען גאָטס קינדער. יהוה האָט זיי אויפגעהאָדעוועט און זיי דערצויגן. וועט דען קיינער פון זיי ניט דער־הערן גאָטס רוף? מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך דאָך באַקלאָגט און אויסגע־רופן מיט פאַרדראָס:

— הערט, איר הימלען, און פאַרנעם, דו ערד, ווייל גאָט האָט גערעדט: קינדער האָב איך דערצויגן, און זיי האָבן ווידערגעשפּעניקט קעגן מיר. אַפילו אַן אָקס ווייס ווער עס האָט אים געקויפט, און אַן אייזל דערקענט די קאָרעטע פון זיין באַלעבאָס, אָבער ישראל ווייס ניט וואָס דער אָקס ווייס, און מיין פאָלק פאַרשטייט ניט וויפיל דער אייזל פאַרשטייט(16).

דאָס געזאַנג פון דעם ווייַנגאָרטן

די וויזיע פון גאָטס פּראַכט, גרויסקייט און הייליקייט, וואָס דער יונגער נביא האָט געזען, האָט אָנגעפילט זיין גאַנצע נשמה. ער האָט זיך דערפילט אומריין אין גאָטס געגנוואַרט. ער האָט געדאַרפט גערייניקט ווערן דורך אַ מלאך. און אַרום זיך זעט דער נביא אַן אומריין פאָלק. ירושלים איז גע־שטרויכלט געוואָרן, יהודה איז געפאַלן. זייערע רייד און זייערע מעשים זיינען נאָר צו ווידערשפּעניקן קעגן זיין כבוד (17). אויב דאָס פאָלק וועט זיך ניט אומקערן צום הייליקן פון ישראל, וועט גאָט פאַרלאָזן זיין פאָלק, וואָס

איז געוואָרן רייך און גרויס ביי זיך(18). פול איז דאָס לאַנד מיט געצן און דאָס פאָלק בוקט זיך צו אָפּגעטער, וואָס זייערע הענט האָבן געשאַפן, און אומרעכט הערשט אין לאַנד. די פירער דריקן דאָס פאָלק און צעמאָלן דאָס פנים פון די אָרעמע(19).

און דער יונגער נביא גייט צום פאָלק צו שטראָפן אים און וואָרענען אים. אָבער ער ווייס, אַז דאָס פאָלק איז זאַט און צופרידן, איינגעגלויבט אין פרעמדע געטער און וועט זיך צו אים ניט צוהערן, אויב ער וועט אים גלייך פון אָנהויב נעמען שטראָפן. קליגט זיך דער נביא און הייבט אָן זיין נביאות פאַרשטעלט, מיט אַ משל.

ווי עס ווייזט אויס, האָט ישעיה געהאַלטן די ערשטע נבואה אין אַ יום־טוב. פון נאָענט און ווייט זיינען יידן געקומען קיין ירושלים צו זען דאָס פנים פון גאָט. ס'איז געווען אַ לוסטיקער, פריילעכער יום־טובדיקער עולם, וואָס איז באַשטאַנען פון אייגנטימער פון ווייננגערטנער, אָדער פון די וואָס אַרבעטן אין ווייננגערטנער(20). צווישן די אָנגעפּאַרענע פּויערים האָבן זיך אַרומגעדרייט מעשות־דערציילער און זינגער פון לידער. אַלעמאָל אין יום־טובים פלעגן וואַנדערנדיקע מעשות־דערציילער און זינגער קומען אויפן מאַרק, לעבן טויער פון שטאָט, און דערציילן פאַרן עולם אַלטע מעשות און משלים, און זינגען באַקאַנטע לידער פאַר דעם פריילעכן עולם(21). אויף אַ מאַרק־פּלאַץ אין ירושלים איז געקומען דער יונגער אַריסטאָקראַט ישעיה, פאַרשטעלט ווי אַ זינגער פון פריילעכע, לוסטיקע לידער(22).

ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ ליד פאַר די פאַרזאַמלטע:

— לאָמיך זינגען פאַר מיין ליבן פריינד
דאָס געזאַנג פון זיין ווייננגאָרטן.
אַ ווייננגאָרטן האָט מיין ליבער פריינד געהאַט
אויף אַ באַרג־שפּיץ אַ פעטן.
און ער האָט אים צעגראָבן און אויסגעשטיינט
און אים פאַרפלאַנצט מיט טייערע וויינשטאָקן.
און ער האָט אַ טורעם געבויט אין אים,
און אַ קעלטער אויסגעהאַקט אין אים.
און ער האָט געהאָפט אַז ער זאָל ברענגען גוטע טרויבן,
און ער האָט געבראַכט ווילדע טרויבן(23).

און ישעיה ווענדט זיך צום עולם און בעט אים, אַז ער זאָל משפטן צווישן אים און זיין ווייננגאָרטן. וואָס נאָך האָט ער געקאָנט טאָן פאַר זיין

וויינגאַרטן און ער האָט ניט געטאָן? פאַרוואָס האָט אים דער וויינגאַרטן אָפּגעגנאַרט?

דאָ האָט זיך דער זינגער אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער, אָבער קיינער האָט אים ניט געענטפערט. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט געוואוסט, אַז דער זינגער וויל ניט קיין ענטפער, ער וועט אַליין ענטפערן(24). און ישעיה זינגט ווייטער:

— איצט וועל איך אייך דערציילן,
וואָס איך וועל טאָן צו מיין וויינגאַרטן.
איך וועל אָפּטאָן זיין צאַם,
און זאָל ער אָפּגעגעסן ווערן.
איך וועל צעברעכן זיין פּלויט,
און זאָל ער צעטראָטן ווערן.
איך וועל אים מאַכן פאַר אַ וויסטעניש,
איך וועל ניט אַרומשניידן זיינע צווייגן,
ניט אַרומגראָבן זיינע וואָרצלען.
ער וועט פאַרוואַקסן ווערן מיט דערנער און ווילדגעוויקס,
און די וואָלקנס וועל איך פאַרזאָגן
ניט צו רעגענען אויף אים קיין רעגן (25).

דעם עולם איז געפעלן געוואָרן דאָס געזאַנג. ער האָט אָפּט געהערט אַזעלכע לוסטיקע לידער און פריילעכע געזאַנגען. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ משל. אַזאַ שיינער משל האָט שטענדיק אַ קלוגן און אַ פריילעכן נמשל. געווייינטלעך וועגן אַ חתן און אַ כלה. אַלע האָבן געוואַרט צו הערן וואָס דער זינגער וועט אַרויסברענגען. ישעיה האָט זיי לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן:

— דאָס הויז פון ישראל איז דער וויינגאַרטן פון גאָט פון די חיילות, און די מענער פון יהודה זיינען זיין באַליבטע פלאַנצונג. גאָט האָט געהאָפט, אַז גערעכטיקייט וועט הערשן אין לאַנד, ערשט אומעטום ווערט אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן. ער האָט דערוואַרט יושר און צדקה (26), ערשט אומעטום איז יאָמער און קלאָג.

אויף אַזאַ מאָראַלישן נמשל האָט זיך דער לוסטיקער עולם ניט געריכט. פאַרשטעלטערהייט איז דעם נביא געלונגען צו ברענגען גאָטס וואָרט צו זיין פאָלק. און אַז דער יונגער ישעיה האָט דערזען, אַז דער עולם הערט זיך צו צו אים, שטערט אים ניט, האָט ער פאַר אים אויסגעזונגען נאָך זיבן געזאַנגען(27). אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין פריילעכע לידער פון אַ

זאַרגלאָזן זינגער פֿאַר אַ לוסטיקן יום־טובדיקן עולם. יעדער געזאַנג האָט זיך אָנגעהויבן מיט „ווי צו די״ — אַ ווייגעשריי אויף דעם אומרעכט, וואָס הערשט אין לאַנד, אַ ווייגעשריי אויף די שיכורים, אויף די אָפּלאַכערס, די שווינדלער, די גרויס־האַלטער און די ניט־ערלעכע ריכטער:

— ווי צו די, וואָס רוקן צו אַ הויז צו אַ הויז און דערגענען אַ פֿעלד צו אַ פֿעלד, ביז עס איז מער ניטאָ קיין אָרט פֿאַר דעם אָרעמאַן. אין מיינע אויערן האָט גאָט געשוואָרן, אַז אַ סך הייזער וועלן ווערן וויסט. גרויסע און שיינע הייזער וועלן בלייבן אָן איינוואוינער (28).

— ווי צו די וואָס שטייען־אויף באַגינען און שוין יאָגן זיי זיך נאָך שאַרפֿע געטראַנקען. זיי זיינען אויף ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווייל דער וויין ברענט אין זיי (29).

— ווי צו די וואָס זאָגן אויף שלעכטס גוט און אויף גוטס שלעכט, וואָס מאַכן פֿון ביטער זיס און פֿון זיס ביטער. זיי זיינען ביי זיך אין די אויגן אַלעמאָל קלוג. אין זייער אייגענעם אָנזען זיינען זיי אַלעמאָל פֿאַר־שטענדיק. זיי זיינען גיבורים אויף טרינקען וויין, און העלדן אויף שאַרפֿע געטראַנקען. זיי גיבן גערעכט דעם שולדיקן פֿאַר שוחד, און דעם גערעכטן געפֿינען זיי שולדיק (30).

— ווי צו אייך, וואָס פֿירן־איין אומגערעכטע געזעצן, נייגן־אָפּ פֿון גערעכטיקייט, רויבן דאָס רעכט פֿון די אָרעמע און באַראַבעווען אלמנות און יתומים(31).

אַלע, אַלע אומרעכטן, וואָס דאָס פֿאָלק און די פֿירער באַגייען, האָט דער יונגער נביא אויסגערעכנט פֿאַר דעם לוסטיקן, פֿריילעכן יום־טובדיקן עולם. און ישעיה וואָרנט:

— גאָטס צאָרן וועט זיך אויסלאָזן אויף זיין פֿאָלק. אַזוי ווי אַ פֿייער פֿאַרצערט שטרוי, און היי צעקריכט אין אַ פֿלאַם פֿייער, אַזוי וועט זייער וואָרצל פֿאַרפֿוילט ווערן און זייער בליאונג וועט ווי שטויב צעטראָטן ווערן (32).

און דער נביא פֿרעגט ביטער:

— וואָס וועט איר טאָן אין דעם טאָג פֿון שטראָף, ווען דער בראָך וועט קומען פֿון דער ווייט? צו וועמען וועט איר לויפֿן נאָך הילף? וואו וועט איר איבערלאָזן אייער רייכקייט? (33)

ישעיה, ווי עמוס, זעט און ווייס, אַז אַן אומגליק מוז קומען אויף אַ פֿאָלק וואָס איז זינדיק. גאָט קאָן ניט פֿאַרקוקן אַזעלכע שווערע זינד. אָבער דער נביא ישעיה זאָגט ניט פֿאָראויס גלות און אונטערגאַנג פֿון גאַנצן פֿאָלק.

ס׳וועט אַלעמאָל בלייבן אַ קליין הייפל, אַ רעשטל, וואָס וועט אויפהאַלטן גאָטס וואָרט, וועט שטענדיק בלייבן. דער איבערבלייב פון יעקב וועט זיך אומקערן צו גאָט דעם מעכטיקן(34).

טאַקע אין יענער צייט, באַלד נאָך דער ערשטער וויזיע, גאָר אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן נביאות צו זאָגן, איזביים נביא געבאָרן געוואָרן אַ זון. ישעיה, ווי דער נביא הושע, האָט אַ נאָמען געגעבן זיין קינד אַ סימבאָלישן נאָמען שאָר־ישוב — אַן איבערלייב וועט זיך אומקערן(35). ישעיה האָט געגלויבט אין דער צוקונפט פון זיין פאָלק.

ישעיהס רייד פאַלן אויף טויבע אויערן

דער פאַרזאַמלטער יום־טובדיקער עולם האָט אויסגעהערט דעם יונגן נביא, און יעדער איינער איז דערנאָך אַוועק אויף זיין אייגענעם וועג. אָבער ישעיה ווייס, אַז דאָס איז נאָר דער אָנהייב פון זיין שליחות. ער איז געשיקט געוואָרן פון הייליקן פון ישראל און ער דאַרף טראָגן גאָטס וואָרט צום פאָלק. ער דאַרף שטראָפן און וואָרענען ביז מען וועט זיך צו אים צוהערן.

און דער יונגער נביא גייט אין די פוס־טריט פון עמוס און הושע. ער ווענדט זיך מיט האַרבע שטראָף־רייד צו די זקנים און פירער פון יהודה. ער טאַדלט זיי: זיי טוען אַל דאָס בייז און מיינען, אַז זיי קאָנען געפינען חן אין די אויגן פון גאָט מיט ברענגען אַ סך קרבנות און מיט אָפּהיטן די צערעמאָניעס פון שבת און יום־טוב. די זקנים פון ירושלים רופט ער פירער פון סדום, און די יידן פון יהודה רופט ער דאָס פאָלק פון עמורה:

— הערט דאָס וואָרט פון יהוה, איר פירער פון סדום, פאַרנעמט די רייד פון גאָט, איר פאָלק פון עמורה. איך בין איבערגעזעטיקט מיט פעטס פון געשטאָפּטע בהמות, און בלוט פון אָקסן און שעפּסן וויל איך ניט. און אַז איר קומט זען מיין פּנים, ווער בעט אייך צו טרעטן אין מיינע הויפן? אייערע שבתים און יום־טובים זיינען מיר געוואָרן צו לאַסט, איך קאָן זיי ניט פאַרטראָגן. און אַז איר שפּרייט אויס אייערע הענט אין תפילה צו מיר, וועל איך אָפּקערן מיינע אויגן פון אייך. וויפיל איר זאָלט צו מיר ניט תפילה טאָן און מיך בעטן, וועל איך זיך ניט צוהערן צו אייך — ווייל אייערע הענט זיינען איינגערייכט אין בלוט (36).

— וואַשט אייך, רייניקט אייך,
טוט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים,
הערט אויף שלעכטס טאָן,

לערנט זיך גוטס טאָן.
זוכט גערעכטיקייט,
שטאַרקט דעם באַרויבטן,
נעמט זיך אָן פאַר דעם יתום
און שטעלט זיך איין פאַר דער אלמנה(37).

קאַנטיק, אַז מען האָט זיך ניט צוגעהערט צום נביא, ווייל ישעיה קלאָגט:
—ווי צעלאָזן איז געוואָרן די ערלעכע שטאָט ירושלים, ציון איז אַמאָל געווען פול מיט גערעכטן משפט, גערעכטיקייט האָט גענעכטיקט אין איר, און איצט איז זי פול מיט מערדערס. דיין זילבער איז געוואָרן אָפּפאַל, פסולת. דיינע בעסטע ווייגען זיינען געמישט מיט וואַסער. דיינע פירשטן ווידער־שפעניקן קעגן די געזעצן און חברן זיך מיט גנבים. יעדער איינער יאָגט זיך נאָך געשאַנקען, און מען קאָן אים אונטערקויפן. פאַר דעם יתום נעמט מען זיך ניט אָן, און פאַר דער אלמנה שטעלט מען זיך ניט איין (38). דו, גאָט, האָסט פאַרלאָזן דיין פאָלק, ווייל זיי זיינען פול מיט כישוף פון מזרח, און וואָרזאָגערס האָבן זיי ווי די פלישתים. דאָס לאַנד איז געוואָרן פול מיט זילבער און גאָלד, און ס'איז ניטאָ קיין שיעור צו די אוצרות. פול איז דאָס לאַנד מיט פערד, און ס'איז ניטאָ קיין שיעור צו די רייטוועגן. פול איז דאָס לאַנד מיט געצן, און דאָס פאָלק בוקט זיך צו דעם וואָס זיינע אייגענע פינגער האָבן געמאַכט (39).

און דער נביא זאָגט פאַראויס אַ טאָג פון משפט. זאָלן זיך יידן ניט איינרעדן, אַז ווען גאָטס טאָג וועט קומען, וועט עס זיין אַ גוטער טאָג פאַר יהודה, און יידן וועלן געהאָלפן ווערן. ניין, גאָטס טאָג וועט זיין אַ טאָג פון צאָרן און שטראָף.

— אין יענעם טאָג וועט איינגעבויגן ווערן די גרויסקייט פון מענטשן, און דער שטאָלץ פון די געהויבענע לייט וועט דערנידעריקט ווערן. און די מענטשן וועלן אַנטלויפן אין די הייל׳ן און זיך באַהאַלטן צווישן די שפּאַלטן פון די פעלזן פאַר דער שרעק פון גאָט, פאַר דער פראַכט פון זיין גרויסקייט, ווען ער וועט אויפשטיין אויפצוטרייסלען די וועלט (40).

— דערנידעריקט וועט ווערן דער מענטש, און די אויגן פון די שטאָלצע וועלן אַראָפּגעלאָזט ווערן. גאָט פון די חיילות וועט דערהויבן ווערן דורך גערעכטן משפט, און גאָט דער הייליקער וועט געהייליקט ווערן דורך גע־רעכטיקייט (41).

דער פאַסטוך נביא, עמוס, האָט גערעדט מיט ביטערקייט וועגן די פרויען פון די רייכע און געהויבענע מלוכה־לייט, וואָס באַרויבן די אָרעמע און

שוואַכע, ווייל די אָפּגעפּאַשעטע גבירות מאַנען שטענדיק ביי זייערע מענער: פאַרזאָרג אונדז(42) מיר זאָלן האָבן גענוג צו טרינקען. ישעיה דער אַריס־טאָקראַט שאַנעוועט אויך ניט די געהויבענע, רייכע אַריסטאָקראַטקעס, וואָס צירן זיך און פוצן זיך אויפן חשבון פון פאָלק.

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

— די טעכטער פון ציון זיינען גרויס ביי זיך. זיי גייען מיט פאַר־ריסענע קעפּ, מיט קליינע געמאָסטענע טריט. זיי ווינקען מיט זייערע אויגן און קלינגען מיט די גאָלדענע רינגען, וואָס זיי טראָגן אויף זייערע פיס. זיי וויקלען זיך אַרום מיט פאַרביקע גאַרטלען, און קרויזן זייערע האָר אין שיינע לאָקן. און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, אין טאָג פון משפט, וועט גאָט אָפּטאָן די שיינקייט פון די פוס־רינגען, די שטערנבענדער און די לבנהלעך, מיט וועלכע זיי צירן זיך. גאָט וועט קרעציק מאַכן די קעפּ פון די טעכטער פון ציון. אַנשטאָט פיינע שמעקנדיקע בשמים וועט זיך הערן פון זיי צעפוילטקייט. אַנשטאָט שיינע גאַרטלען אַרום זייערע לענדן וועט זיין אַ שטריק, אַנשטאָט שיינע קרויזן אויף זייערע קעפּ — אַ פּליך(43).

און דער נביא וואָרנט:

— ירושלים, דיינע מענער וועלן פאַלן דורך דער שווערד, און דיינע גיבורים אין מלחמה. קלאָגן און טרויערן וועלן דיינע טויערן. אויסגעליידיקט וועט ווערן די שטאָט. ווי אַ מוטער, וואָס קלאָגט אויף אירע קינדער, וועט זי זיצן אויף דער ערד און טרויערן אויף אירע זין, וואָס זיינען אַוועק און וועלן זיך קיינמאָל ניט אומקערן (44).

און דער נביא ווענדט זיך צו די פרויען, וואָס טרייבן זייערע מענער צו גזלה, גנבה און צו נעמען שוחד:

— איר צופרידענע, רואיקע ווייבער, שטייט אויף און הערט מיין קול. איר טעכטער פון ציון, וואָס מיינט, אַז איר זייט זיכער און באַשיצט פון געפאַר, פאַרנעמט מיינע רייד: אין איין יאָר, און נאָך אַביסל צייט, וועט איר, זיכערע, פאַרציטערט ווערן. ציטערט איר זיכערע, איר וועט אויסטאָן אייערע קליידער און אַנגורטן אַ זאַק אויף אייערע לענדן. אויף דער ערד פון מיין פאָלק וועלן אויפגיין דערנער און ווילדגעוויקס. דער פּאַלאַץ וועט פאַרלאָזן ווערן, דער טומל פון שטאָט וועט אויפהערן. פעסטונג און טורעם וועלן חרוב ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין היילן אויף אייביק. די פּלעצער וואָס זיינען געווען אַ פרייד פאַר די איינוואוינער פון ירושלים, וועלן ווערן לוסט־ערטער פאַר וואַלד־אייזלען און אַ פיטערונג־אָרט פאַר סטאַדעס(45).

נבואות אויף ישראל

אין יענער צייט, קאָן זיין, האָט ישעיה באַזוכט די מלוכה פון ישראל(46). ער האָט געזען די אומאָרדענונג און די מהומות אין לאַנד. דער טראָן איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון פאַרשווערער. איינער פון זיי איז געזעסן אויפן טראָן נאָר איין חודש. די שכנישע פעלקער פון ישראל האָבן אויסגענוצט די אומרועו אין דער מלוכה און גענומען רייסן פון איר שטיקער. דאָס פאָלק פון ישראל האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען שטראָפן פון יהוה. גאָט שטראָפט זיי פאַר זייערע זינד, און ער וואַרט, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן צו אים. אָבער שומרון האָט ניט פאַרבעסערט אירע וועגן און זיך ניט אומגעקערט צו יהוה. און גאָטס צאָרן האָט זיך ניט איינגעשטילט, ער איז פון כעס ניט אָפּגעגאַנגען, און זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט צו שטראָפן נאָך און נאָך.

ישעיה זעט, אַז די גרעסטע זינד פון שומרון איז וואָס דאָס פאָלק איז שטאָלץ און האַלט זיך גרויס. זיי מיינען אַז די אַלע אומגליקן זיינען נאָר פאַרבייגייענדיקע פּאַסירונגען. באַלד, באַלד און ישראל וועט צוריק ווערן שטאַרק און מעכטיק און וואַרפן זיין שרעק אויף די שכנים. און ישעיה זאָגט:

— אַ וואָרט האָט גאָט געשיקט צו יעקבן, און עס איז געפאַלן אין ישראל. די נבואה וועט מקוים ווערן, זיי וועלן עס וויסן און זיי וועלן עס דערזען, דאָס גאַנצע פאָלק פון אפרים און די איינוואוינער פון שומרון. זיי זאָגן, אָרעמע שטיבלעך פון פּראָסטע ציגל זיינען איינגעפאַלן, אָבער מיר וועלן אויפבויען פּאַלאַצן פון געהאַקטע שטיינער, ווילדע פייגנביימער זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן און מיט צעדערן וועלן מיר זיי פאַרבייטן(47). זיי האָבן פאַראַכט גאָטס תורה און געלעסטערט דאָס וואָרט פון דעם הייליקן פון ישראל(48). האָט זיך צעברענט גאָטס צאָרן אויף זיין פאָלק. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אים געשלאָגן. די בערג האָבן געציטערט און די טויטע קערפּערס זיינען געווען ווי מיסט אין די גאַסן. אָבער דאָס פאָלק האָט זיך ניט אומגעקערט צו יהוה. דערפאַר איז ער פון זיין כעס ניט אָפּגעגאַנגען, און זיין האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט צו שטראָפן.

און דער נביא רעכנט אויס די אומגליקן, וואָס גאָט האָט געבראַכט אויפן פאָלק כדי אים צו וואָרענען. פריער איז געווען די ערדציטערניש(49). און אַז דאָס פאָלק האָט ניט פאַרשטאַנען און ניט געזען די וואָרנונג, האָט גאָט אויף אים אָנגעשיקט די שכנישע פעלקער(50). ארם איז באַפאַלן ישראל

פון פאָרנט און די פלישתים פון הינטן. דערנאָך האָט ער אָנגעשיקט אַ ברודער־קריג: מנשה עסט אפרימען און אפרים — מנשהן. דאָס פאָלק האָט זיך נאָך אָבער אַלץ ניט אומגעקערט צו גאָט, וואָס שטראָפט אים, און ניט געזוכט דעם גאָט פון די חיילות, דערפאַר איז זיין האַנט נאָך אויסגע־שטרעקט צו שטראָפן.

און ישעיה זאָגט פאָראויס גלות פאַר שומרון. די חיילות פון אשור וועלן אָנקומען און קיינער וועט ניט ניצול ווערן. אשור וועט איינגעמען דאָס לאַנד און פאַרטרייבן ישראל:

— און גאָט וועט אויפהויבן אַ פאָן צו אַ פאָלק פון דער וייט, און ער וועט אַ שמוצער טאָן צו אים פון עק וועלט, און איילנדיק, פלינק וועט ער קומען. אַ מעכטיקע אַרמיי וועט אָנקומען. קיין מידער, קיין שטרויכלער וועט זיך ניט געפינען אין איר. זיי וועלן זיך ניט פאַרגינען צו שלאָפן אָדער אַפילו אַ דרעמל טאָן. עס וועט זיך ניט אָפבינדן דער גאַרטל פון זיינער אַ שווערד און קיין שוך־בענדל וועט זיך ניט צערייסן. די פיילן וועלן אַלע זיין געשאַרפט און די בויגנס וועלן זיין אָנגעצויגענע(51).

די קלויען פון זיינע פערד ווי קיזלשטיין,
די רעדער פון זיינע רייטוועגן ווי שטורעמווינט,
זיין ברומען וועט זיין ווי אַ לייבענטע,
ער וועט ברומען ווי יונגע לייבן.
ער וועט ברומען, איינבייסן זיך אין זיין רויב און אַנטלויפן —
און קיינער וועט ניט קענען ראַטעווען.

ניט אין יהודה און ניט אין ישראל האָט מען געגלויבט, אַז די געפאַר איז אַזוי נאָענט. באַלד אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די ערשטע סמנים פון אָנקומענדיקן אומגליק.

אין די צייטן פון אחז

אַרום פיר, פינף יאָר נאָכדעם ווי ישעיה האָט אָנגעהויבן נביאות צו זאָגן, האָט פקח, דער זון פון רמליהו, דער קעניג פון ישראל, געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן דעם קעניג פון אשור. ישראל איז געווען אונטערטעניק צו אשור זינט די צייטן פון מנחם. איצט האָט זיך פקח, דער קעניג פון ישראל, פאַראייניקט מיט רצין, דעם קעניג פון ארם, און זיי האָבן ווידער־שפעניקט קעגן דער הערשאַפט פון אשור. דער פלאַן פון די צוויי הערשער איז געווען צו פאַראייניקן אַלע שכנישע פעלקער און דערנאָך זיך פאַרבינדן

מיט מצרים, און אַלע אינאײנעם צעשלאָגן אשור. ווי עס ווײַזט אויס, איז רצינען און פקחן געלונגען צו פאַראײניקן די פעלקער אַרום זײ. אָבער כדי דער פּלאַן זאָל האָבן אַ ממשות, האָבן זײ געמוזט האָבן אין דעם בונד די מלוכה פון יהודה, וואָס איז געלעגן צווישן זײ און מצרים.

פקח, דער קעניג פון ישראל, און רצין, דער קעניג פון ארם, האָבן גע־שיקט שלוחים צו אחזן, דעם קעניג פון יהודה, אַז ער זאָל צושטײן צום בונד.

אחז האָט געהאַט דרײ ברירות(52): ער האָט געקענט צושטײן צו דער פאַרשווערונג און זיך דערקלערן פאַר אַן אָפענעם שונא פון אשור; ער האָט זיך געקענט אונטערוואַרפן אונטער דער מאַכט פון די אשורים און בעטן בײ זײער קעניג הילף; ער האָט אָבער אויך געקאָנט וואַרטן ביז די מלחמות וועלן זיך ענדיקן און יעמאָלט וועט ער זען וואָס צו טאָן. אחז האָט באַשטימט בעטן הילף בײ אשור.

ישעיה האָט געהאַלטן ווי הושע(53), אַז יידן דאַרפן זיך ניט מישן אין דעם טומל, פּלאָנטער און אין די אינטריגעס פון די פעלקער אַרום. יהודה, האָט ישעיה געמײנט, דאַרף שטײן אַן אַ זײט. זי דאַרף זיך פאַרלאָזן ניט אויף אשור און ניט אויף מצרים. שומרון און ארם זײנען צו שוואַך צו פירן אַ מלחמה קעגן יהודה, און אשור וועט זײ לאַנג ניט לאָזן צורו. זאָל נאָר אחז בלײבן רואיק און גלויבן אין דער קראַפט און אין דעם פּלאַן פון יהוה.

אָבער אחז האָט זיך דערשראָקן און געשיקט בעטן הילף בײ אשור. עס ווערט דערצײלט אין ספר ישעיה:

— און עס איז געווען ווען עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין הויז פון דוד אַזוי צו זאָגן: — ארם האָט זיך פאַראײניקט מיט אפרים, האָט זיך זײַן האַרץ, און דאָס האַרץ פון זײַן פאָלק געטרײסלט אַזוי ווי עס טרײסלען זיך די בײמער פון וואַלד אין אַ ווינט(54).

ווען אחז האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטײן צום בונד, האָבן ארם און ישראל דערקלערט מלחמה קעגן יהודה. זײ האָבן געהאַט אַ סך נאָכפאָלגער אין ירושלים. אײנער פון די שררות פון ירושלים, דער זון פון טבאל, האָט געזאָלט פאַרנעמען דעם טראָן פון אחז, נאָכדעם ווי די פאַראײניקטע חיילות פון ישראל און ארם וועלן אײננעמען די שטאָט.

די אַרמײען פון ישראל און ארם האָבן זיך געלאָזט גײן אויף ירושלים. זײ האָבן אײנגענומען שטאָט נאָך שטאָט. אין גאָר אַ קורצער צײַט איז גאַנץ יהודה אײנגענומען געוואָרן, און ירושלים איז באַלאַגערט געוואָרן. אחז האָט אין גרויס אײַלעניש אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן די פעסטונג פון דער הויפּטשטאָט. דערהויפּט האָט ער געזען, אַז עס זאָלן גוט באַשיצט ווערן די

גראבנס, וואס באזארגן די שטאט מיט וואסער. ער האט אליין אכטונג געגעבן אויף די צוגרייטונגען וואס זיינען אנגעגאנגען ביי דער וואסער־לייטונג.

ווען דער קעניג איז געשטאנען ביים ברעג גראבן פון דעם אויבערשטן טייך ביים ברעג פון וועשער־פעלד, האט זיך ישעיה באוויזן צו אים. דער נביא איז אנגעקומען, פירנדיק ביי דער האנט זיין יונגן קינד, דאס ייִנגעלע שאר־ישוב. ישעיה האט זיך אפגעשטעלט לעבן וואסער־גראבן און אנגעהויבן זאגן נביאות:

— זיץ רואיק, אחז, און האב ניט קיין מורא, זאל זיך דיין הארץ ניט שרעקן פאר די צוויי רויכערדיקע העלצער, רצין, דער קעניג פון ארם, און פקח, דער זון פון רמליהו, קעניג פון ישראל. זיי האבן אויף דיר געטראכט שלעכטס און זיי האבן געזאגט: מיר וועלן אויפגיין אויף יהודה און זי באלאגערן, מיר וועלן זיך דורכרייסן דורך די פעסטונגען(55) און בערג־שטעגן און מיר וועלן זי באזיגן. מיר וועלן ארויפזעצן אויף איר טראן דעם זון פון טבאלן. הער וואס גאט דער האר האט געזאגט: — עס וועט ניט קומען דערצו און עס וועט ניט געשען(56).

אחז האט דעם נביא ניט געענטפערט. דער מלך האט געהאט זיינע אייגענע פלענער. ישעיה האט דערזען, אז זיינע רייד ווירקן ניט, אחז גלויבט אים ניט. זאגט דער נביא צום קעניג:

— אויב דו גלויבסט ניט, בעט דיר א צייכן פון דיין גאט, בעט פון דער טיפעניש, די ערד זאל זיך פלוצלונג שפאלטן, אדער בעט פון אויבן, אין דער הויך, אז די הימלען זאלן פינצטער ווערן(57).

אחז ענטפערט קורץ:

— איך וועל ניט בעטן און וועל ניט אויספרואוון גאט.

דער נביא ווערט ברייז און רופט אויס מיט פארדראס:

— הערט, איר הויז פון דוד, איז אייך ווינציק מיך מיד צו מאכן, ווילט איר אויך מיד מאכן מיין גאט? אט וועט אייך גאט אליין געבן א צייכן ווי גיך עס וועט קומען אייער הילף: איינע פון די יונגע פרויען אין פאלאץ וועט טראגעדיק ווערן און זי וועט געבוירן א זון. און איידער דאס ייִנגל וועט קאנען פארשטיין וואס עס איז גוט און וואס עס איז שלעכט, וועלן פארוויסט ווערן די לענדער פון די צוויי מלכים, וואס דו שרעקסט זיך פאר זיי(58).

אחז האט זיך ניט צוגעהערט צום נביא און ער איז אנגעגאנגען מיט זיין פלאן צו פארבינדן זיך מיט אשור. ישעיה האט אבער ניט אויפגעגעבן די

האָפענונג, אַז מען זאָל זיך צו אים צוהערן. ער האָט געזען, אַז דער מלך הערט אים ניט, איז ער אַרויס ריידן צום פאָלק. ער האָלט אַ נבואה אויף ארם און ישראל:

— אַט וועט דמשק ווערן אויס שטאָט. זי וועט ווערן אַ חורבה, פאַרלאָזן אויף אייביק. קי און שעפסן וועלן זיך פּאַשען אין אירע שטעט, און קיינער וועט זיי ניט איבערשרעקן. אין יענעם טאָג וועט אויך פאַראָרעמט ווערן די פּראַכט פון ישראל, און די פעטקייט פון זיין לייב וועט אָפּגעצערט ווערן. און דער פיינט וועט זיי צונויפנעמען ווי אַ שניטער קלייבט צונויף זאַנגען. נאָר געציילטע וועלן איבערבלייבן, אַזוי ווי עס בלייבן איבער אַ פּאָר איילבירטן אויפן שפּיץ בוים נאָכדעם ווי מע קלאַפּט אים אָפּ. די פעסטונגען פון אפרים וועלן איינגענומען ווערן, און קיין מלוכה וועט מער ניט זיין אין דמשק. און דער איבערבלייב פון ארם וועט זיין אַזוי ווי די פאַרלאָרענע פּראַכט פון די קינדער פון ישראל(59).

אין יענער צייט איז אַ זון געבאָרן געוואָרן ביי ישעיהן און דער נביא גיט אים אַ סימבאָלישן נאָמען: „מהר שלל, חש בז"(60) — וואָס מיינט: „דער זאַק־רויב איילט זיך, דאָס פּלינדערן קומט באַלד". ווייל גאָט האָט געזאָגט:

— זאָלן די איינוואוינער פון ירושלים וויסן, אַז איידער דאָס קינד וועט קאָנען אויסריידן: טאַטע־מאַמע, וועט אשור אַוועקטראָגן דאָס פאַרמעגן פון דמשק און צעפּלינדערן שומרון.

אָבער מען האָט זיך ניט צוגעהערט צום נביא. האָט ישעיה גענומען אַ גרויסן טאָוול און אויפגעשריבן אויף אים דעם נאָמען פון זיין זון: „מהר שלל, חש בז" און אַוועקגעשטעלט דעם טאָוול אין מיטן מאַרק פון דער שטאָט. כדי נאָך מער צו באַווירקן דאָס פאָלק, האָט ער אָנגעשטעלט צוויי באַגלויבטע מענטשן, אַז זיי זאָלן עדות זאָגן שפּעטער, ווען שומרון און דמשק וועלן פאַלן, אַז ער, דער נביא, האָט פאַראויסגעזאָגט די מפּלה פון די צוויי מלוכות(61).

אָבער ניט דאָס פאָלק און ניט דער קעניג האָבן זיך צוגעהערט צום נביא, און זיי האָבן ניט געגלויבט אין זיינע נבואות. אחז האָט אַוועקגעשיקט שלוחים צו תגלת פלאסר, דעם קעניג פון אשור, אַזוי צו זאָגן:

— דיין קנעכט און דיין זון בין איך. קום און העלף מיר פון דער האַנט פון דעם מלך פון ישראל(62).

אחז האָט די שלוחים ניט געשיקט ליידיק. ער האָט גענומען דאָס זילבער און דאָס גאָלד, וואָס האָבן זיך געפונען אין גאָטס הויז און אין די

אוצרות פון מלך, און עס געשיקט ווי שוחד צום מלך פון אשור.
ווען ישעיה האָט עס דערהערט, איז ער געקומען צום קעניג און גע־האַלטן פאַר אים אַ קורצע, שאַרפע און בייזע נבואה:
— גאָט וועט אויף דיר און אויף דיין פאָלק און אויף דיין פאָטערס הויז ברענגען אַזעלכע טעג, וואָס זיינען ניט געווען זינט דעם טאָג, וואָס אפרים האָט זיך אָפּגעריסן פון יהודה(63).
און צום פאָלק אין ירושלים האָט דער נביא געזאָגט:
— ווייל איר האָט פאַרמיאוסט גאָטס וואָרט, וואָס איז ווי די לעבעדיקע, קוואַליקע, שטילע וואַסערן פון אייגענעם טייכל שילוח, וועט גאָט אויף אייך ברענגען די גרויסע וואַסערן פון טייך פרת, דעם מלך פון אשור מיט זיין גאַנץ חייל. ער וועט פאַרפלייצן אַלע גראָבנס, איבערגיין איבער די ברעגן און צוקומען ביז צו יהודה. ער וועט דאָס לאַנד פאַרפלייצן און וועט ביזן האַלדז דערגרייכן(64).

אַ פאַרשווערונג

ישעיה איז געווען קעגן דעם פּלאַן פון קעניג אחז צו בעטן הילף פון אשור. דער נביא האָט פאַרשטאַנען, אַז ווי נאָר אשור וועט אַריינשטעלן אַ פוס אין יהודה, וועט זי דאָס לאַנד ניט אָפּלאָזן. אין ירושלים זיינען געווען אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַראייניקן מיט ישראל און ארם און מיט פאַראייניקטע כוחות קעמפן קעגן אשור. די אָנהענגער פון ישראל און ארם האָבן צוגעגרייט אַ פאַרשווערונג קעגן אָחזן. זיי זיינען געקומען צום נביא, וואָס איז געווען באַוואוסט ווי אַ קעגנער פון אשור, אַז ער זאָל צושטיין צו דער פאַרשווערונג. די פאַרשווערער האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז ישעיה האָט טאַקע ניט געוואָלט, אַז יהודה זאָל זיך אונטערוואַרפן מיט איר אייגענעם ווילן אונטער דעם פרעמדן יאָך, אָבער ער האָט אויך ניט געוואָלט, אַז יהודה זאָל זיך שטעלן קעגן אשור. יהודה דאַרף זיך ניט מישן אין דעם געראַנגל פון די פעלקער אַרום איר. ער האָט געהאַלטן ווי דער נביא הושע, אַז די פרעמדע עסן אויף ישראלס כוח(65). יהודה דאַרף גיין אין גאָטס וועגן און גלויבן אין אים, וועט זי געראַטעוועט ווערן. יאָרן שפּעטער האָט ישעיה גע־זאָגט צו די איינוואוינער פון ירושלים:
— אַזוי האָט געזאָגט גאָט, דער הייליקער פון ישראל, ווען איר וועט זיך אומקערן צו גאָט און זיין רואיק, וועט איר געהאָלפן ווערן. אין פרידלעכקייט און אין בטחון ליגט אייער שטאַרקייט(66).

און אַז די פאַרשווערער קעגן אחזן זיינען געקומען צום נביא, אַז ער זאָל זיי העלפן, האָט ער זיי געענטפערט:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט, ווען ער האָט זיך צו מיר באַוויזן און מיך געוואָרנט ניט צו גיין אין דעם וועג פון דעם דאָזיקן פאָלק: דו זאָלסט ניט אָנרופן פאַרשווערונג אַלץ, וואָס דאָס דאָזיקע פאָלק רופט פאַרשווערונג. זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר דעם, וואָס ער האָט מורא און זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר דעם, וואָס ער שרעקט זיך. גאָט פון די חיילות זאָל זיין דיין מורא און דיין שרעק(67).

די פאַרשווערונג איז דורכגעפאַלן. אחז האָט דורכגעפירט זיין פּלאַן. תגלת פלאסר איז באַפאַלן ישראל און ארם און זיי צעשלאָגן. דמשק איז אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען אין דער מלחמה. אשור האָט דערהרגעט דעם קעניג פון ארם און זיין פאָלק פאַרטריבן אין גלות. תגלת פלאסר האָט איינגעפירט אַ נייאיקייט פאַר יענער צייט(68). ווען ער האָט באַזיגט אַ מלוכה, האָט ער דאָס פאָלק פאַרטריבן, און דאָס לאַנד האָט ער באַזעצט מיט אַן אַנדער באַזיגט פאָלק. ער האָט דאָס געטאָן כדי אויסצומיידן אויפ־שטאַנדן אין דעם באַזיגטן לאַנד. איצט האָט ער עס געטאָן מיט ארם.

שומרון, די הויפּטשטאָט פון ישראל, האָט זיך געראַטעוועט. ווען די אשורישע חיילות האָבן זיך צו איר דערנעענטערט, האָט דער הויפּט פון די יידישע חיילות געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן פקח דעם קעניג פון ישראל און אים דערהרגעט, פאַרכאַפּט די מלוכה און געוואָרן קעניג אויף זיין אָרט. דער נייער קעניג, הושע דער זון פון אלה, האָט זיך אונטערגעגעבן צו אשור און געצאָלט צינז צו תגלת פלאסר. עס איז געוואָרן שטיל אין לאַנד, אָבער ישעיה ווייס, אַז דער פרידן וועט זיך לאַנג ניט האַלטן. שומרון וועט אונטערגיין. זאָגט דער נביא:

— מיט די פיס וועט צעטראָטן ווערן
די שטאָלצע קרוין פון די שיכורים פון אפרים,
און די וועלקנדיקע בלום פון זיין פּרעכטיקער שיינקייט,
וואָס איז אויפן שטאָלץ באַזאַלבטן קאָפּ,
וועט זיין ווי אַ פרי צייטיק געוואָרענע פרוכט,
וואָס אַז דער זעער דערזעט זי,
שלינגט ער זי איין ווען זי איז נאָך אין זיין האַנט(69).

אַ ביטערע צייט וועט אויך קומען אויף יהודה. דאָס וואָס זי האָט גע־שלאָסן אַ בונד מיט אשור וועט איר ניט העלפן. יהודה וועט איצט ווערן

דאָס לאַנד, וואוביידע מלוכות, אשור און מצרים, וועלן קעמפן פאַר דער הערשאַפט פון דער וועלט. זאָגט דער נביא:

—און אין יענעם טאָג וועט גאָט אַ שמוצער טאָן צו דער פליג, וואָס איז אין לאַנד פון מצרים, און צו דער בין, וואָס איז אין לאַנד פון אשור. און זיי וועלן קומען און רוען אין די טאָלן און אין די שפּאַלטן פון די פעלזן און אויף די דערנער פון אַלע פּיטער־פּלעצער. אין יענעם טאָג וועט גאָט מיט אַ געדונגענעם גאָלמעסער, מיט דעם מלך פון אשור, אָפּגאָלן דעם קאָפּ און די האָר פון די פיס, און די באָרד וועט ער אויך אַראָפּנעמען און ניט שאַנעווען(70).

דער קרייז אַרום ישעיה

דער נביא האָט גערעדט, געשטראָפט און געוואָרנט קעגן אַ בונד מיט אשור, אָבער קעניג אחז האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרבונדן מיט די אשורים. ניט נאָר האָט ער געשיקט שווערע צינזן צו תגלת פלאסרן, נאָר דער קעניג פון יהודה האָט אויך אָנגעהויבן נאָכמאַכן אַלע געצנדינערישע מנהגים פון זיין האַר דעם אַשורישן קעניג. אין בית־המקדש האָט אחז אויפגעשטעלט פּונקט אַזאַ מזבח ווי דער קעניג פון אשור האָט אויפגעשטעלט אין דמשק(71). אויך די עבודה אין בית־המקדש האָט אחז געענדערט, און איינגעפירט אַשורישע צערעמאָניעס. אין ספר מלכים ווערט דערציילט, אַז אחז האָט פאַרברענט זיין זון ווי אַ קרבן צום פרעמדן גאָט.

ישעיה האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעקערט פון קעניג און פון דעם זינדיקן פאָלק. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז תלמידים, וואָס האָט אָנגענומען זיינע נבואות און זיך צוגעהערט צו זיינע וואָרענונגען. ער האָט אַ נאָמען געגעבן דעם קרייז „דער־איבערבלייב״, שאָר־ישוב, ער האָט די נבואות פאַרשריבן אויף מגילות און זיי באַהאַלטן פאַר די קומענדיקע דורות(72).

איידער אחז האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטער אשור, האָט ישעיה געמיינט, אַז גאַנץ יהודה וועט זיין דער איבערבלייב(73). די גרויסע זינדיקע מלוכה פון שומרון וועט אונטערגיין אין דעם אויפשטאַנד קעגן אשור, און די קליינע יהודה וועט זיך אַ קער טאָן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און זי וועט עס זיין דער „שאָר־ישראל״, דער־איבערבלייב־פון־די־יידן, דאָס רעשטל, וואָס וועט בלייבן געטריי צו גאָט און אויפהיטן זיין וואָרט. אָבער דער קעניג און דאָס פאָלק האָבן פאַרמיאוסט גאָטס וואָרט, און דער נביא זעט, אַז מען קאָן זיך פאַרלאָזן נאָר אויף אַ קליין הייפל: — די געציילטע עטלעכע תלמידים זיינע, וואָס וועלן אָנגעמען גאָטס וואָרט און היטן זיין געבאָט.

און ישעיה באַנוגנט זיך מיט אַט דעם הייפל גלויביקע. ער שאַפט אַן ענגן קרייז תלמידים, צווישן וועלכע ער נעמט אַריין זיינע צוויי זין, שאָר ישוב און מהר־שלל־חש־בז.

דער נביא דערציילט, אַז גאָט האָט אים באַפוילן:

— פאַרזיגל די וואָרעניש, פאַרחתמע די תורה צווישן די לערנער, צווישן די תלמידים.

און דער נביא זאָגט ווייטער:

— איך וועל וואַרטן אויף גאָט, וואָס פאַרבאַרגט זיין פּנים פון דעם הויז פון יעקב, און איך וועל האָפן צו אים. אָט בין איך און די קינדער, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן פאַר סימנים און צייכנס אין ישראל פון גאָט דעם האַר פון די חיילות, וואָס רוט אויף דעם באַרג פון ציון(74).

חורבן שומרון

צוואַנציק יאָר האָט דער נביא געשוויגן(75). אין דער דאָזיקער צייט האָט פּאַסירט איינער פון די גרעסטע אומגליקן אין דער יידישער געשיכטע. די גרויסע מלוכה ישראל איז געפאַלן. דריי יאָר איז די הויפּט־שטאָט פון ישראל, שומרון, באַלאַגערט געוואָרן פון די חיילות פון אשור(76). סרגון האָט איינגענומען די שטאָט און פאַרטריבן אירע איינוואוינער קיין אשור און דער אשורישער קעניג האָט געבראַכט מענטשן פון בבל און פון אַנדערע מדינות און זיי באַזעצט אין די שטעט פון שומרון אַנשטאָט די קינדער פון ישראל.

ס׳ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט, אַז ישעיה האָט באַקלאָגט אָדער אַפילו באַדויערט דאָס פאַלן פון דער זינדיקער מלוכה ישראל. אָדער ווי זי ווערט אָפט גערופן אין תנ״ך, שומרון. ישעיה האָט געזען אין חורבן־שומרון די גערעכטע האַנט פון גאָט. אַ פאָלק, וואָס זיינע פירער זיינען פאַרפירער און די געפירטע זיינען צעמישט, קאָן לאַנג ניט בלייבן קיין פאָלק(77). אַ פאָלק, וואָס יעדער איינער פון אים איז זינדיק, טוט נאָר שלעכטס, יעדער מויל רעדט נאָר שענדלעכקייטן — אויף אַזאַ פאָלק וועט גאָט ניט רחמנות האָבן(78). ווען דאָס לאַנד איז צעפלאַקערט אין אַ שטענדיקן בירגער־קריג, אַ ברודער דערבאַרעמט זיך ניט אויף אַ ברודער, און יעדער איינער עסט דאָס פלייש פון זיין חבר, ווי קאָן גאָט אָפּגיין פון כעס און זיך איינשטילן(79)? גאָטס צאָרן האָט געברומט, און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אים געשלאָגן, אַז די בערג האָבן געציטערט און טויטע לייבער האָבן זיך געוואַלגערט ווי

מיסט אין די גאַסן. ס'איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַר דעם פאָלק(80). אַ דיקער חושך וועט צודעקן די ערד, און דאָס ליכט אין הימל וועט פינצטער ווערן.

עס איז ניט פאַרשריבן, אַז ישעיה, אָדער וועלכער עס איז אַנדער נביא פון יענער צייט, האָט באַקלאָגט דאָס פאַלן פון שומרון. דער כראָניקער נביא פון ספר מלכים זאָגט שאַרף:

— און די קינדער פון ישראל זיינען געגאַנגען אין אַלע זינד פון ירבעם וואָס ער האָט געטאָן, ביז גאָט האָט אָפּגעטאָן ישראל פון זיין פנים, ווי ער האָט פאַראויסגעזאָגט דורך זיינע קנעכט די נביאים. און ישראל איז פאַר־טריבן געוואָרן פון זיין ערד קיין אשור ביז היינטיקן טאָג(81).

ערשט מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער באַקלאָגט דער נביא ירמיהו די פאַרטריבענע צען שבטים און טרייסט זיי, אַז גאָט האָט זיי ניט פאַרגעסן:

— איך האָב געהערט אפרים קלאָגן: איך בין געשטראָפט געוואָרן. לאָז מיך זיך אומקערן, וועל איך זיך אומקערן, וואָרום דו ביסט יהוה מייז גאָט. און גאָט ענטפערט:

— איז מיר אַ טייערער זון אפרים? איז ער מיר ווי אַ געצערטלט קינד? יאָ, ער איז מיר טייער און ליב, ווייל ווי נאָר איך דערמאָן זיין נאָמע בענקען בענק איך נאָך אים, און מיינע אינגעווייד ברומען צו אים. דער־באַרעמען וועל איך זיך אויף אים דערבאַרעמען — זאָגט גאָט(82).

אָבער גאָט האָט זיך ניט דערבאַרעמט אויף די צען שבטים. אַ טייל איז געבליבן אין לאַנד ישראל, און יאָרן שפּעטער האָבן זיך די פאַרבליבענע פאַראייניקט מיט יהודה. דער גרעסטער טייל, גלויבט מען, האָט זיך אויס־געמישט מיט די פעלקער, צווישן וועלכע זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן.

די יידישע געשיכטע פאַרנעמט זיך ניט מיט פאַרלאָרענע שבטים. אָבער אין דער יידישער לעגענדע זיינען די צען פאַרטריבענע שבטים ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. ביז היינטיקן טאָג דערציילן מיר זיך מעשות וועגן די עשרת השבטים, וואָס האַלטן זיך אויף ערגעץ אין אַ מיסטישן לאַנד, אויף יענער זייט פון דעם לעגענדאַרישן טייך סמבטיון, וואו זיי האָבן זייער אייגענע מלוכה. זיי ווייסן פון יידישן צער אין גלות, און זיי וואַרטן אויף משיחן. און אַז משיח וועט קומען, וועלן די פאַרטריבענע צען שבטים אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל מיט זייערע ווייבער און קינדער, שאָף און רינדער.

נאָכן חורבן בית־המקדש פאַרשווינדט אינגאַנצן, ביי די נביאים, די ביטערקייט קעגן מלכות ישראל. דער נביא יחזקאל זאָגט פאַראויס אַ פאַר־אייניקונג צווישן יהודה און ישראל. גאָט וועט זיי מאַכן פאַר איין פאָלק.

— אזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: איך נעם דעם שטעקן פון יוסף און איך וועל אים צולייגן צום שטעקן פון יהודה, און זיי וועלן ווערן איינער אין מיין האַנט. און גאָט וועט צונויפנעמען די קינדער פון ישראל פון צווישן די פעלקער און זיי איינזאַמלען און זיי ברענגען אויף זייער ערד. און גאָט וועט זיי מאַכן פאַר איין פאָלק אין לאַנד, אויף די בערג פון ישראל: און איין מלך וועט זיין איבער זיי. און זיי וועלן מער ניט זיין קיין צוויי פעלקער, און זיי וועלן מער ניט צעטיילט ווערן אין צוויי מלוכות(83).

דעם נביא יחזקאלס רייד זיינען געבליבן אין געדעכעניש פון פאָלק ביז היינטיקן טאָג. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט מייאש געווען פון די פאַרלאָרענע צען שבטים.

אין די צייטן פון חזקיהו

ווען שומרון איז געפאַלן, איז חזקיהו געווען קעניג אין ירושלים. יהודה האָט ניט אָנטייל גענומען אין דעם אויפשטאַנד קעגן אשור. אויך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען די פלישתישע עזה האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ פאַראייניקונג פון די פעלקער און ווידערשפּעניקט קעגן אשור, איז חזקיהו געשטאַנען אָן אַ זייט און געצאָלט זיין יערלעכן צינז צו אשור. אין ספר מלכים ווערט דערציילט:

— און חזקיהו האָט געטאָן וואָס עס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זיין פאָטער דוד האָט געטאָן. ער האָט אָפּגעטאָן די במות און צעבראָכן די זייל־שטיינער. ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף גאָט דעם האַר פון ישראל, און ער האָט זיך באַהעפט אָן גאָט און אָפּגעהיט זיינע געבאָטן, וואָס ער האָט געגעבן משהן(84).

אָבער דער יאָך פון אשור איז געפאַלן זייער שווער אויף די פּלייצעס פון דעם יונגן קעניג. די פעלקער אַרום האָבן געהאַלטן אין איין אינטריגירן קעגן אשור. און ווען חזקיהו איז געווען קעניג פערצן יאָר, האָבן זיך די פעלקער מואב, עמון, אדום און די פלישתים פאַראייניקט קעגן אשור. איצט איז אין דער שפּיץ פון דער פאַרשווערונג געשטאַנען די פלישתישע שטאָט אשדוד. די פאַראייניקטע פעלקער האָבן געוואָלט, אַז חזקיהו זאָל צושטיין צו דער פאַרשווערונג. דער יונגער קעניג איז געווען גענייגט צוצושטיין צום בונד. יהודה האָט זיך מער ניט גענייטיקט אין דעם שוץ פון אשור קעגן אפרים און ארם(85). ביידע מלוכות זיינען חרוב געוואָרן. אין יענער צייט, נאָך צוואַנציק יאָר שטיין אָן אַ זייט, האָט ישעיה איבערגעריסן זיין שטילשווייגן.

◆

אין די צייטן פון קעניג אחז האָט ישעיה געהאַלטן, אַז יהודה טאָר זיך ניט אונטערוואַרפן מיט איר אייגענעם ווילן אונטער דעם יאָך פון אשור. איצט אָבער, אַז די יידן דינען אשור, טאָרן זיי ניט ווידערשפּעניקן. פאַרבינדונגען מיט פרעמדע פעלקער. פאַרשווערונגען, אויפשטאַנדן זיינען סימנים פון ניט־גלויבן אין גאָט. יידן דאַרפן זיך ניט פאַרלאָזן אויף רייטוועגן און רייטער, אָדער אויף הילף פון אַנדערע מלוכות. גאָט איז זייער שטאַרקייט. ער איז דער פירער פון דער גאַנצער וועלט. אשור געוועלטיקט איבער פעלקער ניט ווייל זי איז שטאַרק און האָט אַ סך חיילות, נאָר ווייל אשור איז די רוט פון גאָטס צאָרן. גאָטס כעס איז דער שטעקן אין אשורס האַנט(86).

אַז שלמנאסר איז געשטאָרבן, און סרגון איז אַרויף אויף דעם טראָן פון אשור, האָבן זיך די פלישתים דערפרייט און געמיינט, אַז עס איז געקומען די צייט אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון אשור. די פלישתישע שטאָט עזה האָט טאַקע זיך געשטעלט קעגן סרגונען. ישעיה וואָרנט די פלישתים אין אַ קורצער נבואה:

— פרייט זיך ניט, איר פלישתים, וואָס די רוט, וואָס האָט אייך געשלאָגן, איז צעבראָכן, וואָרום פון וואָרצל פון דער שלאַנג וועט אַרויס אַ ברענענדיקע שלאַנג, און די פרוכט פון איר וואָרצל וועט זיין אַ פליענדיקע שלאַנג(87).

די פלישתים זיינען צעשלאָגן געוואָרן פון אשור. אָבער אין דעם פערצנטן יאָר פון חזקיהוס קיניגן, איז סרגון געווען פאַרנומען אין אַן אַנדער טייל פון זיין מלוכה, וואו עס האָבן אויסגעבראָכן גרויסע אויפשטאַנדן. די קליינע פעלקער פון ארץ־ישראל און סיריע האָבן זיך ערנסט גענומען אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד. איצט איז די פלישתישע שטאָט אשדוד געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער פאַרשווערונג. די פלישתים האָבן געשיקט שלוחים צו חזקיהון, אים איבערצורייידן, אַז ער זאָל צושטיין צו דער מרידה. חזקיהו האָט זיך געוואַקלט. ער האָט די שלוחים ניט געגעבן קיין באַלדיקן ענטפער. דער נביא ישעיה זאָגט אים, אַז ער האָט ניט וואָס צו טראַכטן און וואָס צו וואַרטן. עס איז דאָך קלאָר וואָס מען דאַרף זיי זאָגן:

— און וואָס זאָלן מיר ענטפערן די שלוחים פון פאָלק?

— גאָט האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון ציון און אין איר, אין ציון, וועט זיך שיצן דאָס געדריקטע פאָלק(88).

דער קעניג און די הויפּטן פון דער מלוכה און אַ סך יידן האָבן ניט מסכים געווען מיט ישעיהן. זיי האָבן געמיינט, אַז אויב די אַלע קליינע פעלקער וועלן זיך פאַראייניקן, און מצרים וועט זיי קומען צו הילף, וועט אשור צע־

שלאָגן ווערן. ווי עס ווייזט אויס, האָבן די יידן פון יהודה און די אַרומיקע פעלקער געשיקט שלוחים קיין מצרים. און דער נביא זאָגט:

— וויי, איר ווידערשפעניקע קינדער, וואָס מאַכן פּלענער וואָס זיינען ניט פון מיר, און וואָס ווילן שליסן אַ בונד, וואָס איז ניט אין מיין גייסט, איר מערט זינד אויף זינד. איר ווילט נידערן קיין מצרים, און מיין מויל האָט איר ניט געפרעגט. איר ווילט זיך באַשירעמען אין שאָטן פון מצרים, אָבער די באַשיצונג פון מצרים וועט אייך פאַרשעמען, און די באַשירעמונג אין שאָטן פון מצרים וועט אייך זיין צו שאַנד(89).

די אָנהענגער פון אַ בונד מיט מצרים האָבן ניט געהערט דעם נביא, און האָבן ווייטער געפירט זייערע קאָנספּיראַציעס. די פּלישתישע שטאָט אשדוד האָט אויפגעהערט צו צאָלן צינזן צום קעניג פון אַשור. דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן. סרגון האָט אריינגעשיקט איינעם פון זיינע חייל־פירער צו באַשטראָפן אשדוד.

אין יענער צייט האָט זיך ישעיה באַוויזן אין די גאַסן פון ירושלים, האַלב נאַקעט. ער האָט אויסגעטאָן זיין נביא־מאַנטל, אַראָפּגענומען די סאַנדאַלן פון די פיס און איז אַרומגעגאַנגען אין די רווישיקע גאַסן פון ירושלים אין איין כתנת — אַן אונטערשטע העמד — ווי דער אָרעמסטער פון די אָרעמע, אָדער ווי אַ מלחמה־געפאַנגענער, וואָס זיינע פאַנגער האָבן אים באַרויבט און אויסגעטאָן די קליידער.

דערציילט איינער פון דעם נביאס תלמידים:

— אין דעם יאָר ווען סרגון האָט געשיקט זיין הויפּט חייל צו האַלטן מלחמה מיט אשדוד, האָט גאָט גערעדט צו ישעיה, דעם זון פון אמוץ, אַזוי צו זאָגן:

— גיי טו אויס דעם האַריקן מאַנטל פון דיינע לענדן, און דיינע שיך זאָלסטו אַראָפּציען פון דיינע פיס(90).

און ישעיה האָט אַזוי געטאָן. דריי יאָר, די גאַנצע צייט וואָס סרגון האָט באַלאַגערט אשדוד, איז ישעיה אַרומגעגאַנגען האַלב נאַקעט איבער די גאַסן פון ירושלים.

און גאָט האָט געזאָגט:

— אַזוי ווי מיין קנעכט ישעיה איז דריי יאָר אַרומגעגאַנגען נאַקעט און באָרוועס פאַר אַ צייכן אויף מצרים און כוש, אַזוי וועט דער קעניג פון אשור אַוועקפירן די געפאַנגענע פון מצרים און כוש. יונג און אַלט וועט ער פירן נאַקעט און באָרוועס, מיט אָפּגעדעקטע לייבער. און די אַלע וואָס

פאַרזיכערן זיך אויף מצרים, וועלן פאַרשעמט ווערן. און די איינוואוינער פון לאַנד וועלן זאָגן אין יענעם טאָג:

— זעט וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזער האָפענונג, פון מצרים, וואוהין מיר זיינען געלאָפן נאָך הילף צו ראַטעווען זיך פון מלך פון אשור. איז ווי אַזוי וועלן מיר געראַטעוועט ווערן?

ישעיהס מוטיקער אַרויסטריט האָט געהאָלפן. חזקיהו איז ניט צוגע־שטאַנען צום בונד. דער הויפּט פון אשורישן חייל האָט נאָך דריי יאָר באַ־לאַגערונג באַצוואונגען אשדוד און פאַרטריבן אירע איינוואוינער.

לפּנים איז געוואָרן רואיק אין יהודה.

די גרויסע פאַרשווערונג

מיט זעקס יאָר שפּעטער נאָך דעם פאַלן פון אשדוד איז סרגון געשטאָרבן און סנחריב איז געוואָרן קעניג פון אשור(91). די אונטערדריקטע און אונ־טעריאָכטע פעלקער האָבן זיך ווידער דערפרייט. זיי האָבן ווידער געהאָפט, אַז עס איז געקומען די ריכטיקע צייט אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון אשור. מרדך בלאדן, קעניג פון בבל, וואָס איז צעשלאָגן געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, און איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, האָט זיך אומגע־קערט פון זיין געפאַנגענשאַפט, זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַן אַרמיי, און אונטער זיין פירערשאַפט איז בבל צוריק געוואָרן זעלבסטשטענדיק. אָבער מרדך בלאדן האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי גיך ווי סנחריב, דער נייער קעניג פון אשור, וועט פאַרשטאַרקן זיין מלוכה, וועט זיך דעם קאַמף אָנהויבן פון דאָס ניי. האָט דער קעניג פון בבל געשיקט שלוחים צו די אַרומיקע פעלקער, אַז אַלע זאָלן זיך פאַראייניקן קעגן אשור. שלוחים פון בבל זיינען אויך אָנגעקומען צו חזקיהון, דעם מלך פון יהודה.

אין ספר מלכים און אויך אין ספר ישעיה(92) ווערט דערציילט, אַז אין יענער צייט איז חזקיהו קראַנק געוואָרן און ישעיה האָט אים אויסגעהיילט. יעמאָלט האָט מרדך בלאדן, דער זון פון בלאדן, דער קיניג פון בבל, געשיקט אַ בריוו און אַ מתנה צו חזקיהו, ווייל ער האָט געהערט, אַז חזקיהו איז קראַנק געווען און איז געזונט געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ גוטער אויסרייד פאַר דער וועלט. באמת זיינען די שלוחים געקומען זיך דורכצורעדן מיט חזקיהון. זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל צושטיין צו דער פאַרשווערונג, וואָס מרדך בלאדן האָט צוגעגרייט קעגן סנחריב דעם מלך פון אשור.

און חזקיהו האָט זיך דערפרייט מיט די שלוחים. עס ווערט דערציילט אין ספר ישעיה און אין ספר מלכים, אַז דער קעניג האָט געוויזן די שלוחים פון בבל ווי גוט ער איז צוגעגרייט צו מלחמה. ער האָט זיי געוויזן זיין שאַץ־הויז, דאָס גאָלד, דאָס זילבער און די בשמים, און די גוטע אייל, און דאָס גאַנצע הויז פון זיינע וואָפן, און אַלץ וואָס עס האָט זיך געפונען אין זיינע שאַצקאַמערן. ס׳איז ניט געווען קיין זאַך אין זיין הויז און אין זיין מלוכה, וואָס חזקיהו האָט די שלוחים ניט געוויזן.

ישעיה האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן צוליב וואָס די שלוחים זיינען געקומען. ער איז אַוועק צום קעניג און האָט אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן. חזקיהו האָט גאַרנישט געלייקנט. דער נביא האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט:

— הער דאָס וואָרט פון גאָט פון די חיילות. זע, טעג וועלן קומען און אַלץ וואָס אין דיין הויז, און וואָס דיינע עלטערן האָבן אָנגעקליבן ביזן היינטיקן טאָג, וועט אַוועקגעטראָגן ווערן קיין בבל. קיין זאַך וועט ניט איבערבלייבן, זאָגט גאָט. און דיינע זין, וואָס וועלן ביי דיר געבאָרן ווערן וועלן זיין הויפדינער אין פּאַלאַץ פון מלך פון בבל(93).

חזקיהו האָט זיך דערשראָקן פאַר די ווערטער פון גאָט אין ישעיהס מויל, און דער קעניג האָט געזאָגט:

—גוט איז דאָס וואָרט פון גאָט וואָס דו האָסט גערעדט. ער איז דאָך גאָט, וואָס עס איז גוט אין זיינע אויגן זאָל ער טאָן(94).

אָבער חזקיהו האָט ניט אָפּגעשטעלט זיינע געהיימע פאַרהאַנדלונגען מיט די אַרומיקע שכנים(95). קאָנטיק, אַז עס זיינען געווען נביאים פון גאָט וואָס האָבן געהאַלטן מיט אים. דער נביא־כראָניקער פון מלכים טאַדלט ניט דעם קעניג פאַר זיין בונט קעגן אשור. פאַרקערט, חזקיהו האָט ווידער־געשפּעניקט קעגן אשור, ווייל דער קעניג איז געווען פרום און געפאָלגט גאָט. עס שטייט דאָרטן געשריבן:

— און ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף גאָט און ער האָט זיך ניט אָפּגע־קערט פון אים, און ער האָט געהיט די געבאָטן, וואָס גאָט האָט געגעבן דורך משהן. און גאָט איז געווען מיט אים, אומעטום וואוהין ער פלעגט אַרויסגיין, פלעגט ער באַגליקן. און ער האָט ווידערגעשפּעניקט קעגן מלך פון אשור, און האָט אים ניט געדינט(96).

אין יענער צייט זיינען אָנגעקומען שלוחים פון כוש, מצרים, צו פאַר־האַנדלען מיט חזקיהון. ישעיה וואָס איז געווען קעגן פאַרבינדן זיך מיט מצרים, ווענדט זיך צו זיי:

— אָ, לאַנד, וואו עס זשומען פליגלען פון פויגל, דאָס לאַנד, וואָס

איז אויף יענער זייט פון די טייכן פון כוש (97). איר שיקט אַרויס שלוחים אין ראָרשיפֿלעך. איר זייט אַ פֿאָלק געוואָקסן אויך, און איר זייט אַן אומה, וואָס וואָרפט אַן שרעק ווייט און ברייט. אָבער איר קענט ניט העלפֿן יהודה. נאָר גאָט אַליין קאָן איר העלפֿן. ווען די צייט וועט קומען, וועט גאָט ווייזן זיין קראַפט פאַר דער גאַנצער וועלט. ווען די פאָן פון גאָטס נצחון וועט אויפגעהויבן ווערן אויף די בערג, וועט איר, און אַלע איינוואוינער, עס זען. ווען מען וועט בלאָזן אַ שופר, וועט איר עס דערהערן. גאָט וועט אומוואָרפן און פאַרניכטן אַשור אָן דער הילף פון אַנדערע פעלקער, וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר:

— איך קוק צו רואיק אין מיין וואוינאָרט. אַזוי ווי די קלאָרע וואָרעמ־קייט פון זונשיין, און דער טוי און די היץ פון שניט העלפן צייטיק מאַכן די תבואה, און ווען עס ענדיקט זיך די בליעכץ און דער שפּראָץ ווערט צייטיק אין אַ וויינטרויב, שניידט מען אָפּ די הענגלעך מיט צווייגמעסערס, אָט אַזוי, ווען די ריכטיקע צייט וועט קומען, וועט אַשור צעקלאַפּט ווערן און פאַרלענדט ווערן(98).

אין אַן אַנדער נבואה מאַכט עס דער נביא נאָך מער קלאָר:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר, דער הייליקער פון ישראל: אין פרידלעכקייט און רואיקייט וועט איר געהאָלפן ווערן. אין שטילקייט און גלויבן ליגט אייער שטאַרקייט. אָבער איר ווילט עס ניט. איר האָט געזאָגט: „אויף פערד וועלן מיר לויפן", דעריבער וועט איר אַנטלויפן. איר האָט געזאָגט: „אויף פלינקע פערד וועלן מיר רייטן", דעריבער וועלן זיין פלינק אַלע אייערע נאָכיאָגער. אַ טויזנט וועלן אַנטלויפן פאַר דעם אַנגעשריי פון איינעם, און פאַר דעם אַנגעשריי פון פינף וועט איר אַלע אַנטלויפן(99).

◆

דער נביא האָט גערעדט, און די געהיימע פאַרהאַנדלונגען מיט מצרים האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. חזקיהו האָט געשיקט מתנות צו מצרים און ישעיה האָט געשטורעמט:

— דורך אַ לאַנד פון אַנגסט און נויט, דער לייב און די לייבנטע שפּרינ־גען פון דאָרטן אַרויס; דורך אַ לאַנד וואָס איז פול מיט גיפטיקע און פליענ־דיקע שלאַנגען; דורך דער שרעקלעכער מדבר, פירן די שלוחים פון מלך יהודה מתנות, געטראָגן אויף די רוקנס פון יונגע אייזלען. אויף די הויקערס פון קעמלען טראָגן זיי אוצרות צו אַ פאָלק וואָס קאָן ניט העלפן. די הילף וואָס מצרים קאָן געבן, איז נישטיק און אָן האָפט. זיי גרויסן זיך מיט זייערע

וואַסער־פערד און גרויסע קראָקאָדילן. אָבער זיי קאָנען זיין שטאָלץ נאָר אויף צו זיצן ליידיק אין זייער לאַנד און ניט צו האַלטן מלחמה (100).

און ישעיה קלאָגט:

— ווי צו די וואָס נידערן אַראָפּ קיין מצרים נאָך הילף, און אויף פערד פאַרלאָזן זיי זיך. זיי פאַרזיכערן זיך אויף מצרים, ווייל זי האָט אַ סך רייטוועגן און רייטער. זיי ווענדן זיך ניט צום הייליקן פון ישראל, און גאָט זוכן זיי ניט. און איר ווייסט דאָך, אַז די מיצרים זיינען מענטשן און ניט קיין געטער, און זייערע פערד זיינען פלייש און ניט קיין גייסט(101).

און דער נביא זאָגט פאָראויס:

— און גאָט וועט אויסשטרעקן זיין האַנט און ער וועט שטרויכלען דעם העלפער, און פאַלן וועט דער געהאָלפענער, און אַלע אינאייינעם וועלן זיי פאַרלענדט ווערן.

אָבער מען האָט זיך ניט צוגעהערט צום נביא, און בסוד פון אים האָט מען אָנגעפירט די פאַרהאַנדלונגען מיט די אַרומיקע פעלקער. און דער נביא שטורעמט:

— ווי צו די, וואָס באַהאַלטן טיף פון גאָט זייער פּלאַן, און אין דער פינצטער זיינען זייערע מעשים און זיי זאָגן: ווער זעט אונדז און ווער ווייס וואָס מיר טוען? ווי צו אייער אָפּקערונג פון גאָט. צי קאָן מען פאַרגלייכן דעם טעפּער צו דעם ליים וואָס איז ביי אים אין האַנט? צי קאָן דאָס באַשאַפענע זאָגן צו זיין באַשאַפער: ער פאַרשטייט מיך ניט?(102).

אַ וויכוח

אָפּט האָט מען אָפּגעלאַכט פון נביא. די כוהנים, די נביאים און די פּני פון ירושלים זיינען געווען קעגן ישעיהו. אַליין, געשטיצט אפשר נאָר פון גאָר אַ קליין הייפל נאָכפאָלגער, האָט ער זיך געשטעלט קעגן גאַנץ ירושלים. אין ספר ישעיה איז געבליבן אַ שאַרפער וויכוח צווישן דעם נביא און די פירער פון ירושלים און אירע נביאים.

קאָנטיק, אַז עס איז געווען אין אַ יום־טוב. דער הויף פון בית־המקדש איז געווען פול מיט עולי רגל. מען האָט געבראַכט קרבנות צו גאָט און דערנאָך האָט דער עולם געגעסן, געטרונקען און זיך געפרייט. ישעיה קומט אַריין, אפשר אין אַ זייטיקן צימער פון בית־המקדש, וואו אַזאַ סעודה ווערט געפראַוועט פון די געהויבענע איינוואוינער פון ירושלים. ער זעט דעם האַלב־שיכורן עולם און הויבט אָן נביאות צו זאָגן:

— אויך די פּני פון ירושלים וואַקלען זיך פון ווײַן און שאָקלען זיך פון טרונק. דער כוהן און דער נביא זײַנען צעמישט פון שאַרפע געטראַנקען. די נביאים וואַקלען זיך, ווען זיי האָבן אַ זעאונג, און די ריכטער זײַנען באַ־טרונקען, ווען זיי גיבן אַרויס אַ משפּט. אַלע טישן, זאָגט דער נביא מיט עקל, זײַנען פול מיט מייקעכץ פון שיכורים, און קיין ריינער אָרט איז ניטאָ(103).

די שיכורים האָבן אָנגעהויבן אָפּצולאַכן פון נביא:

— זעט נאָר וועמען ער וויל לערנען וויסן, וועמען ער וויל געבן צו פאַרשטיין גאָטס הערונג און זעאונג. וואָס זײַנען מיר: עופּהלעך ערשט פון ברוסט אָנטוואוינט? ער האַלט אין איין איבערקײַען די זעלביקע אומזיניקע רייד, ווערטער אָן טעם און אָן קלאַנג, אָט ווי אַ קינד . . . — און זיי קרימען אים נאָך:

— צו לצו, צו לצו,

קו לקו, קו לקו.

ישעיה קוקט זיך צו צו די אָפּלאַכנדיקע שיכורים און בלײַבט זיי ניט שולדיק קיין ענטפער:

— יאָ, אויף אַ פרעמד לשון, דורך דעם מויל פון אשור, וועט גאָט צו אײַך ריידן. גאָט האָט צו אײַך גערעדט קלאָר: נאָר אַזוי קאָן זײַן רואיק אין לאַנד, לאָזט צורו מײַן פאָלק וואָס איז מיד פון מלחמות. זאָל ער זיצן רואיק און זיך ניט מישן צווישן די קריגערייען פון פעלקער. אָבער איר האָט עס ניט געוואָלט הערן. דערפאַר זײַנען גאָטס רייד פאַר אײַך פרעמד און ניט פאַרשטענדלעך, ווי אײַערע אומזיניקע פּלאַפּלערייען:

— צו לצו, צו לצו,

קו לקו, קו לקו.

— כדי איר זאָלט גיין און געשטרויכלט ווערן און פאַלן הינטערווײַלעכס און צעבראָכן ווערן, באַצוואונגען און געפאַנגען ווערן.

און נאָך אַ וויכוח איז געבליבן אין דעם זעלביקן קאַפּיטל. ישעיה האָט נביאות געזאָגט און דערציילט, אַז גאָט האָט אים אַנטפּלעקט אין זײַנע אויערן, אַז די זינד פון די פירער וועלן ניט פאַרגעבן ווערן ביז זיי וועלן שטאַרבן (104). דער קבר האָט געעפנט זײַן מויל, און אַראָפּגעדערן אין דער אונטערערד וועלן די פּראַכט און דער טומל און דער גערויש פון אַלע געהויבענע לײַט פון ירושלים(105).

די שיכורים דערמאָנען אים די נבואות און זיי שפּאָטן און רייצן זיך מיטן נביא:

— מיר האָבן ניט קיין מורא פאַרן טויט. מיר האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט אים ער זאָל אונדז ניט נעמען, און מיט דער אונטערערד האָבן מיר אַן אָפּמאַך אַז די פליִיצנדיקע בייטש וועט צו אונדז ניט קומען.

און ישעיה ענטפערט זיי:

— הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר לצים און ווערטלזאָגער פון ירושלים!

— ווייל איר האָט געזאָגט: מיר האָבן געשלאָסן אַ בונד מיטן טויט, און מיט דער אונטערערד האָבן מיר אַן אָפּמאַך, אַז ווען די פליִיצנדיקע בייטש וועט דורכגיין, וועט זי צו אונדז ניט קומען, דעריבער הערט:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: — צו גאָרנישט וועט זיין אייער בונד מיטן טויט, און אייער אָפּמאַך מיט דער אונטערערד איז גאָרניט ווערט! אַז די פליִיצנדיקע בייטש וועט דורכגיין, וועט איר צעטראָטן ווערן. ווי אָפט זי וועט דורכגיין, וועט זי אייך נעמען. בייטאָג און ביינאַכט וועט זיין בלויז שרעק. איר פאַרלאָזט זיך אויף מצרים, אָבער דאָס בעטל איז צו קורץ זיך אויסצוציען, און דער צודעק איז צו שמאָל אַפילו ווען מען דרייט זיך איין. און איצט שפּאָסט ניט, כדי דער שטריק זאָל אויף אייך ניט שטייפער פאַרצויגן ווערן. גאָט האָט פעסט באַשלאָסן אַ פאַרניכטונג אויף דער גאַנצער ערד. אַזוי האָב איך געהערט פון גאָט, דעם האַר פון די חיילות(106).

שבנא

דער אָנפירער פון די שררות פאַר אַ בונד מיט מצרים איז געווען שבנא, דער אויפזעער פון קעניגס פּאַלאַץ. אליקום דער זון פון חלקיהו איז געווען קעגן בונד. דער דאָזיקער אַריסטאָקראַט האָט געהאַלטן מיט ישעיהן. שבנא איז קאָנטיק ניט געווען קיין ייד, אפשר אַן אַראַמער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין יהודה און איז געוואָרן איינער פון די פירער פון דער מלוכה(107). אין יענער צייט איז געווען איינגעפירט, אַז די הויכע מלוכה־באַאַמטע, די שררות און די גאַר רייכע פלעגן זיך אָנגרייטן קברים ביים לעבן. דער קבר פלעגט אויסגעהאַקט ווערן אין אַ הויכן פעלדז. אַזאַ קבר האָט מען גערופן „די היים", אָדער „די וואוינונג". שבנא האָט זיך באַזאָרגט מיט אַזאַ קבר. איינ־מאָל, ווען שבנא איז אַרויס באַקוקן „זיין היים", האָט אים דאָרטן ישעיה באַגעגנט און געהאַלטן אויף אים אַ שאַרפע נבואה:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר, דער גאָט פון די חיילות, גיי צו דעם דאָזיקן אויפזעער, צו שבנא, וואָס איז איבערן פּאַלאַץ, און זאָג צו אים:

— וואָס טוסטו דאָ, און וועמען האָסטו דאָ, וואָס דו האָסט זיך דאָ אויסגעהאַקט אַ קבר? דו האָסט זיך אויסגעהאַקט אַ קבר אין דער הויך, זיך אויסגעשניטן אין פעלדז אַ וואוינונג. זע, גאָט וועט דיך אַוועקשליידערן מיט איין וואָרף, ער וועט דיך אַוועקקייקלען ווי אַ באַל אין אַ ברייט לאַנד, אין אשור, און דאָרטן וועסטו שטאַרבן. און דאָרטן וועלן זיין דיינע פּרעכטיקע רייטוועגן, די שאַנד פון דעם הויז פון דיין האַר. איך וועל דיך אַראָפּשטויסן פון דיין שטאַנד, פון דיין שטעל וועט מען דיך אַראָפּוואַרפן. און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועל איך רופן מיין קנעכט אליקום, דעם זון פון חלקיהו, און איך וועל אים אָנטאָן אין דיינע קליידער און מיט דיין גאַרטל וועל איך אים אַרומבינדן, און דיין ממשלה וועל איך איבערגעבן אין זיין האַנט(108).

אָבער שבנא איז דערוויילע געבליבן אויפזעער פון קעניגס פּאַלאַץ און אָנפירער מיט די, וואָס זיינען געווען נוטה צו אַ בונד מיט מצרים. דער נביא האָט אַלץ געשטראָפט און געוואָרנט. אָבער אָפט האָט זיך אים געדוכט, אַז אַלע זיינע רייד זיינען אומזיסט. עס איז פאַר די איינוואוינער פון ירושלים אוממעגלעך צו באַנעמען און צו פאַרשטיין גאָטס וואָרט, אפילו ווען זיי וואָלטן געוואָלט אויפנעמען גאָטס רייד. זאָגט דער נביא ביטער:

— איר פאַרטויבט זיך, איר פאַרבלענדט זיך. איר זייט שיכור אָבער ניט פון וויין. איר שאָקלט זיך, אָבער ניט פון שאַרפע געטראַנקען. און די זעאונגען און אַלץ, וואָס איך רעד צו אייך, זיינען פאַר אייך ווי די ווערטער פון אַ פאַרחתמעטער שריפט, וואָס אַז מען גיט זי צו איינעם וואָס איז געלערנט און מען זאָגט צו אים: לייען זי, איך בעט דיך, זאָגט ער, איך קאָן ניט, ווארום זי איז פאַרחתמעט. און אַז מען עפנט די שריפט און מען גיט זי צו דעם, וואָס איז ניט געלערנט און מען זאָגט צו אים: לייען זי, איך בעט דיך, זאָגט ער: איך בין ניט געלערנט(109).

דער בונד

דער בונד צווישן יהודה און מצרים און די אַרומיקע לענדער איז גע־שלאָסן געוואָרן. דער נביא ווייס, אַז איצט איז דער אומגליק אומפאַר־מיידלעך. אָבער ער מוז באַוואָרענען, אַז ווינציקסטנס די קומענדיקע דורות זאָלן עפּעס לערנען פון די איצטיקע טעותים. זאָל מען אין די צוקונפטיקע יאָרן וויסן, אַז ער האָט פאַראויסגעזען דעם אומגליק. זאָלן זיי וויסן, אַז גאָט האָט אים געשיקט צו שטראָפן און וואָרענען און מען האָט ניט אָנגענומען זיינע נבואות.

— און איצט זאָגט גאָט: פאַרשרייב עס אויף אַ טאָוול און שרייב

עס אַריין אין אַ בוך, און זאָל עס זיין פאַר שפּעטערדיקע טעג, פאַר אַן עדות אויף אייביק. ווידערשפּעניק איז דאָס פאָלק, קינדער וואָס האָבן געזאָגט ליגן, קינדער וואָס האָבן ניט געוואָלט הערן די לערנונג פון גאָט. זיי זאָגן צו די זעער: איר זאָלט ניט זען! און צו די נביאים: איר זאָלט ניט נביאות זאָגן דאָס, וואָס איז אמת. רעדט צו אונדז גלאַטע רייד, זעט פאַר אונדז ליגנס. פאַרלאָזט דעם וועג וואָס איר האָט אויסדערוויילט, דערמאָנט אונדז ניט אייער הייליקן פון ישראל! דעריבער האָט אַזוי געזאָגט דער הייליקער פון ישראל:

— ווייל איר פאַראַכט דאָס וואָרט פון גאָט, וואָס וואָרנט אייך קעגן בונד פון מצרים, און איר פאַרלאָזט זיך אויף אייערע פאַרקרימטע און פאַרדרייטע וועגן, דערפאַר וועט אייך די דאָזיקע זינד זיין ווי אַ שפּאַלט, וואָס באַווייזט זיך אין אַ הויכער מויער־וואַנט. איר איינפאַלן קומט פּלוצלונג. און גאָט וועט אייך צעברעכן ווי מען צעברעכט אַ ליימענע כּלי, וואָס אין די שטיקלעך קען מען ניט געפינען קיין שערבל צו שאַרן פייער פון אַן אויוון, אָדער צו שעפּן וואַסער פון אַ ברונעם(110).

מלחמה

דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן און די מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט. סנחריב האָט זיך צום ערשטן אַ לאָז געטאָן אויף בבל. די אשורישע אַרמייען האָבן גרינג צעשלאָגן מרדך בלאדנס חייל. נאָכדעם האָט סנחריב אַוועקגעמאַרשירט צו מערב־צו. די פאַראייניקטע פעלקער פון בונד האָבן ניט צונויפגענומען זייערע חיילות אין איין אַרמיי קעגן דעם מעכטיקן שונא. יעדער קליין פאָלק באַזונדער האָט זיך געשטעלט קעגן דעם מעכטיקן שונא און איטלעך פאָלק האָט געפּרובירט באַשיצן זיינע גרענעצן קעגן דעם שונאס אַרמייען. די מעכטיקע אשורישע חיילות האָבן גרינג צעשלאָגן די אדומים, די צידונים און אַלע אַנדערע פעלקער פון בונד, יעדער פאָלק באַזונדער.

מצרים האָט געהאַלטן וואָרט. די חיילות פון מצרים און כּוש זיינען געקומען די קליינע פעלקער צו הילף. אַ גרויסע שלאַכט איז אויסגעפאָכטן געוואָרן לעבן אלטקא, אין דרום פון פּלישתּים־לאַנד. די מצרישע און כּושישע אַרמייען זיינען צעשלאָגן געוואָרן.

עמון, מואב, אדום און די פּלישתּים האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דעם בונד און זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן צו אשור. נאָר איין יהודה איז פאַרבליבן פאַרעקשנט.

סנחריב האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף יהודה. ער האָט אָנגעהויבן פאַר־וויסטן דאָס לאַנד. איין פעסטונג נאָך דער אַנדערער איז געפאַלן. סנחריב באַרימט זיך, אַז ער האָט איינגענומען זעקס און פערציק באַפעסטיקטע שטעט, שטעט אַרומגערינגלט מיט מויערן, אַחוץ אָפענע שטעט און שטעטלעך. איך האָב געפאַנגען, דערציילט סנחריב, צוויי הונדערט טויזנט און איין הונדערט און פופציק מענער, פרויען און קינדער; פערד און אייזלען און מוילאייז־לען, קעמלען, אָקסן און שעפסן אָן אַ צאָל; איך האָב פאַרשפאַרט חזקיהון אין ירושלים, ווי מען פאַרשפאַרט אַ פויגל אין אַ שטייג.

דער נביא דערציילט, אַז סנחריב האָט זיך באַרימט מיט די לייכטע זיגן, וואָס ער האָט געהאַט: — איך האָב צונויפגענומען דאָס פאַרמעגן פון פעלקער, ווי מען קלייבט צונויף פאַרלאָזענע אייער פון נעסטן(111).

ישעיה שילדערט ווי שנעל דער שונא האָט מאַרשירט:

— ער איז געקומען אין ענת,
ער איז דורכגעגאַנגען מגרון,
אין מכמש האָט ער איבערגעלאָזן זיין געפעק.
זיי זיינען אַריבער דעם באַרג־שטעג,
אין גבע האָבן זיי גענעכטיקט,
רמה האָט געציטערט,
גבעת שאול איז אַנטלאָפן;
די איינוואוינער פון גבים — אַנטרונען.
היינט קומט ער נאָך אָן אין נוב,
ער פאָכעט מיט זיין האַנט קעגן ציון,
קעגן דעם הויכן אָרט — ירושלים(112).

דער שונא איז געווען נאָענט צו ירושלים, אָבער ישעיה גיט ניט אויף די האָפענונג, אַז יהודה קאָן זיך נאָך ראַטעווען. זאָלן נאָר די איינוואוינער פון ירושלים און זייער קעניג זיך אומקערן צו גאָט. זאָלן זיי זיך צוהערן צו זיינע רייד, וואָס ער שיקט דורך דעם מויל פון נביא, וועלן זיי געראַטעוועט ווערן. ישעיה וואָרנט, שטורעמט און בעט זיך ביי די יידן:

— הערט איר הימלען און פאַרנעם דו ערד, וואָרום גאָט האָט גערעדט. קינדער האָב איך אויפגעהאָדעוועט, און זיי האָבן ווידערגעשפעניקט קעגן מיר. אפילו אַן אָקס ווייס דאָך ווער זיין באַלעבאָס איז, און אַן אייזל דער־קענט די קאָרעטע פון זיין האַר, און ישראל ווייס ניט, און מיין פאָלק קוקט זיך ניט אום.

— ווי צו דיר, זינדיקע אומה, פאָלק פון שווערע זינד, איר קינדער פון

שלעכטס, איר זין פאַרדאָרבענע, איר האָט פאַרלאָזן גאָט, געלעסטערט דעם הייליקן פון ישראל און זיך אָפּגעקערט פון אים.

— וואו נאָך ווילט איר געשלאָגן ווערן, וואָס איר קערט זיך אָפּ פון גאָט ? דער גאַנצער קאָפּ איז קראַנק און דאָס גאַנצע האַרץ איז ווייטיק־דיק. פון קאָפּ ביז די פיס איז ניטאָ קיין גאַנץ גליד, נאָר ביילן און אייטער־דיקע וואונדן. ניט אויסגעקוועטשט איז דער אייטער, ניט געוויכט געוואָרן מיט אייל זיינען די ביילן, און ניט פאַרבונדן זיינען די וואונדן.

— אייער לאַנד איז אַ וויסטעניש, אייערע שטעט זיינען פאַרברענט, אייער ערד פאַרצערן פרעמדע. און די טאָכטער פון ציון איז געבליבן ווי אַביידל אין אַ ווייַנגאָרטן, ווי אַ נאַכטשטיבל אין אַ גרינס־גאָרטן(113).

און דער נביא בעט זיך ביי די יידן און זאָגט זיי, אַז עס איז נאָך ניט שפּעט אומצוקערן זיך צו גאָט און געראַטעוועט ווערן.

— קומט, לאָמיר זיך דורכריידן, זאָגט ער. אפילו ווען אייערע זינד זיינען רויט ווי שאַרלאַך, קאָנען זיי ווערן ווייס ווי שניי. אויב זיי זיינען רויט ווי פּורפּור, קאָנען זיי ווערן בלייך ווי וואָל. אויב איר וועט זיך אונ־טערגעבן און פאָלגן, וועט איר עסן דאָס גוטס פון לאַנד. אָבער אויב איר וועט ניט וועלן און איר וועט ווידערשפּעניקן, וועט איר פון שווערד אויפגע־געסן ווערן, וואָרום דאָס מויל פון גאָט האָט גערעדט(114).

חזקיהו גיט זיך אונטער

סוף כל סוף האָט זיך חזקיהו אונטערגעגעבן. עס ווערט דערציילט אין ספר מלכים:

— און עס איז געווען אין פערצנטן יאָר פון מלך חזקיהו, האָט סנחריב, דער מלך פון אשור, אַרויפגעמאַרשירט אויף אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה און האָט זיי איינגענומען. און חזקיהו, דער מלך פון יהודה, האָט געשיקט צום מלך פון אשור קיין לכיש אַזוי צו זאָגן:

— איך האָב געזינדיקט. קער זיך אָפּ פון מיר. וואָס דו וועסט אַרויפ־לייגן אויף מיר, וועל איך טראָגן(115).

און דער מלך פון אשור האָט אַרויפגעלייגט אויף חזקיהו, דעם מלך פון יהודה, דריי הונדערט צענטער זילבער און דרייסיק צענטער גאָלד. און חזקיהו האָט אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע זילבער, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון גאָט און אין די שאַצקאַמערס פון מלכס הויז. אין יענער צייט האָט חזקיהו אַראָפּגעשיילט דאָס גאָלד פון די טירן פון בית־המקדש און פון די

ביישטידלעך וואָס ער, דער מלך פון יהודה, האָט געהאַט באַדעקט מיט גאָלד, און ער האָט עס אָוועקגעגעבן דעם מלך פון אשור.

ס׳איז געשלאָסן געוואָרן אַ פרידן צווישן אשור און יהודה. ירושלים איז געראַטעוועט געוואָרן. אַ גרויסע פרייד האָט אויסגעבראָכן אין שטאָט. מען האָט געקוילעט שאָף, געגעסן פלייש, געטרונקען וויין. מיט געזאַנג און פרייד האָבן די באַלאַגערטע געפייערט זייער באַפרייאונג. אָבער דער נביא האָט זיך ניט געפרייט. פאַר אים איז דאָס געווען אַ טאָג פון געוויין און קלאָג. יידן האָבן געזינדיקט. זיי האָבן ווידערגעשפעניקט קעגן גאָט און געזוכט הילף פון מצרים. זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויף שטאַרקייט פון פעסטונג, אויף גבורה פון רייטער און פלינקייט פון רייטוואָגן. צוליב די זינד פון מלך און פון די איינוואוינער פון ירושלים איז כמעט גאַנץ יהדה חרוב געוואָרן. וואָס פרייען זיי זיך, מאַכן זיך לוסטיק און פראַוועז אַ יום־טוב?

און דער נביא פרעגט:

— וואָס איז ביי דיר אַזאַ פרייד, וואָס דו ביסט אַרויף אויף די דעכער, דו פול מיט טומל, דו רוישיקע שטאָט, דו לוסטיקער כרך? דיינע דער־שלאָגענע זיינען ניט דערשלאָגן געוואָרן פון שווערד אין מלחמה, און ניט געטויט געוואָרן אין שלאַכט ווי העלדן. זיי זיינען געשטאָרבן אַ טויט פון ווידערשפעניקע, אַ טויט פון אומווירדיקע. אַלע דיינע פירשטן, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אין שטאָט, זיינען געפאַנגען געוואָרן אָן פייל־און־בויגן, אַלע וואָס האָבן זיך אין דער שטאָט געפונען, זיינען געפאַנגען געוואָרן, ווען זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן.

— דערפאַר האָב איך געזאָגט:

— קערט זיך אָפּ פון מיר, איך וועל ביטער וויינען. טרייסט מיך ניט אויף דעם בראָך פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק. דיינע בעסטע טאָלן זיינען צעטראָטן געוואָרן פון רייטוועגן. די רייטער האָבן זיך אויסגעשטעלט קעגן טויער, און דער שונא האָט אויפגעדעקט דעם שלייער וואָס איבער יהודה, און מען האָט דערזען ווי שוואַך זי איז. און דו האָסט אין יענעם טאָג זיך פאַרלאָזן אויף דעם געווער, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין „בית היער" — אין דעם הויז פון געווער. און די שפּאַלטן פון דודס שטאָט האָט איר געזען זיינען פול, האָט איר פאַרצייכנט די הייזער פון ירושלים, וועלכע מען דאַרף איינוואַרפן כדי צו באַפעסטיקן דעם מויער אַרום שטאָט. איר האָט איינגע־זאַמלט דאָס וואַסער צווישן די מויערן, אַז עס זאָל זיין גענוג וואַסער פאַר דער שטאָט. אָבער איר האָט זיך ניט פאַרזיכערט אויף גאָט, וואָס האָט עס גע־מאַכט, און דעם, וואָס האָט עס באַשערט פון אַמאָל אָן, האָט איר ניט געזען. דער האַר, דער גאָט פון די חיילות, האָט גערופן אין יענעם טאָג צו געוויין, צו

קלאָג, צו אָנגורטן אַ זאַק אויף די לענדן, און זע, ס'איז גאָר לוסטיקייט און פרייד. איר האָט געקוילעט שאָף און רינדער, איר האָט געגעסן פלייש און גע־טרונקען ווייַן. איר האָט זיך געטראַכט: לאָמיר עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן קאָנען מיר נאָך שטאַרבן. און גאָט פון די חיילות האָט אַנטפלעקט אין מיינע אויערן: ניט פאַרגעבן וועט ווערן אייך די דאָזיקע זינד ביז איר וועט שטאַרבן.

אַזוי האָט געטרויערט דער נביא ווען דאָס פאָלק האָט זיך גע־פרייט(116).

ביי די טויערן פון ירושלים

די שלאַכט ביי אַלטאַקאַ, צווישן אַשור און מצרים, איז ניט געווען קיין אַנטשיידענע. אשור האָט טאַקע צעשלאָגן די אַרמייען פון מצרים און כוש, אָבער סנחריב האָט ניט געקאָנט אַריינדרינגען קיין מצרים און פאַרנעמען דאָס לאַנד. ער האָט זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט צו צעשטערן די באַלאַגערטע ירושלים. ער האָט זיך באַנוגנט מיט דעם צינז, וואָס חזקיהו האָט אים געגעבן. אָבער די אשורים האָבן ניט אויפגעגעבן דעם געדאַנק איינצונעמען מצרים. זיי האָבן זיך יאָרן געגרייט צו דער מלחמה. נאָך צען יאָר גרייטן זיך און פּלאַנעווען, האָבן די אשורים זיך אָוועקגעלאָזן איינצונעמען מצרים(117).

דער מלך פון אשור מיט זיין חייל זיינען אָנגעקומען קיין לכיש, אויף דעם וועג פון מצרים. אָבער איידער סנחריב האָט זיך געלאָזן ווייטער צו דרום־צו, נאָך עגיפּטן, האָט ער באַשלאָסן צו צעשטערן די פעסטונג פון ירושלים. ער האָט, ווי עס ווייזט אויס, מורא געהאַט צו לאָזן הינטער זיך אַזאַ שטאַרק באַפעסטיקטע שטאָט ווי ירושלים, מיט אַ קעניג, אויף וועמענס טרייקייט מען האָט זיך צופיל ניט געקאָנט פאַרלאָזן.

סנחריב האָט געשיקט שלוחים צו חזקיהון, אַז ער זאָל פאַר אים עפענען די טויערן פון דער שטאָט. און אויב דער קעניג פון יהודה וועט זיך פרידלעך אונטערגעבן, וועט סנחריב לאָזן צורו די באַפעלקערונג, ביז ער וועט די יידן אָוועקנעמען אין אַן אַנדער לאַנד, אַ לאַנד וואָס איז אַזוי פרוכטבאַר ווי יהודה.

חזקיהו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עפענען פאַרן שונא די טויערן פון ירושלים, און סנחריב האָט געשיקט אַן אַרמיי צו באַלאַגערן די שטאָט. עס ווערט דערציילט אין ספר מלכים און אין ספר ישעיה(118):

— און דער מלך פון אשור האָט געשיקט רבשקה פון לכיש קיין ירושלים

צו דעם מלך חזקיהו מיט אַ גרויס חיל, און רבשקה האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים גראָבן פון אויבערשטן טייך,ביים וועג פון דעם וועשער־פעלד.

און עס זיינען אַרויסגעגאַנגען צו אים אליקום, דער זון פון חלקיהו, וואָס איז איבערן פּאַלאַץ, און שבנא דער מלוכה־שרייבער, און יואח, דער זון פון אסף, דער דערמאָנער.

און רבשקה האָט צו זיי געזאָגט:

— זאָגט נאָר צו חזקיהון: אַזוי האָט געזאָגט דער גרויסער מלך, דער מלך פון אַשור: אויף וואָס פאַרלאָזטו זיך, אַז דו ווּעסט געראַטעוועט ווערן? אַ מלחמה קאָן מען ניט געווינען מיט באַרימעריי. אויף אַ מלחמה דאַרף מען האָבן גבורה און ווידערשטאַנד. אַצונד אויף וועמען פאַרזיכערסטו זיך, אויף מצרים — אויף דעם שטעקן פון דעם צעבראָכענעם ראָר, וואָס אויב אַ מענטש שפּאַרט זיך אָן אויף אים, גייט ער אים אַריין אין האַנט און לעכערט זי דורך? אַזוי איז דער מלך פון מצרים פאַר אַלע וואָס פאַרלאָזן זיך אויף אים. און אַז דו ווּעסט מיר זאָגן: מיר פאַרזיכערן זיך אויף יהוה אונדזער גאָט. און אַצונד וואָס מיינסטו, אָן גאָטס צושטימונג בין איך אַרויס־געקומען צו פאַרוויסטן דאָס לאַנד? יהוה האָט צו מיר געזאָגט: גיי אויף דעם דאָזיקן לאַנד און פאַרוויסט עס.

האָבן די שלוחים פון חזקיהון געזאָגט צו רבשקה:

— מיר בעטן דיך, רעד צו דיינע קנעכט אַראַמיש, און רעד צו אונדז ניט יהודיש, כדי דאָס פאָלק וואָס שטייט אויפן טויער זאָל ניט פאַרשטיין.

און רבשקה האָט זיך געשטעלט און אויסגערופן אויף אַ הויך קול, אויף יהודיש, און געזאָגט:

— הערט די ווערטער פון דעם גרויסן מלך, דעם מלך פון אשור. אַזוי האָט ער געזאָגט: זאָל אייך חזקיהו ניט נאַרן, ווייל ער קאָן אייך ניט ראַ־טעווען. זאָל אייך חזקיהו ניט פאַרזיכערן מיט יהוה אַזוי צו זאָגן: — יהוה וועט אונדז מציל זיין, די דאָזיקע שטאָט וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דעם מלך פון אשור. זאָל אייך חזקיהו דאָס ניט איינריידן, ווייל וואו זיינען די געטער פון חמת, פון אַרפד און ספרוים? האָט גאָט מציל געווען שומרון פון מיין האַנט? הערט זיך ניט צו צו חזקיהון. מאַכט מיט מיר שלום און קומט אַרויס צו מיר, און עסט איטלעכער פון זיין וויינשטאָק און איטלעכער פון זיין פייגנבוים, און טרינקט וואַסער פון זיין ברונעם ביז איך וועל קומען און אייך נעמען אין אַ לאַנד, ווי אייער לאַנד, אַ לאַנד פון תבואה און וויין, אַ לאַנד פון ברויט און וויינגערטנער.

די שלוחים האָבן געשוויגן און אים ניט געענטפערט, ווייל אַזוי איז

געווען דער באַפעל פון קעניג: — איר זאָלט אים ניט ענטפערן. און זיי זיינען געקומען צו חזקיהון מיט צעריסענע קליידער און האָבן אים דערציילט די ווערטער פון רבשקהן.

ווען חזקיהו האָט עס דערהערט, האָט ער צעריסן זיינע קליידער און זיך צוגעדעקט מיט אַ זאַקטוך און ער איז געקומען אין גאָטס הויז. און ער האָט געשיקט אליקומען, וואָס איז איבערן פּאַלאַץ, און שבנא, דעם מלכס שרייבער, און די עלטסטע פון די כוהנים, אַנגעטאָן אין זאַק־קליידער, צו ישעיהן, דעם זון פון אָמוצן.

די שלוחים האָבן איבערגעגעבן חזקיהוס רייד צו ישעיהן. עס פילט זיך אַ שטילער פאָרוואורף אין דעם קעניגס ווערטער צו ישעיהן, אַז האָבן מיר זיך אונטערגעגעבן צו אשורן(119). דיין גאָט האָט דאָך אונדז אַזוי באַפוילן, און זע, ס׳יהאָט ניט געהאָלפן.

און די שלוחים האָבן געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט חזקיהו:

— אַ טאָג פון נויט, פאָרוואורף און חרפּה איז דער היינטיקער טאָג. קינ־דער זיינען געקומען ביז צו דער געבורט, און ס׳איז ניטאָ קיין כוח צו געבערן. אפשר וועט יהוה דיין גאָט דערהערן די ווערטער פון רבשקה, וואָס זיין האַר, דער מלך פון אשור, האָט אים געשיקט צו לעסטערן דעם לעבעדיקן גאָט, און וועט אים באַשטראָפן פאַר די רייד. טו תפילה פאַר דעם רעשטל וואָס געפינט זיך נאָך דאָ.

און ישעיה האָט געענטפערט די שלוחים:

— אַזוי זאָלט איר זאָגן צו אייער האַר, אַזוי האָט געזאָגט גאָט: זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר די ווערטער, וואָס דו האָסט געהערט פון דעם מויל פון די יינגלעך פון דעם מלך פון אשור. ער וועט הערן אַ הערונג און ער וועט זיך אומקערן צו זיין לאַנד, און איך וועל אים מאַכן פאַלן דורך דער שווערד אין זיין לאַנד (120).

דער נביא, וואָס האָט מער ווי פופציק יאָר געשטורעמט קעגן די זינד פון ירושלים און פאָראויסגעזאָגט, אַז אירע איינוואוינער וועלן פאַלן דורכן שווערד, און אירע גיבורים אין מלחמה, און אַז קלאָגן און טרויערן וועלן אירע טויערן, און אויסגעליידיקט וועט זי ווערן, און אַז אויף דער ערד, ווי אַן אַלמנה אין טרויער וועט זי זיצן; דער נביא וואָס האָט געהאַלטן, אַז אין שטילקייט און אין פרידן ליגט די שטאַרקייט פון די יידן(121); ער וואָס האָט אַ האַלבן יאָרהונדערט געוואָרנט און געדראָט, אַז מען זאָל זיך ניט שטעלן קעגן אשור, האָט איצט געהייסן זיך ניט אונטערצוגעבן צו דער אשורישער וועלט־מאַכט.

דער נס

ישעיה איז געווען זיכער, אַז אשור וועט געשלאָגן ווערן. די וועלט ווערט געפירט לויט אַ פּלאַן, לויט גאָטס פּלאַן. אשור איז די בייטש אין גאָטס האַנט צו באַשטראָפן זינדיקע פעלקער. חזקיהו האָט געפאָלגט יהוה און זיך אונטערגעגעבן צו אשור און איר געצאָלט צינז. אָבער איצט האָט סנחריב געבראָכן דעם בונד, וואָס ער האָט געהאַט מיט יהודה. ער וויל חרוב מאַכן ציון, גאָטס וואוינאָרט, און פאַרטרייבן די איינוואוינער פון יהודה אין גלות. דאָס איז ניט גאָטס פּלאַן. ס'איז דאָ סדר און אָרדענונג אין דער פירונג פון דער וועלט(122). דער סדר איז איינגעשטעלט זינט וועלט־באַשאַף. דער וואָס פאַרלעצט דעם סדר, ווערט באַשטראָפט. און ישעיה ווענדט זיך צום שונא:

— ווי, אשור, די רוט פון מיין צאָרן, מיין כעס איז דער שטעקן אין זיין האַנט. איך שיק אים אָן אויף אַ זינדיק פאָלק, און אויף אַן אומה, אויף וועלכער עס גרימט מיין צאָרן, באַפעל איך אים: צערויב זי און צע־טרעט זי ווי קויט אין גאַסן. אָבער אשור מיינט ניט אַזוי, און זיין האַרץ טראַכט ניט אַזוי. וואָרום ער האָט געזאָגט(123).

— מיט דעם כוח פון מיין האַנט האָב איך עס געטאָן, מיט מיין חכמה האָב איך עס דערגרייכט. איך האָב אָפּגעווישט די גרענעצן פון פעלקער און זייערע אוצרות האָב איך צערויבט. איך האָב געמאַכט אַראָפּנידערן די מעכטיקע הערשער, און מיין האַנט האָט באַצוואונגען פעלקער אַזוי גרינג ווי איינער נעמט אַ נעסט; און אַזוי ווי מען קלייבט צונויף פאַרלאָזענע אייעלעך, אַזוי האָב איך די גאַנצע ערד צונויפגעקליבן. און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אַ פלאַטער טאָן מיט אַ פליגל און עפענען אַ מויל און אַ פישטשע טאָן.

און דער נביא פרעגט:

— קען די האַק זיך באַרימען קעגן דעם, וואָס האַקט מיט איר? ס'איז ווי די רוט זאָל פאָכען מיט די, וואָס הייבן זי אויף. ס'איז ווי אַ שטעקן זאָל אויפהייבן דעם, וואָס איז ניט האָלץ.

חזקיהו האָט זיך נאָך אַלץ געשראָקן. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געשיקט נאָך אַ מאָל שלוחים צום נביא(124). ישעיה ענטפערט אים מיט נאָך אַ נבואה אויף אשור:

— עס פאַראַכט דיך און עס שפּאָט פון דיר די טאָכטער פון ציון. וועמען האָסטו געלעסטערט? וועמען האָסטו אויסגעלאַכט? אויף וועמען האָסטו

געהויבן דיין קול? יאָ, דו האָסט געהויבן הויך דיינע אויגן אַנטקעגן דעם הייליקן פון ישראל. דורך דיינע קנעכט האָסטו געלעסטערט גאָט און דו האָסט געזאָגט: מיט מיינע פיל רייטוועגן בין איך אַרויף צו די ווינקלען פון לבנון, און איך וועל אָפּהאַקן זיינע הויכע צעדערן און זיינע געקליבענע ציפּרעסן.

און דער נביא פרעגט אשורן:

— האָסטו דען ניט געהערט, אשור? פון לאַנג אָן נאָך האָב איך צוגעגרייט דיינע מלחמות און דיינע זיגן. דערפאַר זיינע אַלע איינוואוינער פון די שטעט, וואָס דו האָסט איינגענומען געווען מאַכטלאָז קעגן דיר. זיי זיינען געוואָרן ווי גראָז פון פעלד און גרינע קרייטעכצער, ווי מאָך אויף די דעכער. אָבער איך ווייס ווען דו זיצסט, ווען דו שטייסט, ווען דו קומסט, ווען דו גייסט. און דיין ליאַרם און דיין טומל זיינען אַרויף אין מיינע אויערן. און איך וועל אַריינטאָן אַ רינג אין דיין נאָז, ווי מען טוט צו אַ ווילדער חיה, און אַ צוים אין דיינע ליפּן, ווי מען טוט צו אַ פערד(125), און איך וועל דיך אומקערן אויף דעם וועג, אויף וועלכן דו ביסט געקומען.

און צו די איינוואוינער פון ירושלים האָט דער נביא געזאָגט:

— ער וועט ניט אַריינקומען אין דער דאָזיקער שטאָט און ער וועט ניט אַריינשיסן אין איר קיין פייל. איך וועל באַשיצן די שטאָט, איך וועל איר העלפן צוליב מיין קנעכט דוד.

און דער נביא חזרט איבער צו די איינוואוינער פון יהודה, אַז אַלץ ווערט געפּלאַנט פון גאָט און ס׳איז ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן:

— געשוואָרן האָט גאָט פון די חיילות אַזוי צו זאָגן: ווי איך האָב עס פאַרטראַכט, אַזוי וועט געשען, און אַזוי ווי איך האָב געפּלאַנעוועט, אַזוי וועט עס בלייבן. אשור וועט צעבראָכן ווערן אין מיין לאַנד און אויף מיינע בערג וועל איך אים צעטרעטן. און עס וועט אַראָפּ פון זיי זיין יאָך און זיין לאַסט פון זיין אַקסל. דאָס איז דער פּלאַן, וואָס איז געפּלאַנעוועט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט. דער גאָט פון די חיילות האָט עס געפּלאַנעוועט, און ווער קען עס פאַרשטערן? זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט, און ווער קאָן זי אָפּהאַלטן? (126)

— און אשור וועט פאַלן דורך דער שווערד פון ניט קיין מאַן, און אַ שווערד פון ניט קיין מענטשן וועט אים פאַרלענדן. אַזוי זאָגט גאָט, וואָס האָט אָנגעגרייט אַ פייער אין ציון צו פאַרברענען זיינע פיינט, און אַ ברענענדיקן אויוון אין ירושלים צו פאַרצערן זיינע שונאים(127).

◆

דער נס איז געשען. סנחריב האָט זיך צוריקגעצויגן פון ירושלים. וואָס עס האָט יעמאָלט געטראָפן ווייסן מיר ניט אויף קלאָר. אין ספר ישעיה ווערט דערציילט:

— און אַ מלאך פון גאָט איז אַרויסגעגאַנגען און האָט געשלאָגן אין לאַגער פון אשור הונדערט און פינף און אַכציק טויזנט. און אַז מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, ערשט זיי זיינען אַלע טויטע פגרים. סנחריב, דער מלך פון אשור, האָט אַוועקגעצויגן, און ער איז געגאַנגען און ער האָט זיך אומגעקערט, און ער איז געבליבן אין נינוה. און עס איז געווען, ווען ער האָט זיך געבוקט אין הויז פון זיין גאָט, נסרוך, אַזוי האָבן זיינע זין אים דערשלאָגן מיט דער שווערד(128).

אַ גריכישער היסטאָריקער דערציילט, אַז ווען אשורס חייל האָט זיך געפונען אויפן וועג קיין מצרים, איז אַ מחנה מייז ביינאַכט באַפאַלן די חיילות פון סנחריב און אויפגעפרעסן זייער געווער, אַזוי אַז די סאָלדאַטן האָבן ניט געהאַט קיין געווער צו קעמפן, און סנחריב האָט זיך געמוזט צוריקציען.

אַנדערע היסטאָריקער זאָגן(129), אַז סנחריב האָט דערהערט, אַז אומרוען האָבן אויסגעבראָכן ביי אים אין לאַנד, און ער האָט געמוזט זיך צוריקציען פון ירושלים. אַן אַנדייט אויף דעם איז דאָ אין ספר ישעיה. דער נביא זאָגט:

— און ער וועט הערן אַ הערונג און ער וועט זיך אומקערן צו זיין לאַנד, און איך וועל אים מאַכן פאַלן דורך דער שווערד אין זיין לאַנד(130).

נאָך אַנדערע היסטאָריקער זאָגן, אַז אַ מגפה איז אויסגעבראָכן אין אשורס לאַגער(131).

דאָס זיינען אַלץ השערות. די הויפּט־וויכטיקייט איז, אַז ירושלים איז געראַטעוועט געוואָרן ווי ישעיה האָט פאָראויסגעזאָגט. ביים פאָלק איז אויסגעקריסטאַליזירט געוואָרן דער גלויבן, אַז דער יידישער גאָט איז שטאַרקער פון אַלע אַנדערע געטער — ער איז דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט. ירושלים איז זיין אויסדערוויילטע שטאָט, און דער הייליקער פון ישראל וועט אַלעמאָל באַשיצן זיין וואוינאָרט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן. קיין פיינט וועט קיינמאָל ניט באַצווינגען די הייליקע שטאָט ציון. גאָט וועט עס קיינמאָל ניט דערלאָזן. דער דאָזיקער געדאַנק האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע ווירקונג אויף דער יידישער געשיכטע און אויף דער געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט.

און עס וועט זיין אין דעם סוף פון די טעג

ווען סנחריב איז געצוואונגען געוואָרן זיך צוריקצוציען פון די טויערן

פון ירושלים, איז ישעיה, נאָך איין חשבון נאָך, יעמאָלט אַלט געווען כמעט אַכציק יאָר(132). דער אַלטער נביא האָט אין זיין לעבן געזען פיר אָנפאַלן פון דער מעכטיקער אשור, אַחוץ קלענערע צוזאַמענשטויסן צווישן יהודה און די שכנישע פעלקער. מלחמות, אויפשטאַנדן, הריגות און גלות פון די צען שבטים. ער, גאָטס שליח, האָט זיך קיינמאָל ניט געשראָקן פאַר די אָנקומענ־דיקע אומגליקן און האָט קיינמאָל ניט געצווייפלט אין גאָטס גערעכטיקייט. די אַלע מלחמות, אויפשטאַנדן, מפלות און זיגן זיינען ניט געווען קיין צופאַלן. פאַר זיינע אויגן איז שטענדיק געשטאַנען גאָט, דער הייליקער פון ישראל, וואָס האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט אין בית־המקדש. דער הייליקער פון ישראל געוועלטיקט איבער דער גאַנצער וועלט און ער פירט אָן מיט פעל־קער, לענדער און מלוכות. ס׳איז דאָ אַן איינגעשטעלטער פּלאַן אין דער וועלט, אַ פּלאַן וואָס גאָט האָט צוגעגרייט פון אָנהויב פון וועלט־באַשאַף(133). נאָך גאָר אין די אַלטע טעג האָט ער אויסגעפורעמט אַלע וועלט־געשעענישן. ער דערנידעריקט פעלקער און דערהייבט זיי. ווען אַ פאָלק זינדיקט, באַ־שטראָפט ער די אומה. ווען איין פאָלק באַזיגט אַן אַנדער פאָלק, איז דאָס ניט ווייל דאָס זיגערישע פאָלק איז שטאַרקער, נאָר ווייל דאָס זיגערישע פאָלק איז דער שטעקן אין גאָטס האַנט, מיט וועלכן גאָט באַשטראָפט די זינדיקע אומה. זינד ברענגט שטראָף. וועט קיין זינד ניט זיין אויף דער וועלט, וועלן קיין מלחמות ניט זיין. גאָט וועט ניט דאַרפן האָבן קיין שטאַרקע פעלקער צו באַשטראָפן די זינדיקע פעלקער. ווען די גאַנצע וועלט וועט טאָן גערעכטיקייט, וועלן אויפהערן מלחמות און בלוט־פאַר־גיסונגען.

און עס זיינען געבליבן פון דעם נביא דריי נבואות, נבואות וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט פרידלעכע, גליקלעכע צייטן פאַר יידן און פאַר דער גאַנצער וועלט.

איין נבואה האָט ער געהאַלטן אויף יהודה, באַלד נאָכן צוריקטריט פון סנחריבן. דער נביא זינגט אַ געזאַנג וועגן דער גרויסער ישועה, וואָס איז געקומען אויפן לאַנד:

— דאָס פאָלק, וואָס איז געגאַנגען אין פינצטערניש, האָט דערזען אַ גרויסע ליכטיקייט, די וואָס זיינען געזעסן אין לאַנד פון טויטנשאָטן, אויף זיי האָט אַ ליכטיקייט אַ שיין געטאָן. ווייל דעם יאָך פון זיין לאַסט, און די שטאַנג וואָס האָט געדריקט זיין נאַקן האָט גאָט צעבראָכן, ווי אין דעם טאָג, ווען ער האָט צעבראָכן דעם יאָך פון מדין. יעדער שוך וואָס אַ זעלנער האָט געטראָמפּלט מיט אים מיט רעש, יעטוועדער מאַנטל וואָס האָט זיך גע־וואַלגערט אין בלוט, איז געוואָרן שפּייז פאַרן פייער(134).

ס׳איז רואיק אין לאַנד, און דער נביא זאָגט פאָראויס פאַר זיין פאָלק אַ לאַנגע צייט פון שלום און גליק.ביים קעניג איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, און זיין הערשאַפט וועט ברענגען גליק, פרידן און גערעכטיקייט צום פאָלק:

— אַ קינד איז ביי אונדז געבאָרן געוואָרן,
אַ זון איז אונדז געגעבן געוואָרן,
נאָר הערשאַפט וועט זיין אויף זיין אַקסל(135)
און מען וועט אים געבן אַ נאָמען:
וואונדערלעכער עצה־געבער, געטלעכער גיבור,
אייביקער פאָטער, האַר פון פרידן.
זיין הערשאַפט וועט זיין גרויס (136)
און צו שלום וועט ניט זיין קיין סוף.
ער וועט זיצן אויף דודס טראָן
און אויף זיין מלוכה,
זי צו באַפעסטיקן און צו אונטערלענען
מיט רעכט און גערעכטיקייט
פון איצט אָן ביז אויף אייביק.
דער ווילן פון גאָט פון די חיילות
וועט דאָס טאָן(137).

און נאָך אַ נבואה וועגן אַ ווייטער גליקלעכער צייט איז פאַרשריבן אין ספר ישעיה. ירושלים וועט ווערן דער צענטער פון דער גאַנצער וועלט. אַלע פעלקער וועלן שטראָמען צו גאָטס באַרג קיין ירושלים צו לערנען גאָטס וועגן. די פעלקער וועלן מער ניט שליכטן זייערע סכסוכים מיט דער שווערד. זיי וועלן זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, ער זאָל זיי אויסגלייכן, און אייביקער פרידן וועט הערשן אויף דער וועלט.

— און עס וועט זיין אין דעם סוף פון די טעג,
גאָטס באַרג וועט שטיין פעסט
אויבנאָן פון די בערג
און וועט דערהייבן ווערן איבער אַלע הויכע ערטער.
און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען
און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן:
קומט, לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון גאָט,
צו דעם הויז פון גאָט פון יעקב,
זאָל ער אונדז אָנווייזן זיינע וועגן,
וואָרום פון ציון וועט אַרויס תורה
און גאָטס וואָרט פון ירושלים.

און ער וועט משפּטן צווישן פעלקער
און אַנטשיידן צווישן אומות
און זיי וועלן איבערשמידן
זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף שנייד־מעסערס,
און אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק
וועט ניט הייבן קיין שווערד,
און מען וועט מער ניט לערנען מלחמה(138).

אַ דריטע נבואה איז אויף די גאָר, גאָר ווייטע צייטן. דער קעניג וואָס וועט יעמאָלט הערשן, וועט שטאַמען פון דודס משפּחה. ער וועט זיין אַ מעכטיקער קעניג, אָבער ער וועט זיין גרויס און מעכטיק, ניט ווייל ער וועט פאַרמאָגן אַ סך חיילות און פיל רייטוועגן און רייטער, נאָר ווייל ער וועט זיין פול מיט גערעכטיקייט. ער וועט האָבן אַ געטלעכע קראַפט צו דער־שפּירן וואָס עס איז רעכט און וואָס עס איז אומרעכט. קיין זאַך וועט פון אים ניט זיין פאַרבאָרגן. די גאַנצע וועלט וועט ווערן אַן אמתער גן־עדן. ניט נאָר וועלן ניט זיין קיין מלחמות צווישן פעלקער, נאָר אפילו די נאַטור וועט זיך ענדערן. די גאַנצע וועלט וועט זיין פול מיט גאָטס גייסט און מיט גאָטספאַרכטיקייט. ניט נאָר וועלן מענטשן צווישן זיך לעבן אין פרידן, נאָר אפילו די חיות פון וואַלד און פעלד וועלן ניט שלעכטס טאָן איינע די אַנדערע, און קיין חיה רעה וועט ניט אָנרירן קיין מענטשן.

— און אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ לאַם,
און אַ לעמפּערט מיט אַ ציגעלע וועלן הויערן,
און אַ קאַלב, אַ יונג לייב און פעט רינד — אינאיינעם,
און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן.
און אַ קו מיט אַ בער וועלן זיך פיטערן,
אינאיינעם וועלן הויערן זייערע יונגע,
און אַ לייב ווי אַ רינד וועט עסן שטרוי,
און אַ זויג־קינד וועט זיך שפּילן אויפן נעסט פון אַ שלאַנג,
און אויף דער נאָרע פון אַ גיפטיקער שלאַנג
וועט אַן אָנטוואוינט קינד לייגן זיין האַנט.
זיי וועלן ניט שלעכטס טאָן, און וועלן ניט פאַרדאַרבן
אויף מיין גאַנצן הייליקן באַרג,
ווייל די ערד וועט זיין פול מיט דערקענונג פון גאָט,
ווי די וואַסערן באַדעקן דעם גרונט פון ים(139).

דעם נביאס טויט

מיר הערן מער ניט פון דעם נביא. אין תנ״ך ווערט ניט דערציילט קלאָר ווער עס האָט פאַרשריבן די נבואות פון ישעיה(140). מען נעמט אָן, אַז אַ טייל נבואות האָט ישעיה אַליין פאַרשריבן, און אַ סך פון די נבואות האָבן פאַרשריבן זיינע תלמידים. אין דער גמרא שטייט(141), אַז חזקיהו און זיינע מענטשן האָבן פאַרשריבן ישעיהס רייד.

אין תנ״ך ווערט אויך ניט דערציילט ווי אַזוי און ווען ישעיה איז געשטאָרבן. די גמרא זאָגט, אַז ישעיה איז געשטאָרבן אַ מאַרטירער־טויט דורך דער האַנט פון דעם קעניג מנשה.

דערציילט די גמרא(142):

דער זינדיקער מנשה האָט געוואָלט פטור ווערן פון דעם אַלטן פרומען ישעיה, האָט דער קעניג אים באַשולדיקט, אַז ער איז אַ פאַלשער נביא. עס שטייט דאָך געשריבן אין דער תורה(143), אַז קיין מענטש קאָן ניט זען גאָטס פנים און בלייבן לעבן, און דו, האָט געטענהט מנשה צו ישעיהן, האָסט געזאָגט: און איך האָב געזען גאָט זיצן אויף אַ הויך־דערהויבענעם שטול.

ישעיה האָט ביי זיך געטראַכט: אויב איך וועל אים באַווייזן, אַז ער טייטשט אויס דעם פסוק ניט ריכטיק, וועט ער מיך אַלץ איינס טויטן, וועל איך אים בעסער ניט ענטפערן, און זאָל דער זון פון דעם פרומען חזקיהון ניט באַגיין קיין מאָרד מוטווילליק.

ישעיה האָט געשוויגן און ניט געענטפערט, און דער קעניג האָט אים פאַרמשפט צום טויט. דער נביא איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין אַן אויסגעהוילטן בוים. דער קעניג האָט באַפוילן אָפּצוזעגן אַלע ביימער. ווען די זעג האָט דערגרייכט ישעיהס מויל, איז דער נביא געשטאָרבן.

***

ירמיהו

דעם נביאס אָפּשטאַם

דער נביא ירמיהו, דער זון פון חלקיהו, איז געבאָרן געוואָרן אין ענתות, אַ דערפל, וואָס איז נאָר איין שעה גאַנג פון ירושלים. זיין משפחה, ווי מען גלויבט, האָט געצויגן איר יחוס פון דעם כוהן איתמר, דעם זון פון אהרן, משה רבינוס ברודער(1). ירמיהוס עלטער־עלטער־עלטער־זיידע, אביתר, פון דער משפחה עלי, איז געווען כוהן ביי דודן אין הויף. ווען דוד המלך איז אַלט געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייט צווישן זיינע זין, אדוניהו און שלמה, ווער עס זאָל ירשהנען די מלוכה, האָט אביתר געהאַלטן מיט אדוניהון(2). ווען שלמה האָט געזיגט און איז געוואָרן קעניג, האָט ער נאָך זיין פאָטערס טויט אויסגעהרגעט אַלע הויפלייט און הארן, וואָס האָבן געשטיצט אדוניהון, אָבער אביתרן האָט ער געלאָזן לעבן. דער יונגער קעניג האָט געזאָגט צום אַלטן כוהן:

— גיי קיין ענתות צו דיינע פעלדער. דו ביסט ווערט דעם טויט, אָבער איך וועל דיך ניט טייטן, ווייל דו האָסט געטראָגן דעם אָרון פון גאָט דעם האַר פון מיין פאָטער דודן, און דו האָסט זיך געפּלאָגט, ווען מיין פאָטער האָט זיך געפּלאָגט(3).

און שלמה המלך האָט אים פאַרשיקט קיין ענתות, וואו ער האָט געהאָט אַ נחלה.

ענתות איז געווען אין די גרענעצן פון שבט בנימין. די מיוחסדיקע כוהנים, וואָס זיינען דערווייטערט געוואָרן פון קעניגס הויף, זיינען געבליבן צוגעבונדן צו די טראַדיציעס פון דער צפונדיקער מלוכה, וואו דער פאָטער פון דער משפחה, דער כוהן עלי, איז געווען דער הויפּט־כוהן אין דעם גרעסטן גאַר אַלטן הייליקטום — שילו. אויך ירמיהו איז טריי געווען דער משפחה טראַדיציע, דערפאַר איז ביי אים אין די אויגן, דאָס אַמאָליקע הייליקטום פון שילו געווען אַזוי חשוב און הייליק, ווי דער בית־המקדש אין ירושלים(4). רחל, די מוטער פון שבט בנימין, איז ביי אים די מאַמע פון גאַנצן פאָלק(5). אין זיינע ערשטע נבואות ווענדט זיך דער נביא צו די זינדיקע משפחות פון ישראל. ער רעדט אַלעמאָל פון יהודה און ישראל ווי וועגן איין גרויסער מלוכה(6). די גרעסטע ווירקונג האָבן אויף אים געהאַט די נבואות פון דעם נביא פון ישראל — הושע(7).

דער יונגער ירמיהו

ירמיהו איז בטבע געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שעמעוודיקער און אַן אומעטיקער. ער האָט זיך ניט געחברט אין זיין יוגנט מיט אַנדערע דאָרפס־יינגלעך, ניט אַנטייל גענומען אין זייערע שטיפערייען און שפּילן. יאָרן שפּעטער האָט ער געזאָגט אויף זיך אַליין: „איך בין קיינמאָל ניט געזעסן אין געזעמל פון פרייליכע און זיך לוסטיק געמאַכט. צוליב דיין האַנט בין איך געזעסן אַליין, ווייל מיט פאַרדרוס, מיט צאָרן, האָסטו מיך אָנגעפילט״(8).

פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט ירמיהו געגלויבט, אַז ער איז אַן אויסדערוויילטער און געהייליקטער פון גאָט און איז באַשטימט געוואָרן צו זיין אַ נביא. ווען אַנדערע יונגען אין זיין עלטער האָבן פאַרבראַכט זייער צייט אין לוסטיקע שפּילן, איז ער געזעסן אַליין מיט אַ האַרץ אָנגעלאָדן מיט צער, ווייטיק, פאַרדרוס און שרעק. סטייטש, יאשיהו איז שוין מער ווי צען יאָר קעניג און דאָס פאָלק איז נאָך אַלץ איינגעזונקען אין זומפּ פון געצנ־דינסט. וואו אַ הויך בערגל, דאָרט אַ במה צו אַ געץ, וואו אַ פאַרצווייגטער בוים, דאָרט אַ מזבח צו אַ געטין(9). די זעלביקע האַרן און הויפלייט, וואָס האָבן געהאַט די דעה אין די צייטן פון מנשה און אמון, פירן אויך איצט די מלוכה. אשור האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ, מצרים ווערט האָפערדיק, בבל ווערט שטאַרקער. ווי וועלן זיך אָפּרופן די אַלע געשעענישן אויף יהודה? פון ערגעץ ווייט הערט זיך דאָס אָנקומען פון אַ שרעקלעכן שונא — וואַנדערנדיקע סקיטן — וועלן זיי גרייכן ביז יהודה? דאָס לאַנד קאָן ניט בלייבן רואיק און אין פרידן, ווייל דאָס פאָלק איז שטאַרק זינדיק און גאָט וועט אים ניט פאַרגעבן זיינע שווערע זינד.

דער יונגער ירמיהו וואַרט. ער וואַרט אויף גאָטס רוף, אויף גאָטס וואָרט. און ווען ער איז אַלט געווען אַרום צוואַנציק יאָר(10), האָט ער געהאַט די ערשטע אַנטפּלעקונג.

די אַנטפּלעקונג

גאָטס וואָרט איז געקומען צו אים אומגעריכט, פּלוצים(11). גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אַנדערש ווי ער האָט זיך באַוויזן צו ישעיהן, אָדער שפּעטער צו יחזקאלן — אָן בילד, אָן געשטאַלט — האָט ער דערהערט גאָטס קול:

— איידער דו ביסט נאָך געבאָרן געוואָרן, נאָך אין דיין מוטערס בויך,

האָב איך דיך דערקענט און געהייליקט. איך האָב דיך באַשטימט צו זיין אַ נביא פאַר די פעלקער.

און דער יונגער נביא דערשרעקט זיך:

— ווײ, גאָט, דו האַר, איך קאָן דאָך ניט ריידן, וואָרום איך בין נאָך אַזוי יונג.

און די שטים לאָזט אים ניט אָפּ:

— זאָלסט ניט זאָגן איך בין נאָך אַזוי יונג, נאָר אומעטום, וואוהין איך וועל דיך שיקן זאָלסטו גיין. אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן זאָלסטו ריידן. זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי, וואָרום איך בין מיט דיר.

און דער יונגער ירמיהו זעט אַ האַנט. די האַנט רירט אָן זיין מויל, און גאָט זאָגט צו אים:

— אָט האָב איך דיר געגעבן מיינע ווערטער אין דיין מויל. זע, איך האָב דיך געשטעלט איבער די פעלקער און איבער די קעניגרייכן אויסצורייסן און אומצוואוואַרפן, אומצוברענגען און צו צעשטערן, צו בויען און צו פלאַנצן(12).

שרעק און פאַרצווייפלונג אין דעם יונגן נביאס האַרץ. ווער איז ער, וואָס ער זאָל קומען צום פאָלק און אים שטראָפן, וואָרענען, טרייסטן און ברענגען גאָטס וואָרט צו אים? אָבער אין דער זעלביקער צייט איז זיין האַרץ פול געוואָרן מיט גרויס פרייד און שטאָלץ, וואָס ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פון יהוה צו זיין דער שליח פון זיין וואָרט. יאָרן שפּעטער, ווען דער נביא באַקלאָגט זיך, אַז ער ווערט פאַרפאָלגט און גערודפט, און גאָטס וואָרט איז פאַר אים אַ קוואַל פון ווייטיק און פאַרדרוס, גיט ער דאָך צו:

— ווען איך האָב געפונען דיינע ווערטער, האָב איך זיי איינגעשלונגען, און דיינע רייד זיינען פאַר מיר געווען אַ פרייד און אַ שמחה פאַר מיין האַרצן, ווייל דיין נאָמען איז גערופן געוואָרן אויף מיר, דו גאָט פון די חיילות(13).

פון דער ערשטער אַנטפּלעקונג אָן רעדט גאָטס שטים צו אים פון אַלץ אַרום. אָט איז אַ מאַנדלשטאָק. די ריטלעך פון דעם ביימל זיינען נאָך הויל און נאַקעט, אָבער מען קאָן שוין זען קנאָספּן, וואָס האַלטןביים עפענען זיך. דער מאַנדלבוים הייבט אָן בליען פריער פון אַלע ביימער און דערפאַר רופט מען אים שקד — דער וואָס איילט זיך, דער וואָס איז וואַך. און ירמיהו קוקט אויף דעם ביימל און הערט גאָטס שטים:

— וואָס זעסטו, ירמיהו?

און ירמיהו ענטפערט:

— אַ מאַנדל־שטאָק.

און יהוה זאָגט:

— גוט זעסטו, ירמיהו. איך אייל זיך און וועל גיך ברענגען מיין וואָרט עס צו טאָן.

און אָט קוקט זיך צו ירמיהו און זעט ווי אַ טאָפּ זידט און קאָכט. און דאָס וואָרט פון יהוה קומט צו אים נאָך אַמאָל:

— וואָס זעסטו?

און ירמיהו ענטפערט:

— איך זע אַ טאָפּ זידט, און מען הייצט אים אונטער פון צפון־זייט.

און גאָט האָט געזאָגט:

— פון צפון וועט אויסברעכן דער אומגליק אויף די איינוואוינער פון לאַנד(14).

דריי מאָל האָט ער געהערט גאָטס שטים. דאָס ערשטע מאָל האָט אים גאָט אָנגעזאָגט, אַז ער האָט אים געהייליקט פאַר אַ נביא. דאָס צווייטע מאָל זאָגט ער אים אָן, אַז די נבואות, וואָס גאָט וועט אים, דעם יונגן נביא, אַריינ־לייגן אין מויל זיינען ניט קיין נבואות אויף ווייטע צייטן, נאָר זיי וועלן באַלד מקוים ווערן. דאָס דריטע מאָל זאָגט אים אָן גאָט, אַז דער אומגליק וועט קומען פון צפון. די נייע מאַכט, וואָס ברעכט אשור, איז ניט קיין גליק פאַר יהודה(15).

דער יונגער נביא האָט זיך געשטאַרקט און איז בייגעקומען זיין צוריק־געהאַלטנקייט און שעמעוודיקייט. ער איז אַרויס שטראָפן יידן. ער האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט, ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט געשראָקן. גאָטס וואָרט האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַפעסטיקטער שטאָט, אַן אייזערנעם זייל, און אַ קופּערנע מויער (16). אַ לעבן לאַנג האָט ער זיך געשטעלט קעגן די מלכים פון יהודה, קעגן אירע האַרן, קעגן אירע כוהנים און קעגן אַלע זינדיקע.

די ערשטע נבואות

ניט מיט האַרבע שטראָף־רייד האָט דער יונגער נביא אָנגעהויבן ריידן צום פאָלק. אין זיינע ערשטע נבואות זיינען דאָ מער ווייטיק און פאַרדרוס ווי ביטערע שטראָף און דראָאונג. ירמיהו, פּונקט אַזוי ווי דער נביא הושע, האָט געגלויבט, אַז גאָט וויל ניט באַשטראָפן יידן, ער וויל נאָר, אַז זיי זאָלן חרטה האָבן און זיך אומקערן צו אים. גאָט בענקט, גאַרט און גלוסט, אַז יידן זאָלן פאַרבעסערן זייערע וועגן און זיך אומקערן צו אים, צו גאָט. ירמיהו ווענדט זיך אין די נבואות צו יהודה און צו דעם פאַרטריבענעם ישראל — צוביידן גלייך(17).

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— גיי און דו זאָלסט רופן אין די אויערן פון ירושלים, אַזוי צו זאָגן,

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך געדענק די געטריישאַפט פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט, ווען דו ביסט געגאַנגען נאָך מיר אין מדבר, אין אַ לאַנד ניט געזייט. יעמאָלט איז ישראל געווען גאָטס הייליקייט, דאָס ערשטע פון זיין תבואה — דער וואָס עסט אים, קומט אַן אומגליק אויף אים(18).

און גאָט פרעגט מיט פאַרדרוס ביי יהודה און ישראל:

— וואָס פאַר אַן אומרעכט האָבן אייערע עלטערן אין מיר געפונען, וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט פון מיר און זיינען אַוועק נאָך נאַרישקייטן און זיינען אַליין געוואָרן נאַריש? זיי האָבן ניט געזאָגט: וואו איז גאָט, וואָס האָט אונדז אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מצרים; וואָס האָט אונדז געפירט דורך דער מדבר, דורך אַ לאַנד פון וויסטעניש און גריבער, דורך אַ לאַנד פון טריקעניש און טויטשאָטן, דורך אַ לאַנד, וואָס קיין מענטש איז קיינמאָל ניט דורכגעגאַנגען און קיינער האָט דאָרטן קיינמאָל ניט געוואוינט? און איך האָב אייך געבראַכט אין אַ פרוכטבאַרן לאַנד צו עסן זיין פרוכט און זיין גוטס. אָבער איר זייט געקומען און פאַראומרייניקט דאָס לאַנד, איר האָט געמאַכט מיין נחלה פאַר אַן אומווירדיקייט. די כוהנים האָבן ניט געזאָגט: וואו איז גאָט? די לערנער פון דער תורה האָבן מיך ניט געקענט, און די נביאים האָבן נביאות געזאָגט אין נאָמען פון געץ בעל. דערפאַר וועל איך זיך קריגן מיט אייך, זאָגט גאָט, מיט אייערע קינדס־קינדער וועל איך זיך קריגן(19).

— פאָרט דורך די אינדזלען פון די כתים און זעט, שיקט שלוחים קיין קדר און קוקט זיך צו: האָט וועלכעס ס'איז פאָלק פאַרביטן זיין גאָט? און זיי זיינען דאָך ניט קיין געטער. און מיין פאָלק האָט פאַרביטן זיין גאָט אויף עפּעס, וואָס איז אָן נוצן. גרוילט איר, הימלען, איבער דעם און שוידערט אויף, שטורעמט אויף ביז גאָר, זאָגט גאָט, ווייל אַ צווייענדיקע זינד איז מיין פאָלק באַגאַנגען. זיי האָבן פאַרלאָזן מיך, דעם קוואַל פון לעבעדיק וואַסער, און זיי האָבן אויסגעהאַקט ברונעמער, צעבראָכענע ברונעמער, וואָס קאָנען ניט איינהאַלטן דאָס איינגעזאַמלטע וואַסער(20)..

און גאָט טענהט ווידער צו די יידן:

— זיי זאָגן צו אַ שטיק האָלץ: דו ביסט אונדזער פאָטער, און צו אַ שטיין: דו האָסט אונדז געבאָרן. און אין צייט פון אומגליק זאָגן זיי צו מיר: שטיי אויף און העלף אונדז. און וואו זיינען דיינע געטער, וואָס

דו האָסט דיר געמאַכט ? זאָלן זיי אויפשטיין, אויב זיי קאָנען דיר העלפן אין צייט פון אומגליק, ווייל וויפיל שטעט דו פאַרמאָגסט, אַזוי פיל געטער האָסטו(21).

שלעכט איז דאָס דינען צו די געצן, ערגער איז דאָס, וואָס געצנדינסט ברענגט אומרעכט פון מענטש צו מענטש.

— די ברעגן פון דיין קלייד זיינען איינגעטונקט אין בלוט פון אומשולדיקע אָרעמעלייט. די וואָס דו האָסט געהרגעט, האָסטו ניט געפונען, ווען זיי האָבן זיך איינגעבראָכן אין אַ הויז צו רויבן(22).

און די נביאים, וואָס זיינען געקומען צו שטראָפן און צו וואָרענען, האָט מען אומגעבראַכט :

— אייער שווערד האָט פאַרצוקט אייערע נביאים, ווי אַ פאַרדאַרבנדיקער לייב(23).

וואָלטן כאָטש די יידן געוואוסט, אַז זיי זיינען זינדיק, אָבער ניין :

— דו זאָגסט : איך בין אומשולדיק. דיין צאָרן האָט זיך שוין אָפּגעקערט פון מיר. זע, זאָגט גאָט, איך משפט זיך מיט דיר פאַר דיין זאָגן : איך האָב ניט געזינדיקט(24).

דער נביא ווייס, אַז אַן אומגליק מוז קומען אויף זיין באַליבט פאָלק. דאָס אומגליק מוז קומען ניט ווייל גאָט וויל שטראָפן זיין זינדיק פאָלק, נאָר ווייל שלעכטע מעשים און זינד טראָגן אַליין אין זיך שטראָף און אומגליק :

— דיין שלעכטסקייט וועט דיך אָנלערנען און דיינע זינד וועלן דיך באַשטראָפן. און זע, און ווייס, אַז שלעכט און ביטער איז דאָס, וואָס דו האָסט פאַרלאָזן דיין גאָט, און זיין מורא איז ניט אויף דיר(25).

אָבער דער נביא גלויבט, אַז דאָס אומגליק וועט דאָך פאַרמידן ווערן. יידן וועלן איינזען זייער טעות און זיך אומקערן צו גאָט. דעם נביא דוכט זיך, אַז ער הערט אַ געבעט, אַ געוויין פון די בערגלעך, וואו יידן האָבן געזינדיקט. די יידן קלאָגן, אַז זיי האָבן פאַרגעסן אָן יהוה, זייער גאָט, און זיי האָבן חרטה אויף זייערע זינד(26). און ווי נאָר גאָט דערהערט דאָס קול פון חרטה, ענטפערט ער :

— קערט זיך אום, זינדיקע קינדער, איך וועל אייך היילן פון אייער אָפּקערונג, פון אייערע זינד(27).

גאָט וועט גערן צוריקנעמען די יידן, אָבער זייער תשובה און חרטה דאַרפן זיין פון פולן האַרצן :

— אַז דו וועסט זיך אומקערן צו מיר, ישראל, זאָגט גאָט, און דו וועסט אָפּטאָן דיינע אומווירדיקייטן און דו וועסט זיך מער ניט וואַקלען, און דו

וועסט שווערן: „אַזוי ווי גאָט לעבט" מיט אמת, רעכט און גערעכטיקייט, וועלן זיך בענטשן מיט דיר אַלע פעלקער און זיי וועלן זיך רימען מיט דיר(28).

אָבער ס'האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט דעם נביא, אַז ער הערט ווי יידן קלאָגן און וויינען און האָבן חרטה אויף זייערע זינד. ניין, די פאַרטריבענע מלוכה ישראל מיט אַלע אירע אומרעכטן האָט זיך אַרויסגעוויזן בעסער און פרימער פון דער פעלשערין יהודה(29). און ירמיהו האָט באַלד דערהערט אַן אַנדער קול, אַ קול פון שופר, אַ שאַל פון מלחמה. גאָטס כעס האָט זיך דערוועקט, און ער האָט אָנגעהויבן אויסגיסן זיין צאָרן אויף זיין באַליבט פאָלק. די גאַנצע וועלט האָט אַ ציטער געטאָן. די ווילדע סקיטן זיינען אָנגעקומען.

די סקיטן

אַ יאָר נאָכדעם ווי ירמיהו האָט געהאַט די ערשטע אַנטפּלעקונג, האָבן זיך די סקיטן באַוויזן אין די לענדער אַרום ארץ ישראל. די ווילדע סקיטישע האָרדעס זיינען ניט געקומען צו באַזיגן לענדער. זיי זיינען געווען פּראָסטע רויבער און פּלינדערער (30). וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אַוועקרויבן, האָבן זיי פאַרברענט און פאַרניכטעט. ירמיהו איז זיכער, אַז די ווילדע סקיטן וועלן פאַרוויסטן יהודה. דאָס פאָלק איז דאָך זינדיק און וויל זיך ניט אומקערן צו גאָט. און דעם נביאס האַרץ ווייטיקט אויף דעם בראָך פון זיין פאָלק. זיי האָבן דאָך דאָס אומגליק געקאָנט פאַרמיידן, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט. שרייט אויס ירמיהו:

— מיינע איינגעווייד, מיינע איינגעווייד! איך דריי מיך פון ווייטיק, מיין האַרץ טוט ברומען אין מיר, ווייל אַ קול פון שופר האָט מיין זעל געהערט, אַ שאַל פון מלחמה. אַ בראָך אויף אַ בראָך. חרוב איז געוואָרן דאָס גאַנצע לאַנד. פּלוצים זיינען פאַרוויסט געוואָרן מיינע געצעלטן. אין איין רגע זיינען צעשטערט געוואָרן די צודעקן פון מיינע געצעלטן (31).

דער נביא פרעגט פאַרצווייפלט:

— ביז וואַנען וועל איך זען די פאָן, ביז וואַנען וועל איך הערן דאָס קול פון שופר?

אָבער ירמיהו ווייס ניט דעם ענטפער, ווייל עס ווענדט זיך ניט אָן אים. דאָס פאָלק דאַרף תשובה טאָן. אָבער דאָס פאָלק טוט ניט קיין תשובה און גאָט זאָגט:

— נאַריש איז מיין פאָלק. מיך קענען זיי ניט. נאַרישע קינדער זיינען זיי און ניט־פאַרשטענדיקע. זיי זיינען חכמים אויף טאָן שלעכטס און פון טאָן גוטס ווייסן זיי ניט.

דער נביא איז אין דעם רואיקן דערפל ענתות. אָבער ער זעט ווי דער פרוכטבאַרער רואיקער ווינקל וועט אינגאַנצן צעשטערט און פאַרוויסט ווערן. און וואָס עס וועט געשען מיט דעם שטילן דערפל, וועט געשען מיט דעם גאַנצן לאַנד (32).

— איך זע: ערשט די ערד איז וויסט און ליידיק און די הימלען — זייער ליכט איז ניטאָ. איך זע: ערשט די בערג ציטערן און אַלע הויכע ערטער טרייסלען זיך. איך זע: ערשט קיין איין מענטש איז ניט געבליבן און אַלע פייגלען פון די הימלען זיינען אַוועק. איך זע: ערשט דער פרוכטבאַרער כרמל איז געוואָרן אַ מדבר און אַלע שטעט זיינען געוואָרן צעשטערט.

און דער נביא שילדערט דעם שרעקלעכן שונא פאַר די היימישע איינ־וואוינער פון ענתות, פון שבט בנימין, און דורך זיי פאַר דעם גאַנצן פאָלק:

— איך ברענג אויף אייך אַ פאָלק פון דער ווייט, איר הויז פון ישראל, זאָגט גאָט. אַ מעכטיק פאָלק, אַן אַלט פאָלק. אַ פאָלק, וואָס דו וועסט ניט פאַרשטיין זיין לשון. זיין פיילנבייטל איז ווי אַן אָפענער קבר. זיי זיינען אַלע גיבורים. און ער וועט אויפעסן דיין שניט און דיין ברויט. ער וועט אויפעסן דיינע זין און דיינע טעכטער, ער וועט אויפעסן דיינע שאָף און דיינע רינדער. ער וועט אויפעסן דיין וויינשטאָק און דיין פייגנבוים. ער וועט צעקלאַפּן מיט דער שווערד דיינע פעסטונגען, וואָס דו פאַרזיכערסט זיך אויף זיי(33).

און דער נביא זאָגט:

— האָפן האָבן מיר געהאָפט אויף שלום, אָבער קיין גוטס איז ניטאָ; אויף אַ צייט פון היילונג — ערשט גאָר אַ דערשרעקעניש. פון דן הערט זיך דאָס סאָפּען פון זיינע פערד, פון דעם הירזשען פון זיינע אָגערס ציטערט דאָס גאַנצע לאַנד. און זיי קומען און צערייבן דאָס גאַנצע לאַנד אין זיין פולקייט, די שטאָט און אירע איינוואוינער. וואָרום זעט: איך שיק אויף אייך אָן ברענענדיקע שלאַנגען, וואָס וועלן אייך בייסן; און קיין שפּרוך איז פאַר זיי ניטאָ, זאָגט גאָט(34).

און דער נביא, וואָס איז פול מיט ליבשאַפט צו זיין פאָלק, קלאָגט:

— איך וואָלט וועלן זיך שטאַרקן איבער מיין טרויער, אָבער איך קאָן ניט — מיין האַרץ איז מיר צעווייטיקט. אָט הער איך דאָס געשריי פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק פון אַלע עקן פון לאַנד(35).

און דער נביא פרעגט:

— איז גאָט ניטאָ מער אין ציון? איז איר קעניג ניטאָ אין איר?

און דער נביא הערט גאָטס ענטפער:

— פאַרוואָס האָבן זיי מיך דערצאָרנט מיט זייערע געצן, מיט די נאַרישקייטן פון דער פרעמד?

און אַז דער נביא זעט, אַז עס איז ניטאָ קיין האָפענונג מער, פאַר־שטאַרקט זיך זיין טרויער:

— איבער דעם בראָך פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק בין איך צעבראָכן, פינצטער איז מיר, אַ שרעק איז מיך באַפאַלן.

און דער נביא פרעגט מיט צער:

— איז קיין באַלזאַם ניטאָ אין גלעד? איז קיין רופא דאָרט ניטאָ? פאַרוואָס קומט ניט קיין היילונג צו דער טאָכטער פון מיין פאָלק?

ס'איז אָבער אין ערגעץ ניטאָ קיין רפואה, וואָס זאָל אויסהיילן די פאַרוואונדעטע יהודה. און דער נביא רופט אויס אין זיין פאַרצווייפלונג:

— הלוואי וואָלט מיין קאָפּ געוואָרן וואַסער און מיין אויג אַ קוואַל פון טרערן, און איך וואָלט טאָג און נאַכט באַוויינט די דערשלאָגענע פון דער טאָכטער פון מיין פאָלק(36).

די סקיטן מיידן אוים יהודה

ירמיהוס נבואות זיינען ניט מקוים געוואָרן(37). די סקיטן האָבן אויס־געמיטן ארץ־ישראל. די רויבערשע חיילות זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם גרענעץ פון יהודה און זיי האָבן דערגרייכט ביז מצרים. דער פרעה פון מצרים האָט זיי אונטערגעקויפט און זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן צו צפון צו. אויף זייער וועג האָבן זיי צערויבט אַ סך שטעט און מדינות אין פאָדער־אַזיע. יהודה האָבן זיי כמעט גאָרניט באַרירט.

ירמיהוס נבואות אויף אַ באַלדיקן חורבן פון לאַנד זיינען ניט מקוים געוואָרן. פאַרקערט גאָר, יהודה האָט אַ סך געוואונען פון די אומרועז. די סקיטישע אָנפאַלן אויף אשור האָבן אָפּגעשוואַכט אָט דעם גרעסטן יידישן שונא. די גרויסע מעכטיקע מלוכה פון אַמאָליקן סנחריב האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען און די אונטערגעיאָכטע פעלקער האָבן אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר איר. יהודה איז געוואָרן כמעט זעלבסטשטענדיק.

דער נביא, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געווייטיקט אויף דעם אומגליק פון זיין פאָלק, האָט זיך געפרייט, וואָס גאָט האָט פאַרמיטן זיין צאָרן פון יהודה. דאָך איז ער געווען זיכער, אַז יהוהס בייזקייט האָט זיך אָפּגעטאָן נאָר אויף אַ קורצער צייט, ווייל גאָט איז געדולדיק און ער וויל, אַז יידן זאָלן זיך

צו אים אומקערן און חרטה האָבן אויף זייערע זינד. אָבער אַזוי ווי יידן זיינען נאָך אַלץ זינדיק, איז ניטאָ זיך וואָס צו פרייען. ירמיהו איז געווען אַזוי זיכער אין קומענדיקן אומגליק און גלות, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ שבועה ניט חתונה צו האָבן:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— דו זאָלסט דיר ניט נעמען קיין ווייב און ניט האָבן קיין זין און טעכטער אין דעם דאָזיקן אָרט, ווייל אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף די זין און טעכטער, וואָס וועלן געבאָרן ווערן אין דעם דאָזיקן לאַנד, און אויף זייערע מוטערס, וואָס האָבן זיי געהאַט, און אויף זייערע פאָטערס, וואָס האָבן זיי געבאָרן אין דעם דאָזיקן לאַנד:

— מיט אַ טויט פון יסורים וועלן זיי שטאַרבן ניט באַקלאָגט און צו קבורה וועלן זיי ניט געבראַכט ווערן. זייערע טויטע קערפּערס וועלן זיין צו שפּייז פאַר די פייגלען פון הימל און פאַר די חיות פון פעלד(38).

דאָס בוך פון בונד

דער אַנפאַל פון די ווילדע סקיטן האָט אויפגערודערט גאַנץ אַזיע און האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די געשעענישן פון יענער צייט. די וואַנדערנדיקע, רויבערישע שבטים האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער מעכטיקער אשורישער מלוכה. אָבער עטלעכע יאָר שפּעטער איז אין ירושלים געשען אַ געשעעניש, וואָס האָט באַווירקט די גאַנצע וועלט.

וואָס איז געשען?

איז צווישן די איינוואוינער פון יהודה אויפגעשטאַנען אַ מעכטיקער קריגער, וואָס האָט מיט פלינקע רייטער און אייזערנע רייטוועגן באַזיגט די אַרומיקע שכנים? ניין. אין ירושלים איז אויך ניט אויפגעשטאַנען קיין גרויסער קעניג, וואָס האָט צונויפגעטריבן צענדליקער טויזנטער שקלאַפן און אויפגעבויט הויכע פּיראַמידן, אָדער הענגענדיקע גערטנער, וואָס די וועלט באַוואונדערט ביז היינטיקן טאָג. אַ קליינע ניט וויכטיקע געשעעניש האָט פּאַסירט אין ירושלים — אַ בוך איז געפונען געוואָרן אין בית המקדש. ניט די אַרומיקע שכנים און ניט די וועלט האָבן געוואוסט פון דעם געפינס פאַר הונדערטער יאָרן. דאָך האָט די געשעעניש ניט נאָר געענדערט די געשיכטע פון דער קליינער יהודה, די גאַנצע וועלט-געשיכטע האָט געקראָגן אַן אַנדער פּנים צוליב דעם געפונענעם בוך.

— און עס איז געווען אין דעם אַכצנטן יאָר פון דעם מלך יאשיהו, האָט חלקיהו, דער כוהן גדול געפונען אַ בוך אין גאָטס הויז (39).

אין מלכים און אין דברי הימים ווערט דאָס בוך אָנגערופן מיט צוויי נעמען: ספר התורה — דאָס בוך פון דער תורה און ספר הברית — דאָס בוך פון בונד. אַ סך פאָרשער גלויבן, אַז דאָס געפונענע בוך איז באַשטאַנען פון טיילן פון חומש דברים.

דער יונגער קעניג יאשיהו איז אַלעמאָל געווען אונטער דער ווירקונג פון די נביאים. אין ספר דברי הימים ווערט דערציילט(40), אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט ער אָנגעהויבן זוכן דעם גאָט פון זיין פאָטער דודן. ווען דער קעניג איז אַלט געוואָרן זעקס און צוואַנציק יאָר, אין אַכצנטן יאָר פון זיין קעניגן, האָט ער באַפוילן חלקיהון דעם כוהן גדול(41) פון בית המקדש צו פאַרריכטן די צעבראָכענע טיילן פון דעם הויז פון גאָט. און עס איז געווען ווען זיי האָבן אַרויסגענומען דאָס געלט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין הויז פון גאָט, האָט חלקיהו, דער כוהן גדול, געפונען דאָס בוך פון גאָט. און חלקיהו, דער כוהן גדול, האָט געזאָגט צו שפן, דעם שרייבער: דאָס בוך פון תורה האָב איך געפונען אין גאָטס הויז. און שפן האָט איבערגעלייענט דאָס בוך.

און שפן דער שרייבער האָט דערציילט דעם מלך אַזוי צו זאָגן:

— חלקיהו דער כוהן האָט מיר געגעבן אַ בוך.

— און שפן האָט געלייענט דאָס בוך פאַרן מלך.

דאָס געפונענע בוך פון גאָטס תורה האָט קלאָר געמאַכט פאַר דעם יונגן קעניג דעם בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט יידן און וואָס גאָט פאָדערט פון זיי. דאָס געפונענע בוך האָט געזאָגט, אַז יהוה איז ניט נאָר גרעסער פון אַלע געטער, ווי יידן האָבן אַמאָל געגלויבט(42), נאָר יהוה איז איינער, איינאונאיינציק אין דער גאַנצער וועלט.

— און דו זאָלסט וויסן און זיך אַריינגעמען אין האַרצן, אַז יהוה איז גאָט אין הימל אויבן און אויף דער ערד אונטן. מער איז ניטאָ. זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים. זאָלסט ניט מאַכן קיין געשניץ, קיין שום געשטאַלט פון וואָס עס איז אין הימל אויבן, אָדער וואָס איז אויף דער ערד אונטן, אָדער וואָס איז אין וואַסער אונטער דער ערד(43).

אָבער יהוה, וואָס איז דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט, איז דער־הויפּט דער גאָט פון די יידן. ער האָט זיי אויסגעקליבן פון אַלע אַנדערע פעלקער און נאָר זיי אַליין געלאָזט וויסן זיין נאָמען און געגעבן זיי זיין תורה.

— זע, צו יהוה דיין גאָט געהערן די הימלען און די הימלען פון הימלען, און די ערד און אַלץ וואָס אויף איר. אָבער נאָר צו דיינע עלטערן האָט גאָט געגלוסט זיי ליב צו האָבן. און ער האָט אויסדערוויילט זייערע קינדער נאָך זיי, אייך פון אַלע אַנדערע פעלקער(44).

און גאָט האָט אויסגעקליבן די יידן:

— ניט ווייל איר זייט מער פון אַלע אַנדערע פעלקער, האָט ער געגלוסט צו אייך און אייך אויסדערוויילט, נייערט ווייל גאָט האָט אייך ליב, און ווייל ער היט די שבועה וואָס ער האָט געשוואָרן צו אייערע עלטערן. דערפאַר האָט ער אייך אַרויסגעצויגן מיט אַ שטאַרקער האַנט, און ער האָט אייך אויסגעלייזט פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט פון דער האַנט פון פרעה, פון דעם מלך פון מצרים(45).

אָבער דאָס, וואָס גאָט האָט אויסדעדויילט די יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער לייגט אַרויף אַ חוב אויף די יידן צו זיין אַ גערעכט פאָלק און אַ פאָלק טריי צו גאָט:

— צעשטערן זאָלט איר צעשטערן אַלע ערטער, וואו די פעלקער, וואָס איר ירשנט, האָבן דאָרט געדינט צו זייערע געטער; אויף די הויכע בערג, אויף די בערגלעך און אונטער יעדן פאַרצווייגטן בוים. איר זאָלט איינוואַרפן זייערע מזבחות און צעברעכן זייערע זייל־שטיינער און זייערע געצנביימער זאָלט איר אָפּהאַקן און זייערע געשניצטע געטער זאָלט איר פאַרברענען אין פייער, און איר זאָלט אומברענגען זייער נאָמען פון יענעם אָרט (46).

מען טאָר ניט דינען צו יהוה אין די אַלע ערטער, נאָר אין איין אָרט מעג מען דינען צו יהוה:

— נאָר צו דעם אָרט, וואָס יהוה אייער גאָט וועט אויסדערוויילן פון אַלע שבטים אַנצורופן זיין נאָמען דאָרטן, אַהין זאָלט איר זיך ווענדן און אַהין זאָלט איר גיין(47).

און דער אייינאונאייינציקער גאָט, וואָס רוט אין זיין אויסדערוויילטן אָרט, וויל, אַז זיין אויסדערוויילט פאָלק זאָל גיין אין אַלע זיינע וועגן און אים ליב האָבן און אים דינען מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער זעל(48).

און וואָס פאַרלאַנגט גאָט פון זיין פאָלק?

— נאָר נאָך גערעכטיקייט, נאָר נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן. ריכטער און אויפזעער זאָלסטו אויפשטעלן אין אַלע דיינע טויערן, און זיי זאָלן משפטן דאָס פאָלק מיט גערעכטיקייט. זאָלסט ניט פאַרדרייען קיין משפט און זאָלסט ניט שאַנעווען דעם שטאַרקערן, און דו זאָלסט ניט נעמען קיין

שוחד, ווייל שוחד מאַכט בלינד די אויגן פון די קלוגע און פאַרקרימט די רייד פון גערעכטע (49).

— און אַז צווישן מענטשן וועט זיין אַ קריג און זיי וועלן קומען זיך משפטן, זאָל מען געבן גערעכט דעם גערעכטן און שולדיק מאַכן דעם שולדיקן(50).

— און איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים(51).

און דאָס בוך פון בונד האָט אויך אָנגעזאָגט דעם פאָלק ווי זיך אויפצופירן ביים שניט פון תבואה, ביים אָראָפּנעמען די פירות פון די פרוכט־גערטנער, אין יום־טוב־צייט און אין אַלע אַנדערע טעג. און פאַר דעם מלך האָט דאָס בוך אָנגעצייכנט ווי זיך אויפצופירן אין פרידן און מלחמה.

און דאָס בוך האָט קלאָר געמאַכט, אַז אויב יידן וועלן אויספאָלגן די אַלע געבאָטן, וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט, וועט זיי זיין גוט. אָבער אויב זיי וועלן ניט אויספאָלגן די געבאָטן, וועט זיי גאָט באַשטראָפן.

— און עס וועט זיין אויב צוהערן וועסטו זיך צוהערן צו דעם קול פון יהוה דיין גאָט, צו היטן אַלע זיינע געבאָטן, וואָס איך באַפעל דיר היינט, וועט יהוה דיין גאָט שטעלן העכער איבער אַלע פעלקער פון דער וועלט. און עס וועלן קומען אויף דיר די דאָזיקע אַלע ברכות און דיך דערגרייכן (52).

— געבענטשט וועסטו זיין אין שטאָט און געבענטשט וועסטו זיין אין פעלד. געבענטשט וועלן זיין דיינע קינדער, דיין תבואה אין פעלד און די געבורטן פון דיינע שאָף און רינדער. דיינע פיינט וואָס וועלן אויפשטיין אַקעגן דיר, וועלן צעשלאָגן ווערן. אויף איין וועג וועלן זיי אַרויסגיין קעגן דיר, און אויף זיבן וועגן וועלן זיי אַנטלויפן פאַר דיר. גאָט וועט אַריינגעבן אַ ברכה אין דיינע שפייכלערס און אין אַלץ, צו וואָס דיין האַנט נעמט זיך. ער וועט דיך בענטשן אין דעם לאַנד, וואָס ער גיט דיר. גאָט וועט דיך אויפשטעלן פאַר אַ הייליק פאָלק, אַזוי ווי ער האָט דיר געשוואָרן. און אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן זען, אַז גאָטס נאָמען ווערט גערופן אויף דיר, וועלן זיי מורא האָבן פאַר דיר.

— אָבער אויב עס וועט זיין, אַז דו וועסט זיך ניט צוהערן צו דעם קול פון דיין גאָט צו היטן אַלע זיינע געבאָטן און זיינע געזעצן, וואָס ער גיט דיר היינט, וועלן קומען אויף דיר אַלע די דאָזיקע קללות און וועלן דיך דערגרייכן:

— פאַרשאָלטן וועסטו זיין אין שטאָט און פאַרשאָלטן וועסטו זיין אין פעלד, פאַרשאָלטן וועלן זיין דיינע קינדער, דיין תבואה אין פעלד און די

געבורטן פון דיינע שאָף און רינדער. גאָט וועט דיך איבערגעבן אַ געשלאָ־גענעם צו דיינע פיינט. אויף איין וועג וועסטו אַרויסגיין אַקעגן זיי און אויף זיבן וועגן וועסטו אַנטלויפן פאַר זיי. פיל וועסטו פאַרזייען און ווינציק וועסטו איינזאַמלען, ווייל דער היישעריק וועט עס אָפּפרעסן. און דערפאַר וואָס דו האָסט ניט געדינט דיין גאָט מיט שמחה און מיט אַ פריידיק האַרץ, ווען עס איז ביי דיר געווען אַ שפע פון אַלץ, וועסטו דינען דיין פיינט, וואָס גאָט וועט אַנשיקן אויף דיר, אין הונגער, אין דורשט, נאַקעט — ווען אַלץ וועט דיר פעלן. גאָט וועט ברענגען אויף דיר אַ פאָלק פון דערווייטן, פון עק וועלט, אַ פאָלק, וואָס דו פאַרשטייסט ניט זיין לשון. אַ פאָלק אַן עזות פנים, וואָס וועט ניט שאַנעווען קיין זקן, וועט ניט רחמנות האָבן אויף די יונגע קינדער. און ער וועט דיך באַלאַגערן אין אַלע דיינע טויערן ביז עס וועלן אומפאַלן אַלע דיינע הויכע און פעסטע מויערן, וואָס דו האָסט זיך אויף זיי פאַרזיכערט. און גאָט וועט דיך צעשפרייטן צווישן אַלע אומות, פון עק וועלט ביז עק וועלט, און דו וועסט דאָרטן דינען געטער, וואָס דו און דיינע עלטערן האָבן ניט געקענט — האָלץ און שטיין.

— דאָס זיינען די ווערטער פון דעם בונד, וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן צו שליסן מיט די קינדער פון ישראל.

קיין וואונדער ניט וואָס ווי נאָר דער יונגער, פרומער קעניג האָט דערהערט די ווערטער פון דעם בוך פון דער תורה, האָט ער צעריסן זיינע קליידער (53). ער און די מענטשן פון יהודה האָבן דאָך געטאָן פונקט פאַרקערט, ווי גאָט האָט זיי אָנגעזאָגט. אָבער דער קעניג האָט זיך ניט מיאש געווען. ער האָט באַפוילן חלקיהו, דעם כוהן און די אַנדערע הויפלייט:

— גייט פרעגט ביי גאָט פאַר מיר און פאַר דעם פאָלק און פאַר גאַנץ יהודה וועגן די רייד פון דעם דאָזיקן בוך. וואָרום גרויס איז דער גרימצאָרן פון גאָט, וואָס איז אָנגעצונדן אויף אונדז, פאַרוואָס אונדזערע עלטערן האָבן ניט געהיט דאָס וואָרט פון גאָט, צו טאָן אַלץ, וואָס עס שטייט געשריבן אין דעם דאָזיקן בוך.

און חלקיהו דער כוהן און די האַרן זיינען געגאַנגען צו דער נביאה חולדה און זי געפרעגט וואָס צו טאָן. און די נביאה חולדה האָט צו זיי גע־זאָגט:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דעם דאָזיקן אָרט און אויף זיינע איינוואוינער, ווי די רייד פון דעם בוך, וואָס דער מלך פון יהודה האָט געלייענט, דערפאַר ווייל זיי האָבן מיך פאַרלאָזן און געדינט צו פרעמדע געטער. און צום מלך פון יהודה, וואָס האָט אייך געשיקט פרעגן גאָט, זאָלט איר אַזוי זאָגן: — אַזוי האָט

געזאָגט יהוה: ווייל דיין האַרץ איז ווייך געוואָרן און דו ביסט געוואָרן אונטערטעניק פאַר גאָט, ווען דו האָסט געהערט וואָס איך האָב גערעדט, און דו האָסט צעריסן דיינע קליידער און געוויינט פאַר מיר. דערום הער: — דיינע אויגן וועלן ניט זען דאָס גאַנצע בייז, וואָס איך ברענג אויף דעם אָרט.

— און זיי האָבן געבראַכט צום מלך דעם ענטפער. און דער מלך האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך אומצוקערן מיטן גאַנצן האַרצן צו יהוה, און ער האָט גערופן און איינגעזאַמלט אַלע עלטסטע פון יהודה און ירושלים. און ער איז אַרויפגעגאַנגען אין גאָטס הויז מיט אַלע מענער פון יהודה און ירושלים, מיט די כוהנים און מיט דעם גאַנצן פאָלק — פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן. און ער האָט געלייענט אין זייערע אויערן אַלע רייד פון דעם בוך פון דעם בונד, וואָס איז געפונען געוואָרן אין גאָטס הויז.

— און דער מלך האָט זיך געשטעלט אויף אַ בימה און ער האָט גע־שלאָסן אַ בונד פאַר גאָט, צו גיין אין גאָטס וועגן און אָפּצוהיטן זיינע געבאָטן און אויספאָלגן זיינע געזעצן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער זעל. און דאָס גאַנצע פאָלק איז צוגעשטאַנען צום בונד(54).

און יאשיהו האָט באַפוילן דעם כוהן חלקיהו אַרויסצוואַרפן פון בית המקדש אַלע כלים, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרן בעל און פאַר דער אשרה און פאַר דער זון, פאַר דער לבנה און פאַרן גאַנצן חייל פון הימל. און ער האָט זיי פאַרברענט אויסער דער שטאָט ירושלים, אין די פעלדער פון טאָל קידרון. ער האָט אויך אָפּגעשאַפט אַלע פריסטער, וואָס די אַנדערע מלכים פון יהודה האָבן אויפגעזעצט; און אַלע מזבחות אין די שטעט פון יהודה האָט ער צעשטערט און פאַראומרייניקט די במות און די הייליקע ערטער פון גבע ביז באר שבע. און ער האָט צונויפגעבראַכט אַלע כוהנים פון די שטעט פון יהודה קיין ירושלים, אַזוי אַז דאָס פאָלק זאָל זיך מער ניט אומקערן צו דעם דינסט פון די געצן.

אויך דעם מזבח פון בית אל, די במה, וואָס עס האָט געבויט ירבעם, דער זון פון נבט, וואָס האָט געמאַכט זינדיקן ישראל, — אויך יענעם מזבח און די במה האָט יאשיהו צעבראָכן און פאַראומרייניקט.

פון שטאָט צו שטאָט, פון דערפל צו דערפל זיינען געגאַנגען די מענטשן פון יאשיהו און פאַראומרייניקט די במות, די אַלטע הייליקע ערטער, וואָס די כוהנים האָבן דאָרטן גערייכערט צו גאָט; אויך האָבן יאשיהוס שלוחים צעבראָכן די ציילשטיינער און אָפּגעהאַקט די אשרים — די געצן־ביימער, און פאַראומרייניקט די ערטער. און ער האָט צונויפגעבראַכט אַלע

כוהנים פון די שטעט פון יהודה קיין ירושלים. אָבער די כוהנים פון די במות זיינען ניט צוגעלאָזן געוואָרן אַרויפצוגייען צום מזבח פון גאָט אין בית המקדש.

און דער מלך האָט באַפוילן דעם גאַנצן פאָלק אַזוי צו זאָגן:

— מאַכט אַ קרבן פסח צו יהוה אייער גאָט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דעם דאָזיקן בוך פון בונד.

♦

ירמיהו זעט אין יאשיהוס טואונגען דעם צייכן, אויף וועלכן ער, ירמיהו, האָט געוואַרט. דאָס פאָלק האָט זיך אומגעקערט צו גאָט. און דער תלמיד פון נביא דערציילט, אַז גאָט האָט געזאָגט אין אַ נבואה צו ירמיהון:

— הער די ווערטער פון דעם דאָזיקן בונד און דו זאָלסט ריידן צו די מענער פון יהודה און צו די איינוואוינער פון ירושלים און דו זאָלסט זאָגן צו זיי:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל:

— פאַרשאָלטן זאָל זיין דער מאַן, וואָס וועט ניט אויספאָלגן די ווערטער פון דעם דאָזיקן בונד, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אייערע עלטערן אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון דעם לאַנד מצרים אַזוי צו זאָגן:

— הערט זיך צו צו מיין קול, און איר זאָלט טאָן אַלץ וואָס איך באַפעל אייך. און איר וועט זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין אייער גאָט, כדי מקיים צו זיין די שבועה, וואָס איך האָב געשוואָרן צו אייערע עלטערן, זיי צו געבן אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אַ לאַנד אין וועלכן איר וואוינט היינטיקן טאָג.

און ירמיהו דערציילט:

— און איך האָב געענטפערט און איך האָב געזאָגט:

— אמן, גאָט מיין האַר!

און ירמיהו דערציילט ווייטער, אַז גאָט האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַרומגייען איבער גאַנץ יהודה און באַווירקן די איינוואוינער, אַז זיי זאָלן אויספאָלגן די תורה פון ספר הברית.

— און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

— רוף אויס אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים אַזוי צו זאָגן:

— הערט די ווערטער פון דעם דאָזיקן בונד און איר זאָלט זיי טאָן און אויספאָלגן(55).

מען קען זיך משער זיין, אַז דער יונגער כוהן־נביא איז געווען מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער אָפּהיטונג פון די געזעצן פון בוך פון בונד (56ב). אָבער די כוהנים פון ענתות זיינען ניט געווען צופרידן מיט די אויפטואונגען פון דעם יונגן קעניג. ירמיהוס משפחה איז אויך געווען אָנגעשטויסן אויף דעם קעניג פאַר זיינע נייע איינפירעכצן. די קינדער פון אביתרס משפחה זיינען, פון שלמהס צייטן אָן, ניט געווען שטאַרק אָנגעלייגט אין בית המקדש. נאָך דער יידישער טראַדיציע נאָך, האָבן זיי ניט געקענט ווערן קיין כוהנים גדולים (56ב). אפשר האָט מען זיי אינגאַנצן ניט צוגעלאָזן צו דער עבודה. מען דאַרף אָננעמען, אַז אין דעם אַרטיקן היילקטום פון ענתות זיינען זיי געווען גרויסע מיוחסים. מיטאַמאָל האָט דער קעניג צעשטערט די אַלטע במה און אַריבערגעפירט די כוהנים קיין ירושלים אין בית־המקדש און דאָרטן זיי ניט צוגעלאָזט צו דער אמתער עבודה. זיכער זיינען די כוהנים פון די לאָקאַלע במות געווען בייז אויפן יונגן נביא, אָבער די איינוואוינער פון ענתות זיינען געווען מער ווי בייז. זיי האָבן אים געסטראַשעט מיט טויט און האָבן עס טאַקע פּרובירט דורכפירן. זיי האָבן אין דער שטיל געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן אים. ירמיהו האָט זיי אין אָנהייב ניט פאַרדעכטיקט. ער דערציילט:

— ווען גאָט האָט עס מיר געלאָזט וויסן, האָב איך זיך דאָס דערוואוסט, יעמאָלט האָט ער מיר געוויזן זייערע מעשים. און איך ווי אַ שאָף, אָדער אַן אָקס, וואָס ווערט געפירט צו דער שחיטה, האָב ניט געוואוסט, אַז זיי טראַכטן אויף מיר: — לאָמיר אַריינטאָן סם אין זיין עסן און אים פאַרשניידן פון לאַנד פון די לעבעדיקע, און זיין נאָמען זאָל מער ניט געדאַכט ווערן(57).

און דער נביא רופט אויס:

— דערפאַר האָט אַזוי געזאָגט גאָט אויף די איינוואוינער פון ענתות, וואָס זוכן דיין לעבן און זאָגן: — זאָלסט ניט נביאות זאָגן אין נאָמען פון גאָט, כדי דו זאָלסט ניט שטאַרבן פון אונדזער האַנט. דרום האָט גאָט פון די חיילות געזאָגט: — איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט זיי. זייערע יונגע־לייט וועלן שטאַרבן פון שווערד און זייערע טעכטער וועלן אויסגיין פון הונגער. און קיין איבערבלייב וועט ניט בלייבן פון זיי, ווייל איך וועל ברענגען אַן אומגליק אויף די מענטשן פון ענתות אין דעם יאָר פון זייער שטראָף(58).

אין יענער צייט, גלויבט מען, האָט ירמיהו פאַרלאָזן ענתות אויף שטענדיק(59).

יאשיהוס טויט

יאשיהו איז געגאַנגען אין די וועגן פון גאָט און האָט זייער באַגליקט. אין די לעצטע צען יאָר פון זיין קעניגן איז די מאַכט פון אשור געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער און דערווייל האָט זיך ניט באַוויזן קיין נייע מלוכה, וואָס זאָל שטערן יאשיהון אין זיין אויסשפרייטן די גרענעצן פון יהודה. דאָס פאָלק האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז גאָט איז מיט יאשיהון. אָט באַלד און די קליינע יהודה וועט ווערן גרויס און מעכטיק ווי אין די צייטן פון דוד.

ווי עס ווייזט אויס, איז ירמיהו איצט געווען צופרידן מיט דעם גייסטיקן צושטאַנד פון יהודה. מיר ווייסן ניט פון קיין נבואות, וואָס ער זאָל האָבן געהאַלטן אין יענער צייט.

◆

אין דעם איין און דרייסיקסטן יאָר פון יאשיהוס קעניגן האָט דער־גרייכט די ידיעה קיין ירושלים, אַז פרעה נכה, דער זון פון פסאַמטיך, קעניג פון מצרים, איז אָנגעקומען קיין צפון מיט אַ גרויס חייל (60). ווי עס ווייזט אויס, האָט פרעה געוואָלט פאַרנעמען סוריה און שומרון, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אונטער דער הערשאַפט פון אשור און גאָר אַמאָל, אונטער דעם איינפלוס פון מצרים (61). יאשיהו וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם יורש פון מלכות ישראל, איז אַרויס מיט זיין חייל מלחמה צו האַלטן מיטן געצנדינערישן קעניג.

קעניג יאשיהו און זיינע הויפלייט און די נאָכפאָלגער פון די נביאים האָבן געגלויבט, אַז יהודה וועט צעשלאָגן דאָס מעכטיקע חייל פון מצרים. האָט יאשיהו ניט אָפגעשאַפט אַלע במות און אַלע אומווירדיקייטן און געמאַכט דינען אַלע יידן, אפילו די וואָס האָבן זיך געפונען אין ישראל, נאָר צו גאָט אַליין? האָט ער דען ניט איינגעפירט אין לאַנד אַלע געבאָטן, וואָס יהוה האָט אָנגעזאָגט אין בוך פון בונד? און אַז יידן גייען אין גאָטס וועגן און טוען דאָס וואָס איז רעכטפאַרטיק אין זיינע אויגן, איז דאָך גאָט מיט זיי. איז וואָס זיינען די חיילות פון די אַנדערע פעלקער קעגן דער מאַכט פון גאָט? דער נביא ישעיה האָט דאָך שוין געזאָגט:

— פעלקער רוישן ווי די רוישונג פון פיל וואַסערן, אָבער אַז ער שרייט אָן אויף זיי, וועלן זיי אַנטלויפן אין דער ווייט, און וועלן געיאָגט ווערן ווי שפריי פאַרן ווינט און ווי אַ ראָד שטויב פאַרן שטורעם(62).

מיט אַ קליינעם חייל, אָבער מיט גרויס בטחון, איז יאשיהו אַרויסגע־

טראָטן קעגן פּרעהן. די מחנות האָבן זיך באַגעגנט אין מגידו. אין אַ קור־צער, בלוטיקער שלאַכט איז די מחנה פון יהודה צעשלאָגן געוואָרן און יאשיהו איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן. מען האָט אים אַריבערגעפירט קיין ירושלים און ער איז דאָרטן געשטאָרבן(63).

די מפּלה פון דעם חייל פון יהודה און דער טויט פון דעם באַליבטן קעניג האָבן אינגאַנצן צעטומלט דאָס פאָלק און די נאָכפאָלגער פון די נביאים(64). פאַרוואָס האָט גאָט ניט געהאָלפן דעם פרומען קעניג, וואָס אַזאַ ווי ער איז ניט געווען פאַר אים, אַזאַ וואָס זאָל זיך אומקערן צו גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן און מיט זיין גאַנצער זעל לויט דער תורה פון משהן(65)?

די קעגנער פון די נביאים זיינען געוואָרן האָפערדיק. זיי האָבן גע־טענהט, אַז גאָטס האַנט איז קורץ, און אַז ער קאָן ניט העלפן. די מצרישע געטער זיינען שטאַרקער, און די שטראָף, וואָס די איינוואוינער פון יהודה האָבן געקראָגן, איז אַ פאַרדינטע. די לאַנד־געטער זיינען דערצאָרנט, ווייל יאשיהו האָט פאַרשוועכט זייערע הייליקע ערטער.

ירמיהו שווייגט אינגאַנצן וועגן דער גרויסער געשעעניש.

דער ספר מלכים דערקלערט דעם אומגליק מיט דעם, וואָס גאָט האָט ניט אָפּגעקערט פון דעם גרויסן גרימצאָרן, וואָס ער האָט געצאָרנט אויף יהודה פאַר די זינד, וואָס קעניג מנשה איז באַגאַנגען (66). גאָט האָט געשטראָפט יאשיהון פאַר די זינד פון זיין פאָטער. לויט דעם ספר דברי הימים, האָט גאָט געשיקט פּרעהן, און דער קעניג פון מצרים האָט געוואָרנט יאשיהון, אַז ער זאָל זיך ניט אַריינמישן אין דעם קריג, וואָס ער, פּרעה, פירט מיט אַן אַנדער מאַכט, ווייל גאָט האָט אים אָנגעזאָגט זיך צו איילן (67). אָבער יאשיהו האָט ניט געפאָלגט און איז דערפאַר געטויט געוואָרן.

די טראַדיציע דערקלערט יאשיהוס פאַלן מיט דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט אָפּגענאַרט דעם פרומען קעניג. יאשיהו האָט אָפּגעהיט גאָטס גע־באָטן, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס פאָלק איז צוגעוואוינט צו געצנ־דינסט. פלעגט ער אַרויסשיקן זיינע מענטשן צו באַזוכן די הייזער פון די יידן צו זען צי זיי זיינען ריין פון געצנדינסט. די מענטשן פון יהודה האָבן איבערגעקליגט דעם פרומען קעניג און אָפּגענאַרט זיינע אויפזעער(68). ירמיהו האָט געוואוסט, אַז די יידן האָבן זיך ניט אומגעקערט צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן:

— דו ביסט נאָענט צו זייער מויל, אָבער ווייט פון זייערע געדאַנקען(69).

און דערפאַר איז דער נביא געווען קעגן יאשיהוס מלחמה מיט פּרעהן. גאָט, האָט ירמיהו געזאָגט, וועט ניט העלפן דעם זינדיקן פאָלק. יאשיהו

האָט דעם נביא ניט געפאָלגט. אָבער פאַרן טויט האָט ער צוגעגעבן, אַז גאָט און זיין משפּט איז גערעכט(70).

דאָס פאָלק האָט שטאַרק געטרויערט נאָך זיין באַליבטן קעניג (71). ירמיהו האָט באַקלאָגט דעם טויט פון יאשיהון. אַלע זינגער און זינגערינס האָבן אים באַזונגען און באַוויינט אין זייערע קלאָג־לידער. אַ סך גלויבן, אַז אין א י כ ה האָט זיך אויפגעהיט אַ קורץ קלאָג־ליד, וואָס ירמיהו האָט אָנגעשריבן אויף יאשיהוס טויט:

אונדזער אָטעם, דער געזאַלבטער פון גאָט,
דער וואָס מיר האָבן געזאָגט, אין זיין שאָטן
וועלן מיר לעבן צווישן פעלקער —
איז געפאַנגען געוואָרן אין זייערע גריבער(72).

שלום — יהואחז

יאשיהו האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך דריי זין: אליקים, שלום און מתניה. דער מיטלסטער זון, שלום, איז געווען דעם קעניגס ליבלינג. ווי עס זעט אויס האָט ער געהאַלטן מיט די נאָכפאָלגער פון די נביאים. און דאָס פאָלק פון יהודה האָט גענומען שלומען, דעם זון פון יאשיהון, און אים געזאַלבט און אים געמאַכט פאַרן מלך אויף זיין פאָטערס אָרט. שלומס נאָמען האָט מען געביטן אויף יהואחז.

אָבער יהודה איז שוין מער ניט געווען פריי צו זאַלבן אירע אייגענע מלכים. דריי חדשים נאָכדעם ווי שלום־יהואחז איז געוואָרן קעניג, האָט אים פּרעה אַרויסגערופן קיין רבלה, וואָס איז אין חמת. ירמיהו האָט פאַרשטאַנען, אַז פּרעה קאָן ניט דערלאָזן, אַז יהואחז זאָל זיין קעניג. דער מיטלסטער זון האָט דאָך, ווי זיין פאָטער, געטרוימט פון אַ גרויס יהודה און איז געווען אַ קעגנער פון מצרים. דאָס לאַנד האָט נאָך אָבער אַלץ געטרויערט אויף דעם טויט פון באַליבטן יאשיהון, און קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף די נייע געשעענישן. אין יענער צייט האָט ירמיהו נביאות געזאָגט:

— איר זאָלט ניט באַוויינען דעם טויטן
און ניט קלאָגן אויף אים.
וויינען וויינט אויף דעם, וואָס גייט אַוועק,
וואָרום ער וועט זיך ניט אומקערן,
און זען דאָס לאַנד פון זיין געבוירן(73).

יאשיהו איז געשטאָרבן ווי אַ העלד אויפן שלאַכטפעלד. דער גורל פון זיין זון וועט זיין ערגער. ירמיהו ענדיקט זיין נבואה:

— אַזוי האָט יהוה געזאָגט אויף שלום, דעם זון פון יאשיהו, דעם מלך פון יהודה, וואָס האָט געקעניגט אויף דעם אָרט פון זיין פאָטער און איז אַוועק פון דעם דאָזיקן אָרט, ער וועט זיך ניט אומקערן; נאָר אין דעם אָרט, וואוהין מען האָט אים פאַרטריבן, דאָרטן וועט ער שטאַרבן, און דאָס דאָזיקע לאַנד וועט ער מער ניט אָנזען(74).

און פרעה האָט טאַקע איינגעשפּאַרט שלומען אין רבלה, און אַרויפגעלייגט אויף יהודה אַ שטראָף פון הונדערט צענטער זילבער און אַ צענטער גאָלד. און פרעה האָט געמאַכט יאשיהוס עלטסטן זון — אליקים — פאַר אַ מלך אויף דעם אָרט פון זיין פאָטער. און פרעה האָט אומגעביטן אליקימס נאָמען אויף יהויקים — יהוה זאָל אויפשטעלן. דאָס האָט דער קעניג פון מצרים געטאָן, כדי איינצושטילן די געמיטער פון די איינוואוינער פון יהודה. און שלום־יהואחז האָט פרעה נכה אַוועקגענומען און אים געבראַכט קיין מצרים, און דאָרטן איז דער מיטלסטער זון פון יאשיהון געשטאָרבן(75).

יהויקים

יהויקים איז געוואָרן קעניג איבער יהודה מיטן חסד פון מצרים. ער איז געווען געטריי און איבערגעגעבן דעם פרעה, וואָס האָט אים אַרויפגעזעצט אויפן טראָן. לויט דעם באַפעל פון מצרים, האָט יהויקים אָפּגעשאַצט דאָס לאַנד, און נאָך דער אָפּשאַצונג זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן צינזן אויף יעדן איינוואוינער. דער קעניג פון יהודה האָט אויפגעמאָנט דאָס זילבער און גאָלד פון דעם פאָלק פון דעם לאַנד, כדי צו געבן צו פרעה נכה, דעם מלך פון מצרים (76).

דאָס פאָלק האָט געקרעכצט אונטער דעם יאָך פון די שווערע צינזן. פאַר די יידן פון יהודה איז געווען שווער זיך צוגעוואוינען צו דער פאַריאָכונג פון דעם שונא, נאָך אַזאַ צייט פון שיינע האָפענונגען. און די נאָכפאָלגער פון די נביאים האָבן געזען, אַז די גאַנצע אַרבעט פון דעם פרומען יאשיהו גייט פאַרלאָרן. דער נייער קעניג האָט זיך אומגעקערט צו געצנדינסט, צו אומרעכט, בלוטפאַרגיסונג און אונטערדריקונג פון די אָרעמע.

אין די צייטן פון פרומען יאשיהו האָט זיך ירמיהו ווייניק וואָס געלאָזט הערן. אָבער איצט, אין דער צייט פון ירידה און אָפּקערונג פון גאָטס וועגן, האָט דער נביא ניט געשוויגן. ער האָט זיך געשטעלט קעגן דעם מלך, קעגן

די הארן פון הויף, קעגן די כוהנים פון בית המקדש און קעגן דעם גאנצן זינדיקן פאלק. ער איז געווען ווי אן אייזערנער זייל אין א באפעסטיקטער שטאט(77). זיי האבן אלע געקעמפט קעגן אים, ער האט זיך אבער ניט אונטערגעגעבן.

שוין אין די ערשטע יארן פון יהויקימס קעניגן זעט ירמיהו, אז די יידן האבן זיך אין יאשיהוס צייטן ניט אומגעקערט צו גאט מיטן גאנצן הארצן. אט ערשט האבן זיי גענומען א שבועה און געשלאסן א בונד מיט גאט, און שוין זינדיקן זיי ווידער(78).

— און גאט האט צו מיר געזאגט:

— א פארשווערונג האב איך געפונען צווישן די מענער פון יהודה און די איינוואוינער פון ירושלים. זיי האבן זיך אומגעקערט צו די זינד פון זייערע עלטערן, וואס האבן ניט געוואלט זיך צוהערן צו מיינע רייד, און זיי זיינען געגאנגען נאך פרעמדע געטער זיי צו דינען. געבראכן האבן זיי מיין בונד, וואס איך האב געשלאסן מיט זייערע עלטערן. און דערפאר וועל איך אויף זיי ברענגען אן אומגליק, וואס זיי וועלן פון אים ניט קאנען ארויסגיין. און זיי וועלן שרייען צו מיר, און איך וועל זיך ניט צוהערן צו זיי.

און גאט זאגט צו ירמיהון:

— און דו זאלסט ניט תפילה טאן פאר דעם דאזיקן פאלק, און זאלסט ניט בעטן פאר זיי מיט געזאנג און תפילה, ווייל איך וועל זיך ניט צוהערן ווען דו וועסט רופן צו מיר, ווייל זיי האלטן אן זייערע שלעכטע מעשים(79).

און דער קעניג האט זיך ניט נאר צוריקגעקערט צום דינסט פון די פרעמדע געצן, ער האט אויך אנגעהויבן נאכמאכן די מלכים פון אשור און מצרים, וואס האבן געבויט גרויסע פאלאצן. ער האט אנגעהויבן פארשענערן דעם קעניגלעכן הויף מיט טורעמס און הויכע בנינים. דאס לאנד איז געווען ארעם, האט דער טיראנישער יהויקים איינגעפירט צוואנג־ארבעט. ירמיהו באקעמפט די אלע עוולות. ער הערט גאטס קול:

— נידער אראפ צום הויז פון דעם מלך און דארטן זאלסטו ריידן די דאזיקע רייד, זאג:

— הער דאס ווארט פון יהוה, דו מלך וואס זיצסט אויפן טראן פון דוד, דו און דיינע קנעכט און דאס פאלק! אזוי האט גאט געזאגט:

— טוט רעכט און גערעכטיקייט, און ראטעוועט דעם באגזלטן פון דער האנט וואס דריקט אים! איר זאלט ניט קריוודען, איר זאלט ניט באריבן דעם פרעמדן דעם יתום און די אלמנה. אומשולדיק בלוט זאלט איר ניט פארגיסן. און אויב איר וועט טאן די דאזיקע זאכן, וועלן דורך די טויערן פון דעם דאזיקן הויז דורכגיין מלכים, וואס וועלן פארנעמען דודס

טראָן. אין רייטוועגן און אויף פערד וועלן זיי פאָרן, זיי און זייערע קנעכט און זייער פאָלק. אָבער אויב איר וועט זיך ניט צוהערן צו די דאָזיקע רייד, שווער איך, זאָגט גאָט, אַז וויסט וועט ווערן דאָס דאָזיקע הויז(80).

ירמיהו איז אין אָט דער נבואה — קעגן אומרעכט און באַדריקונג — אַרויסגעטראָטן ניט דירעקט קעגן יהויקימען, נאָר קעגן קעניגס הויז. אַ ביסל שפּעטער טרעט דער נביא אַרויס אָפן קעגן דעם קעניגס צוואַנג־אַרבעט.

— ווי איז צו אים, וואָס בויט זיין הויז מיט ניט־ערלעכקייט און זיינע אויבערשטובן בויט ער מיט אומרעכט; וואָס אַרבעט מיט זיין שכן אָן שכירות, און באַצאָלט אים ניט וואָס עס קומט אים. וואָס זאָגט: איך וועל מיר אויפבויען אַ גרויס הויז און גראַמע אויבערשטובן; און ער שניידט זיך אויס פענצטער און דעקט דעם דאַך מיט צעדער און פאַרבט דאָס הויז מיט ווערמילאָן. ווילסט קעניגן און דו פאַרמעסט זיך מיטן צעדער? דיין פאָטער האָט געגעסן און געטרונקען, אָבער ער האָט אויך געטאָן רעכט און גערעכטיקייט — דערפאַר איז אים גוט געווען. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן אָרעמאַן און אביון, דערפאַר איז אים גוט געווען. אָבער דיינע אויגן און דיין האַרץ זיינען נאָר אויף דיין גיריקייט און אויף אומשולדיק בלוט צו פאַרגיסן, און אויף רויב, און אויף אונטערדריקונג פון אָרעמאַן (81).

און ניט נאָר דעם קעניג אַליין האָט דער נביא געשטראָפט, ער האָט באַשולדיקט דאָס גאַנצע פאָלק: די האַרן, די רייכע און אפילו די אָרעמע — אַלע זיינען זינדיק:

— גייט אויס די גאַסן פון ירושלים און קוקט זיך צו, זוכט אין אַלע אירע מערק און זעט, צי איר וועט געפינען איין מענטשן, וואָס טוט גערעכטי־קייט און זוכט אמת. אויב איינעם וועט איר געפינען, וועל איך דער שטאָט פאַרגעבן. און ווען אפילו זיי זאָגן: — איך שווער ווי גאָט לעבט, שווערן זיי פאַלש.

— און איך האָב געטראַכט דאָס זיינען דאָך נאָר די אָרעמע, וואָס זיינען נאַריש, ווייל זיי ווייסן ניט דעם וועג פון יהוה, דאָס געזעץ פון גאָט. איך וועל גיין צו די געלערנטע, צו די גרויסע לייט, און איך וועל ריידן צו זיי. זיי ווייסן דאָך דעם וועג פון יהוה און דאָס געזעץ פון גאָט, אָבער זיי האָבן אויך צעבראָכן דעם יאָך און צעריסן די בינדשטריק. פיל זיינען זייערע פאַר־ברעכנס, שטאַרק זיינען זייערע אָפּקערונגען. ווי זאָל איך דיר פאַרגעבן? דיינע קינדער האָבן מיך פאַרלאָזן און געשוואָרן ביי געצן. אָפּגעפּאַשעטע פערד זיינען זיי, איטלעכער צו זיין חברס ווייב הירזשעט. זאָל איך זיך דערפאַר מיט זיי ניט אָפּרעכענען, זאָגט גאָט, זאָל איך זיך אָן אַזאַ פאָלק ניט נוקם זיין? (82).

— ווי אַ שטייג פול מיט פייגל, אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט פאַלשקייט. דערפאַר זיינען זיי גרויס און רייך געוואָרן. זיי שטייגן אַריבער אַלע גרענעצן פון בייזקייט. פאַר גערעכטיקייט נעמען זיי זיך ניט אָן. זיי היטן ניט אָפּ די רעכט פון יתום און אלמנה, זאָל איך זיך דערפאַר מיט זיי ניט אָפּרעכענען? זאָל איך זיך אָן אַזאַ פאָלק ניט נוקם זיין? (83).

— אַ שאַרפע פייל איז זייער צונג, זי רעדט פאַלש. מיטן מויל רעדן זיי שלום מיטן חבר, און אין האַרץ לויערן זיי אויף אים צו טאָן שלעכטס. זאָל איך זיך דערפאַר מיט זיי ניט אָפּרעכענען? זאָל איך זיך אָן אַזאַ פאָלק ניט נוקם זיין? (84).

אַזעלכע שטראָף־רייד האָבן זיכער ניט באַליבט געמאַכט ירמיהון ביים קעניג אָדער פאָלק. ווי עס ווייזט אויס, זיינען נאָך געווען אַ סך נאָכפאָלגער פון די נביאים צווישן די הויפלייט, און מען האָט ירמיהון קיין שלעכטס ניט געטאָן. אָבער ווען ירמיהו האָט געזאָגט אין אַ נבואה אַנצורירן די הייליקייט פון בית המקדש, האָט ער שיר ניט פאַרלאָרן זיין לעבן.

דער בית־המקדש וועט חרוב ווערן

אין אָנהייב פון יהויקימס קעניגן האָט דער מלך געטויט דעם נביא אוריהו, דעם זון פון שמעיהון, פון דעם שטעטל קרית יערים(85). ברוך, דער זון פון נריהו, ירמיהוס תלמיד, דערציילט:

— און עס איז אויך געווען אַ מאַן, וואָס פלעגט נביאות זאָגן אין נאָמען פון גאָט — אוריהו, דער זון פון שמעיהון, פון קרית־יערים. און ער האָט נביאות געזאָגט אויף דער דאָזיקער שטאָט און אויף דעם דאָזיקן לאַנד, אַזוי ווי אַלע רייד פון ירמיהון. און ווען דער מלך יהויקים און אַלע זיינע גיבורים און אַלע האַרן האָבן געהערט זיינע רייד, האָט דער מלך אים געזוכט צו טייטן. ווען אוריהו האָט געהערט דערפון, האָט ער מורא געקראָגן און איז אַנטלאָפן קיין מצרים. האָט דער מלך געשיקט מענטשן קיין מצרים און זיי האָבן אַרויסגעצויגן אוריהון פון מצרים און אים געבראַכט צום מלך יהויקים. און דער מלך האָט אים געטויט מיט דער שווערד און אַוועקגעוואָרפן זיין טויטן קערפּער צווישן די קברים פון פּראָסטן פאָלק.

באַלד נאָך דער פּאַסירונג, האָט גאָט געזאָגט צו ירמיהון, אַז ער זאָל זיך אַוועקשטעלן אין עזרה פון בית המקדש, לעבן נייעם טויער, וואו דער גרויסער עולם זאַמלט זיך צונויף אין אַ יום־טוב־צייט, און האַלטן אַ נבואה אויפן חורבן בית המקדש. און דאָס איז די נבואה (86):

— הערט דאָס וואָרט פון יהוה, גאַנץ יהודה, וואָס קומט אין די דאָזיקע טויערן זיך צו בוקן צו גאָט: בעסערט אויס אייערע וועגן און אייערע מעשים, און איך וועל אייך לאָזן רוען אין דעם דאָזיקן אָרט. איר זאָלט זיך ניט פאַרלאָזן אויף די ליגנערישע ווערטער: „דער טעמפּל פון גאָט, דער טעמפּל פון גאָט, דער טעמפּל פון גאָט איז דאָס", נייערט אויסבעסערן זאָלט איר אויסבעסערן אייערע וועגן און אייערע מעשים. אויב איר וועט טאָן גערעכטיקייט צווישן איטלעכן און זיין חבר: דעם פרעמדן, דעם יתום און די אלמנה וועט איר ניט באַרויבן, און קיין אומשולדיק בלוט וועט איר ניט פאַרגיסן אין דעם דאָזיקן אָרט, און נאָך פרעמדע געטער וועט איר ניט גיין, וועל איך אייך לאָזן רוען אין דעם דאָזיקן אָרט, אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן פון אייביק ביז אייביק. אָבער איר פאַרלאָזט זיך אויף ווערטער פון ליגן. איר וועט גנבענען, טויטן, שווערן פאַלש, און רויכערן צום געץ בעל, און קומען און זיך שטעלן פאַר מיר אין דעם דאָזיקן הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, און אויסשרייען: מיר זיינען געראַטעוועט! איז דאָס דאָזיקע הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים, אַ הייל פון רויבער געוואָרן אין אייערע אויגן? גייט אַקאָרשט צו מיין הייליקן אָרט, וואָס איז געווען אין שילה. דאָרט האָב איך צוערשט געמאַכט רוען מיין נאָמען. און זעט, וואָס איך האָב געטאָן צו אים, צוליב דער שלעכטסקייט פון מיין פאָלק ישראל. און איצט, ווייל איר טוט די דאָזיקע שלעכטע מעשים, זאָגט יהוה, וועל איך מאַכן דאָס דאָזיקע הויז ווי שילה, און די דאָזיקע שטאָט וועל איך מאַכן פאַר אַ קללה ביי אַלע פעלקער פון דער ערד. און איך וועל אייך פאַרטרייבן פון פאַר מיין פּנים, אַזוי ווי איך האָב פאַרטריבן אַלע אייערע ברידער, אַלע קינדער פון אפרים.

ביי די איינוואוינער פון יהודה איז געווען אַ טיף איינגעוואָרצלטער גלויבן, אַז דער בית המקדש, גאָטס הויז, באַשיצט ירושלים. גאָט קאָן טאַקע באַשטראָפן יידן, ער קאָן אַנשיקן פורעניותן און שלעק אויף די איינוואוינער פון יהודה, ער קאָן אויך שטאַרק באַשטראָפן דעם קעניג, אָבער יהוה וועט קיינמאָל ניט אָנרירן זיין וואוינאָרט, דעם בית המקדש, דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט אויסדערוויילט צו רוען. סנחריב האָט ניט איינגענומען ירושלים און ניט צעשטערט דעם בית המקדש. ווען יאשיהו איז געפאַלן, האָט פרעה נכה גאַנץ געלאָזן ירושלים און דעם טעמפּל. שומרון איז טאַקע אונטערגעגאַנגען, אָבער ירושלים קאָן ניט חרוב ווערן, ווייל גאָטס הויז באַשיצט די שטאָט.

ווען גאָט האָט באַפוילן ירמיהון צו האַלטן די גרויזאַמע נבואה, האָט דער נביא אָנגעהויבן בעטן גאָט, תפילה צו טאָן צו אים, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף דעם פאָלק(87). און גאָט זאָגט צו אים:

— דו זאָלסט ניט תפילה טאָן פאַר דעם דאָזיקן פאָלק. דו זאָלסט ניט אויפהויבן פאַר זיי קיין געזאַנג פון תפילה, און דו זאָלסט ניט בעטן ביי מיר, ווייל איך וועל זיך ניט צוהערן צו דיר. זעסטו ניט וואָס זיי טוען אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים? די קינדער קלייבן האָלץ און די טאַטעס צינדן אָן דאָס פייער, און די ווייבער קנעטן טייג צו מאַכן קוכנס צו דער מלכה פון הימל, און זיי גיסן גיס־אָפּפער צו פרעמדע געטער, כדי מיר אָנצוטאָן צער. מיינסטו, אַז דאָס טוען זיי מיר ווי, זאָגט גאָט, זיך אַליין טוען זיי דאָס, אַז זייערע פנימער זאָלן פאַרשעמט ווערן. און דער־פאַר, זאָגט גאָט דער האַר, וועל איך אויסגיסן מיין כעס און מיין גרימצאָרן אויף דעם דאָזיקן אָרט, אויף מענטש און בהמה, אויף בוים פון פעלד און אויף פרוכט פון דער ערד, און מיין כעס וועט ברענען און ניט פאַרלאָשן ווערן(88).

ירמיהו האָט געוואָרט מיט זיין נבואה ביז עס איז אָנגעקומען דער נאָענטסטער יום־טוב. עס קאָן גריילעך זיין, אַז עס איז געווען פסח, דער יום־טוב, וואָס יאשיהו האָט איינגעפירט צו פייערן אין בית המקדש. די עזרה איז געווען געפּאַקט מיט עולי־רגל. ירמיהו האָט פאַר זיי געהאַלטן די נבואה, ווי גאָט האָט אים אָנגעזאָגט.

און דעם נביאס תלמיד, ברוך דער זון פון נריהו, דערציילט, וואָס עס איז געשען נאָכדעם ווי דער נביא האָט געענדיקט ריידן(89).

— און עס איז געווען ווי ירמיהו האָט געענדיקט ריידן אַלץ, וואָס גאָט האָט אים באַפוילן צו ריידן צום גאַנצן פאָלק, אַזוי האָבן די כוהנים, די נביאים און דאָס גאַנצע פאָלק אים אָנגעכאַפּט און געזאָגט:

— שטאַרבן מוזטו שטאַרבן. פאַרוואָס האָסטו נביאות געזאָגט אין נאָמען פון גאָט אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי שילו וועט ווערן דאָס דאָזיקע הויז, און די דאָזיקע שטאָט וועט זיין וויסט אָן איינוואוינער? און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך איינגעזאַמלט קעגן ירמיהו אין הויז פון גאָט.

— ווען די האַרן פון יהודה האָבן דערהערט די דאָזיקע ווערטער, זיינען זיי אַרויפגעקומען פון דעם מלכס הויז אין דעם הויז פון גאָט, און האָבן זיך געזעצט אין דעם אריינגאַנג פון דעם נייעם טויער. און די כוהנים און די נביאים האָבן געזאָגט צו די האַרן און צום גאַנצן פאָלק אַזוי צו זאָגן:

— טויט שטראָף קומט דעם דאָזיקן מאַן, ווייל ער האָט נביאות געזאָגט אויף דער דאָזיקער שטאָט, ווי איר האָט געהערט מיט אייערע אויערן.

— האָט ירמיהו געזאָגט צו אַלע האַרן און צום גאַנצן פאָלק אַזוי צו זאָגן: יהוה האָט מיך געשיקט נביאות צו זאָגן אויף דעם דאָזיקן אָרט און אויף דער דאָזיקער שטאָט אַלע ווערטער, וואָס איר האָט געהערט. און

איצט בעסערט אויס אייערע וועגן און אייערע מעשים, און הערט זיך צו צום קול פון יהוה אייער גאָט, און יהוה וועט חרטה האָבן אויף דעם אומגליק, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף אייך. און איך, אָט בין איך אין אייערע הענט, טוט מיט מיר אַזוי ווי עס איז וואויל און רעכט אין אייערע אויגן. אָבער וויסן זאָלט איר וויסן, אַז אויב איר טויט מיך, ברענגט איר אומשולדיק בלוט אויף אייך און אויף דער דאָזיקער שטאָט און אירע איינוואוינער, ווארום יהוה האָט מיך געשיקט צו אייך, צו רעדן אין אייערע אויערן די אַלע רייד.

— האָבן די האַרן און דאָס גאַנצע פאָלק געזאָגט צו די כוהנים און צו די נביאים:

— דעם דאָזיקן מאַן קומט ניט קיין טויט־שטראָף, ווייל אין נאָמען פון גאָט, אונדזער גאָט, האָט ער גערעדט צו אונדז.

— און מענער פון די עלטסטע פון לאַנד זיינען אויפגעשטאַנען און געזאָגט צו דער פאַרזאַמלונג פון פאָלק אַזוי צו זאָגן:

— מיכה פון מורשת האָט נביאות געזאָגט אין די טעג פון חזקיהו, דעם מלך פון יהודה, און ער האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק פון יהודה אַזוי צו זאָגן:

— ציון וועט ווי אַ פעלד צעאַקערט ווערן,
און ירושלים וועט ווערן פאַרשאָטענע חורבות,
און דער באַרג פון גאָטס הויז
וועט ווילד פאַרוואַקסן ווערן (90).

האָט אים דען געטויט חזקיהו דער מלך פון יהודה? ער האָט דאָך מורא געקראָגן פאַר גאָט און תפילה געטאָן צו אים, און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף זיי. און מיר טוען אַ שלעכטע זאַך פאַר אונדזערע זעלן.

האָבן די כוהנים און די נביאים געזאָגט (91):

— אמת, חזקיהו האָט ניט געטויט מיכהן. אָבער יהויקים איז אויך קעניג פון יהודה, און ער האָט געטויט דעם נביא אוריהו, דעם זון פון שמעיהון, פון קרית יערים.

אָבער ירמיהו איז געראַטעוועט געוואָרן. ברוך דער זון פון נריהו דערציילט קורץ:

— אָבער אחיקם, דער זון פון שפן, איז געווען מיט ירמיהון, אַז מען זאָל אים ניט איבערגעבן אין די הענט פון פאָלק אים צו טויטן.

אחיקם איז געווען איינער פון די געהויבענע הויפלייט אין יאשיהוס צייטן, וואָס האָט געהאָלפן דעם קעניג איינצופירן די געזעצן פון בוך פון בונד. עס איז קאַנטיק, אַז די אַלטע פרומע שררות האָבן געראַטעוועט דעם נביא.

בבל

דריי יאָר נאָכדעם ווי יהויקים איז געוואָרן קעניג, האָבן די חיילות פון בבל און מדי איינגענומען ננוה, די הויפּט־שטאָט פון אשור(92).

ווען אשור איז געפאַלן, איז ארץ ישראל, צוזאַמען מיט די לענדער אַרום איר, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון נבוכדנצרן, דעם קעניג פון בבל. מצרים האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם נייעם זיגער. אין אַ שלאַכט ביי כרכמיש האָבן די חיילות פון נבוכדנצרן צעשלאָגן די מחנות פון מצרים. יהויקים איז געוואָרן ביי זיך נאָך שטאָלצער און האָפערדי־קער (93). איצט איז ער באַפרייט געוואָרן אויך פון מצרים. אויף אַ קורצער צייט איז יהודה טאַקע געוואָרן כמעט זעלבסטשטענדיק. פאַר ירמיהון אָבער איז געווען קלאָר, אַז בבל וועט איינעמען אויך יהודה. בבל איז דאָס דער שונא, וואָס וועט אָנקומען פון צפון, דער שונא וואָס יהוה האָט אים מיט יאָרן צוריק געוויזן אין דער ערשטער נבואה. נבוכדנצר איז איצט געוואָרן די בייטש אין גאָטס האַנט. און ניט נאָר איבער יידן וועט בבל געוועלטיקן, נאָר די גאַנצע וועלט וועט זיך מוזן אונטערוואַרפן אונטער איר הערשאַפט.

— דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס ירמיהו האָט גערעדט צום גאַנצן פאָלק פון יהודה און צו די איינוואוינער פון ירושלים. אין פערטן יאָר פון יהויקום דעם זון פון יאשיהו, דאָס איז אין דעם ערשטן יאָר פון נבוכדנצר דעם מלך פון בבל, וואָס ירמיהו האָט גערעדט צום גאַנצן פאָלק פון יהודה און צו אַלע איינוואוינער פון ירושלים אַזוי צו זאָגן:

— פון דרייצנטן יאָר פון יאשיהו, דעם זון פון אָמונען, דעם מלך פון יהודה, און ביז היינטיקן טאָג, שוין דריי און צוואַנציק יאָר, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו מיר. און איך האָב גערעדט צו אייך, נאָכאַנאַנד האָב איך גערעדט צו אייך. אָבער איר האָט זיך ניט צוגעהערט צו מיר, זאָגט גאָט, כדי מיך צו דערצאָרענען מיט דעם ווערק פון אייערע הענט, פאַר אייער אייגענער רעה. דרום האָט גאָט פון די חיילות אַזוי געזאָגט:

— ווייל איר האָט זיך ניט צוגעהערט צו מיינע רייד, וועל איך נעמען אַלע משפחות פון צפון, איך וועל שיקן נבוכדנצרן דעם מלך פון בבל מיין קנעכט; און איך וועל זיי ברענגען אויף דעם דאָזיקן לאַנד און אויף אַלע אירע איינוואוינער און אויף אַלע פעלקער רונד אַרום. און איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ שרעק און פאַר אייביקע חורבות. און איך וועל אָוועקנעמען פון זיי דאָס קול פון לוסטיקייט און דאָס קול פון פרייד, דאָס קול פון אַ חתן און דאָס קול פון אַ כלה, דאָס גערויש פון אַ האַנטמיל און די שיין פון אַ ליכט. און

דאָס גאַנצע לאַנד וועט ווערן אַ חורבה, אַ וויסטעניש. און די פעלקער וועלן דינען דעם מלך פון בבל זיבעציק יאָר (95).

און נאָך די רייד האָט ירמיהו געהאַט אַ וויזיע:

אַלע פעלקער, צו וועלכע ער איז געשיקט געוואָרן, שטייען אַרום אים, און אויך דער מלך פון יהודה און זיינע שררות שטייען צווישן זיי. און דער נביא זעט די פּראַכט פון דעם גאָט פון ישראל, ווי ער האַלט אַ כוס אין האַנט. און ירמיהו הערט גאָטס קול:

— נעם דעם דאָזיקן כוס מיט וויין פון גרימצאָרן פון מיין האַנט און זאָלסט מיט אים אָנטרינקען אַלע פעלקער, וואָס איך שיק דיך צו זיי. און זיי וועלן טרינקען און וועלן זיך וואַקלען און משוגע ווערן צוליב דער שווערד, וואָס איך שיק צווישן זיי.

— און אויב זיי וועלן ניט וועלן נעמען דעם כוס פון דיין האַנט צו טרינקען, זאָלסטו זאָגן:

— אַזוי האָט געזאָגט דער האַר פון די חיילות:

— טרינקען מוזט איר טרינקען. וואָרום זעט, מיט דער שטאָט, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף איר, הייב איך אָן, קאָנט איר געשאָנעוועט ווערן? איר וועט ניט געשאָנעוועט ווערן, ווייל איך רייץ אָן אַ שווערד אויף אַלע איינוואוינער פון דער ערד, זאָגט דער גאָט פון די חיילות(96).

און ירמיהו דערציילט, אַז ער האָט אין אַ וויזיע געטאָן ווי גאָט האָט אים געהייסן:

— און איך האָב גענומען דעם כוס פון גאָטס האַנט און איך האָב אָנגעטרונקען אַלע פעלקער, וואָס גאָט האָט מיך געשיקט צו זיי (97).

ירמיהו האָט פאָראויסגעזען, אַז בבל וועט ווערן די הערשערין איבער דער וועלט. באַלד נאָך דער שלאַכט אַרום כרכמיש, האָט ער געהאַלטן אַ נבואה אויף מצרים. ער איז זיכער, אַז דאָס איז דער סוף פון מצרימס הערשאַפט.

— געהערט האָבן די פעלקער דיין שאַנד, און מיט דיין געשריי איז פול די ערד(98).

אָבער דער נביא האָט געוואוסט, אַז ניט גאָטס וואָרט און ניט דער גרויסער זיג פון בבל וועלן ווירקן אויף דעם קורצזיכטיקן, פאַרעקשנטן, נאַרישן יהויקים און אויף די שטאָלצע שררות און דער נביא בעט זיך ביי זיי:

— הערט און לייגט צו אַן אויער, האַלט זיך ניט שטאָלץ, וואָרום גאָט האָט גערעדט. גיט כבוד צו גאָט, אייער גאָט, איידער עס וועט פינצטער ווערן און איידער אייערע פיס וועלן זיך אָנשלאָגן אויף די טונקל געוואָרענע

בערג. און איר וועט האָפן אויף ליכט, אָבער ער וועט עס פאַרוואַנדלען אין טויט־שאָטן און אין פינצטערניש(99).

אָבער מען האָט ניט צוגעלייגט קיין אויער צום נביאס וואָרנונגען און מען האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיינע רייד. און ירמיהו קלאָגט:

— קאָן אַ שוואַרצער בייטן זיין הויט און אַ לעמפּערט זיינע פלעקן? אָט אַזוי קאָנט איר גוטס טאָן, איר וואָס זייט צוגעוואוינט צו טאָן שלעכטס(100).

סימבאָלישע נבואות

יהויקים און די מלוכה־לייט האָבן, אַפּנים, ניט געגלויבט, אַז בבל וועט באַהערשן די וועלט. די הויפלייט מיט זייער קעניג זיינען געווען האָפערדיק ביי זיך; איצט זיינען זיי פריי פון אשור און מצרים. בבל קאָן ניט ווערן קיין וועלט־מאַכט אַזוי גיך. ווער קאָן איצט שטערן יהודהס זעלבסטשטענדיקייט?

דער נביא האָלט דריי סימבאָלישע נבואות. אין איין נבואה דערקלערט ער, אַז גאָט וועט ברעכן דעם שטאָלץ פון יהודה און די איינגעשפּאַרטקייט פון די גרויסהאַלטער פון ירושלים. אין דער צווייטער נבואה זאָגט ער, אַז יהודה איז אין דער האַנט פון גאָט ווי ליים אין אַ טעפּערס האַנט. אַזוי ווי דער טעפּער קאָן מאַכן פון דעם ליים וועלכע כלי ער וויל נאָר, אַזוי קאָן גאָט טאָן מיט יהודה און מיט דער וועלט, ווי אים געפעלט. ער קאָן דערהויבן אַ קעניגרייך און עס דערנידעריקן. אין דער דריטער סימבאָלישער נבואה פאַרן פאָלק זאָגט ירמיהו, אַז גאָט וועט צעברעכן יהודה און ירושלים, ווי מען צעברעכט אַ ליימענע כלי.

נאָך דער נבואה פון דעם צעבראָכענעם קרוג, האָט מען דעם נביא פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

א. די נבואה מיטן פלאַקסענעם גאַרטל

— און אַזוי האָט גאָט צו מיר געזאָגט:

— גיי און קויף זיך אַ פלאַקסענעם גאַרטל און דו זאָלסט אים אָנטאָן אויף דיינע לענדן. דו זאָלסט אים שטענדיק טראָגן און אַפילו אין וואַסער ניט וואַשן.

און דער נביא דערציילט:

— און איך האָב געקויפט דעם גאַרטל ווי גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט,

און אים אַנגעטאָן אויף מיינע לענדן. און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַ צווייט מאָל, אַזוי צו זאָגן:

— נעם דעם גאַרטל, וואָס דו האָסט זיך געקויפט, און גיי דיר קיין אפרת און באַהאַלט אים דאָרטן אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז(101).

דערציילט דער נביא:

— און איך בין געגאַנגען און איך האָב אים באַהאַלטן אין אפרת, אַזוי ווי גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט. און עס איז געווען צום סוף פון אַ סך טעג האָט גאָט צו מיר געזאָגט:

— שטיי אויף, גיי קיין אפרת און נעם אַרויס פון דאָרטן דעם גאַרטל, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט אים דאָרטן צו באַהאַלטן.

— בין איך געגאַנגען קיין אפרת און האָב אויסגעגראָבן און אַרויס־גענומען דעם גאַרטל פון דעם אָרט וואו איך האָב אים באַהאַלטן. און אָט דער גאַרטל איז פאַרדאָרבן געוואָרן און האָט ניט געטויגט צו קיין זאַך. און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אזוי צו זאָגן:

— אזוי האָט גאָט געזאָגט:

— אזוי וועל איך פאַרדאַרבן דעם שטאָלץ פון יהודה און דעם גרויסן שטאָלץ פון ירושלים. דאָס דאָזיקע שלעכטע פאָלק, וואָס וויל ניט הערן מיינע רייד, וואָס בלייבט ביי דער איינגעשפּאַרטקייט פון זיין האַרצן, און גייט נאָך פרעמדע געטער זיי צו דינען און זיך בוקן צו זיי — אָט דאָס פאָלק וועט ווערן ווי דער דאָזיקער גאַרטל, וואָס טויג ניט צו קיין זאַך. וואָרום אַזוי ווי דער גאַרטל איז באַהעפט צו די לענדן פון א מאַן, אַזוי האָב איך באַהעפט צו מיר דאָס גאַנצע הויז פון ישראל און דאָס גאַנצע הויז פון יהודה, זאָגט גאָט, מיר צו זיין פאַר אַ פאָלק, און פאַר אַ באַמען, און פאַר אַ לויב און פאַר אַ באַשיינונג; אָבער זיי האָבן זיך ניט צוגע־הערט(102).

ב. אין הויז פון טעפּער

און גאָט האָט געזאָגט צו ירמיהון:

— שטיי אויף און נידער אַראָפּ צום הויז פון טעפּער און דאָרטן וועל איך ריידן צו דיר מיינע רייד.

און ירמיהו דערציילט:

— און איך האָב אַראָפּגענידערט צום הויז פון דעם טעפּער. ערשט ער אַרבעט אויפן וואַרשטאַט שטיין, און אַז די כלי, וואָס ער האָט געמאַכט פון ליים, האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, האָט דער טעפּער דאָס ליים איבער־

געמאַכט אין אַן אַנדער כּלי, אַזוי ווי עס איז געפעלן אין די אויגן פון דעם טעפּער צו מאַכן. און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— קאָן איך דען ניט טאָן מיט אייך אַזוי ווי דער טעפּער, איר הויז פון ישראל? זעט! ווי דאָס ליים אין דער האַנט פון טעפּער זייט איר אין מיין האַנט, איר הויז פון ישראל. איין רגע רעד איך אויף אַ פאָלק און אויף אַ קעניגרייך אויסצורייסן און אומצוואַרפן און אונטערצוברענגען, אָבער אַז דאָס פאָלק, וואָס איך האָב אויף אים גערעדט, קערט זיך אָפּ פון זיין שלעכטסקייט, האָב איך חרטה אויף דעם בייז, וואָס איך האָב גערעכנט אויף אים צו טאָן. אין אַן אַנדער רגע רעד איך אויף אַ פאָלק און אַ קעניגרייך צו בויען און צו פלאַנצן, אָבער אַז ער טוט דאָס, וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן, און הערט זיך ניט צו צו מיין קול, האָב איך חרטה אויף דעם גוטס, וואָס איך האָב געזאָגט אים צו טאָן. און אַצונד זאָג אָקאָרשט צו די מענטשן פון יהודה און צו די איינוואוינער פון ירושלים אַזוי צו זאָגן:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך באַשאַף אויף אייך אַן אומגליק און האָב אויף אייך אַ בייזע מחשבה, טאָ קערט זיך אום איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג און בעסערט אויס אייערע וועגן און אייערע מעשים; אָבער זיי זאָגן: אומזיסט דיינע רייד, נאָר נאָך אונדזערע בייזע געדאַנקען וועלן מיר גיין, און איטלעכער לויט דער איינגעשפּאַרטקייט פון זיין בייזן האַרץ וועלן מיר טאָן.

— דרום האָט גאָט אַזוי געזאָגט:

— פרעגט אָקאָרשט ביי די פעלקער, ווער האָט אַזוינס געהערט? די יונגפרוי ישראל האָט זיך אויפגעפירט שוידערהאַפטיק. מיין פאָלק האָט פאַרגעסן אָן מיר. צו נישטיקייט רויכערן זיי. און די געצן האָבן געמאַכט זיי צו שטרויכלען אין זייערע וועגן. זיי זיינען ניט געגאַנגען אין די אייביקע וועגן, נאָר אַוועק אויף ביישטעגן, אויף ניט קיין אויסגעטראָטענעם וועג. און דאָס וועט מאַכן זייער לאַנד פאַר אַ שרעק, פאַר אַן אייביקער שמוצערונג. איטלעכער וואָס וועט דורכגיין פאַרביי, וועט אויפציטערן און שאָקלען מיטן קאָפּ. ווי אַ מזרח ווינט וועל איך זיי צעשפּרייטן פאַר דעם פיינט. זייער רוקן און ניט זייער פּנים וועל איך זען אין טאָג פון זייער בראָך(103).

ג. די נבואה מיטן ליימענעם קרוג

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

— גיי און דו זאָלסט דיר קויפן ביי אַ טעפּער אַ ליימענעם קרוג. און

נעם מיט זיך פון די עלטסטע פון פאָלק און פון די עלטסטע פון די כּוהנים. און דו זאָלסט אַרויסגיין מיט זיי צום טאָל בן הנום, וואָס ביים אַריינגאַנג פון דעם טויער חרסית. און דו זאָלסט צעברעכן דעם ליימענעם קרוג פאַר די אויגן פון די מענטשן וואָס גייען מיט דיר, און דו זאָלסט זאָגן צו זיי:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון די חיילות:

— אָט אַזוי וועל איך צעברעכן דאָס דאָזיקע פאָלק און די דאָזיקע שטאָט, אַזוי ווי מען צעברעכט אַ ליימענע כּלי פון אַ טעפּער, וואָס מען קאָן זי מער ניט מאַכן גאַנץ.

ירמיהו האָט אַזוי געטאָן.

— און ירמיהו איז געקומען פון טאָל, וואָס גאָט האָט אים אַהין געשיקט נביאות צו זאָגן, און ער האָט זיך געשטעלט אין הויף פון בית המקדש און האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: איך וועל אויף דער דאָזיקער שטאָט און אויף אַלע שטעטלעך אַרום איר ברענגען דאָס גאַנצע בייז וואָס איך האָב אָנגעזאָגט, ווייל זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן און זיך ניט צוגעהערט צו מיינע רייד.

— און פשחור, דער זון פון אמר דעם כּוהן, וואָס איז געווען דער אויבעראויפזעער אין גאָטס הויז, האָט דערהערט ווי ירמיהו האָט נביאות געזאָגט די דאָזיקע רייד, האָט ער געשלאָגן ירמיהו דעם נביא און אים פאַרשפּאַרט אין אַ מהפּכת (אַ שמאָלער און נידעריקער לאָך, וואו דער פאַרשפּאַרטער קאָן זיך ניט אויפשטעלן, און קאָן אַפילו ניט זיצן גלייך).

אָבער פשחור האָט לאַנג ניט געהאַלטן דעם נביא פאַרשפּאַרט. קאָנטיק, אַז אין ירושלים זיינען געווען אַ סך אָנהענגער פון דעם נביא. דעם נביאס אַ תּלמיד דערציילט:

— און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט פשחור אַרויסגעלאָזן ירמיהון פון דער מהפּכת. און ירמיהו האָט צו אים געזאָגט: פשחור! ניט פשחור (רו רונד אַרום) האָט גאָט גערופן דיין נאָמען, נייערט מגור מסביב, (שרעק רונד אַרום). ווייל אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

— זע איך מאַך דיך פאַר אַ שרעק פאַר דיר און פאַר אַלע וואָס האָבן דיך ליב. און זיי וועלן פאַלן דורך דער שווערד פון זייערע פיינט, און דיינע אויגן וועלן עס צוזען, און דו פשחור און אַלע איינוואוינער פון דיין הויז וועלן גיין אין געפאַנגענשאַפט. און קיין בבל וועסטו קומען, און דאָרט וועסטו שטאַרבן, און דאָרט וועסטו באַגראָבן ווערן, דו און אַלע דיינע פריינט, צו וועמען דו האָסט נביאות געזאָגט מיט ליגן (104).

ירמיהו קלאָגט אויף זיין גורל

צוויי מאָל איז ירמיהו געווען אין סכנה געטויט צו ווערן. איינמאָל האָבן זיינע אייגענע שטאָט לייט אים געוואָלט פאַרסמן, און אַ צווייטן מאָל האָט מען אים שיר ניט פאַרמשפּט צום טויט, צוליב דער נבואה אויף דעם חורבן פון בית המקדש (105). ביידע מאָל איז ער ווי דורך אַ נס געראַטעוועט געוואָרן. שפּעטער האָט אים דער אויפזעער פון בית המקדש פאַרשפּאַרט אין תפיסה. אמת, ניט אויף לאַנג, אָבער קאָנטיק, אַז דער נביא האָט זיך ניט געטאָרט באַווייזן אין הויף פון טעמפּל. אַלערליי שונאים האָבן אויף אים געלויערט און געהאַט טענות צו אים. אייניקע האָבן געהאַט טענות צו אים פאַרוואָס זיינע נבואות פון אומקום זיינען שוין ניט מקוים געוואָרן. און ירמיהו ענטפערט:

— זיי זאָגן צו מיר:—וואו איז גאָטס וואָרט? פאַרוואָס איז עס ניט געקומען? אָבער איך האָב ניט צוגעאיילט דעם שלעכטן טאָג, און דעם טאָג פון בראָך האָב איך ניט באַגערט. דו ווייסט דאָך מיינע תפילות; וואָס איך האָב תפילה געטאָן צו דיר איז דאָך פאַר דיר אַנטפּלעקט (106).

אַנדערע שונאים האָבן געוואָלט אויסטראַכטן בלבולים אויף אים און אים מסרן:

— זיי האָבן געזאָגט: קומט, לאָמיר אויסטראַכטן זאַכן אויף ירמיהון, לאָמיר אים שלאָגן מיט דער צונג, וועלן מיר ניט דאַרפן פאַרנעמען זיינע רייד. פאַרנעם, גאָט, מיין קול. הער דאָס קול פון מיינע שונאים—זאָל פאַר אַ טובה באַצאָלט ווערן מיט אַ רעה? זיי האָבן דאָך געגראָבן אַ גרוב פאַר מיין לעבן. געדענק ווי איך בין געשטאַנען פאַר דיר און גערעדט גוטס אויף זיי, כדי אָפּצוקערן דיין גרימצאָרן פון זיי (107).

אַפילו זיין אייגענע משפחה איז אויף אים אָנגעפאַלן, געשריען אויף אים און אים געוואָרנט, אַז ער זאָל אויפהערן צו זאָגן נביאות.

— וואָרום אַפילו דיינע ברידער און פאָטערס הויז, אַפילו זיי האָבן געפעלשט קעגן דיר. זיי האָבן נאָכגעשריען אויפן קול. ניט גלויב זיי, ווען זיי ריידן צו דיר(108).

ירמיהו ווייס, אַז ער איז געהייליקט געוואָרן פאַר אַ נביא נאָך איידער ער איז אַרויס פון דער מוטערס בויך. דאָך איז אים אַמאָל באַפאַלן אַ פאַרדרוס, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן אַזאַ ביטער לעבן. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער געקלאָגט אויף זיין מזל, געהאַט טענות צו גאָט, וואָס ער האָט אים אויסדערוויילט צו זיין צו געלעכטער, צו שאַנד און צו שפּאָט.

— ווײ איז צו מיר, מוטער מײַנע,
וואָס דו האָסט מיך געבאָרן,
אַ מענטש פון קריג
און אַ מענטש פון שטרייט קעגן גאַנצן לאַנד(109).
האָסט מיר אײַנגערעדט, גאָט,
און האָסט מיך איבערגערעדט,
דו האָסט זיך געשטאַרקט איבער מיר
און האָסט מיך בײַגעקומען.
און איך בין געוואָרן צו געלעכטער אַ גאַנצן טאָג,
איטלעכער טוט אָפּשפּאָטן פון מיר.
ווי נאָר איך הויב אָן ריידן, שרײַ איך,
אויף אומרעכט און רויב שרײַ איך.
פאַרוואָר, דאָס וואָרט פון גאָט איז פאַר מיר געוואָרן
צו שאַנד און צו שפּאָט אַ גאַנצן טאָג.
און אויב איך האָב געזאָגט:
איך וועל אים ניט דערמאָנען,
איך וועל מער ניט ריידן אין זײַן נאָמען,
איז זײַן וואָרט געוואָרן אין מײַן האַרץ
ווי אַ ברענענדיקער פײַער,
אײַנגעשלאָסן אין מײַנע בײנער,
און איך האָב אים ניט געקאָנט אײַנהאַלטן
און אים ניט געקאָנט מער טראָגן.

— איך האָב געהערט דאָס שעפּטשען פון פיל
אַ שרעק פון אומעטום באַפאַלט מיך,
זיי שעפּטשען: לאָמיר אים פאַרמסרן.
אַלע מײַנע גוטע פרײַנט
לויערן אויף מיר:
אפשר וועט ער זיך באַנאַרישן,
וועלן מיר אים אַרײַננאַרן
און נעמען אונדזער נקמה פון אים.
אָבער גאָט איז מיט מיר,
ווי אַ מעכטיקער גיבור,
דערפאַר וועלן מײַנע נאָכיאָגער געשטרויכלט ווערן

און זיי וועלן ניט אויספירן,
זיי וועלן פאַרשעמט ווערן,
ווייל זיי האָבן ניט באַגליקט,
זיי וועלן פאַרשעמט ווערן
אַן אייביקע שאַנד, וואָס וועט ניט פאַרגעסן ווערן(110).

— פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג
וואָס איך בין אין אים געבאָרן געוואָרן,
דער טאָג, וואָס מיין מוטער האָט מיך געבאָרן
זאָל זיין ניט געבענטשט.
פאַרשאָלטן זאָל זיין דער מאַן,
וואָס האָט אָנגעזאָגט מיין פאָטער:
אַ יינגל איז דיר געבאָרן געוואָרן,
פרייען האָט ער אים דערפרייט —
פאַרוואָס האָט מיך בעסער גאָט ניט געטייט
ביים געבאָרן ווערן,
אַז מיין מוטער זאָל מיין קבר זיין.
נאָך וואָס בין איך פון דער מאַמעס בויך אַרויס,
נאָר צו זען מאַטערניש און פלאָג
און אויסגיין אין שאַנד זאָלן מיינע טעג? (111).

♦

די קלאָג־נבואות זיינען מסתם קיינמאָל ניט געהאַלטן געוואָרן פאַרן פאָלק. דאָס זיינען געווען טענות פון נביא צו גאָט פאַר דעם פינצטערן גורל, וואָס ער האָט אים באַשערט. לאַנג האָט אָבער די ביטערקייט ניט אָנגעהאַלטן ביי ירמיהון, ווייל דער נביא האָט געוואוסט, אַז גאָט האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַפעסטיקטע מויער פון קופער. און די שונאים וועלן מלחמה האַלטן קעגן אים און וועלן אים ניט בייקומען(112). גאָט וועט שטענדיק זיין מיטן נביא צו העלפן אים און צו ראַטעווען אים פון דער האַנט פון די שלעכטע און אים אויסלייזן פון דעם פויסט פון די מעכטיקע.

אין דעם פייער פון פיין און מאַטערניש איז דער נביא געשטאַרקט געוואָרן. און ווען זיין תלמיד, ברוך דער זון פון נריהו, האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער איז שוין מיד פון די רדיפות, ענטפערט אים ירמיהו:

— אַזוי האָט געזאָגט דער גאָט פון ישראל וועגן דיר, ברוך:

האָסט געזאָגט: אָ וויי איז מיר,
גאָט האָט געמערט טרויער אויף מיין ווייטיק,
איך בין מיד פון זיפצן
און געפין ניט קיין רו.
אזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע: וואָס איך האָב געבויט, צעשטער איך,
און וואָס איך האָב געפלאַנצט, רייס איך אויס,
און דו זוכסט זיך גרויסע זאַכן?
זאָלסט ניט פאַרלאַנגען! (113)

ירמיהו פאַרשרייבט זיינע נבואות

ירמיהו האָט געהאַלטן זיינע נבואות אין די גאַסן פון ירושלים, אין די מערק פון שטאָט, אין בית־המקדש (114). וואו נאָר אַ גרויסער עולם פלעגט זיך צונויפקלייבן, פלעגט ער ריידן צו אים. די נבואות זיינען ניט געווען קיין געשריבענע. עס קאָן זיין, אַז דער נביא האָט פאַרצייכנט אין קורצן אַ צאָל נבואות. אָבער געוויינטלעך פלעגט דער נביא דערהויפּט ריידן צום פאָלק. רעדעס ווערן פערגעסן. און אין פערטן יאָר פון מלך יהויקים, ווען די סכנה פון בבל האָט זיך אָנגערוקט, האָט אים גאָט געהייסן פערשרייבן זיינע נבואות.

— און עס איז געווען אין פערטן יאָר פון יהויקים, דעם זון פון יאשיהו, דעם מלך פון יהודה, איז געווען דאָס דאָזיקע וואָרט צו ירמיהון פון גאָט אזוי צו זאָגן:

— נעם דיר אַ מגילה, און דו זאָלסט פאַרשרייבן אויף איר אַלע רייד, וואָס איך האָב גערעדט צו דיר אויף ישראל און יהודה און אויף אַלע פעלקער, פון דעם טאָג, וואָס איך האָב גערעדט צו דיר פון די צייטן פון יאשיהו ביז היינטיקן טאָג. אפשר וועט דאָס הויז פון יהודה הערן דאָס גאַנצע בייז, וואָס איך טראַכט אויף זיי צו טאָן, און זיי וועלן זיך אומקערן איטלעכער פון זיין שלעכטן וועג, און איך וועל פאַרגעבן זייערע פאַרברעכנס און זייערע זינד.

— האָט ירמיהו גערופן ברוך דעם זון פון נריהו, און ברוך האָט פאַר־שריבן פון ירמיהוס מויל אויף אַ מגילה אַלע רייד, וואָס ירמיהו האָט צו אים גערעדט (115).

יהויקים פאַרברענט ירמיהוס נבואות

דאָס אויפשרייבן פון די נבואות האָט געדויערט אַ גאַנץ יאָר. אַז דער נביא און דער תלמיד זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַרבעט, האָט ירמיהו געזאָגט צו ברוכן:

— און איך בין דאָך באַהאַלטן, איך קאָן ניט אריינקומען אין גאָטס הויז. דרום זאָלסטו גיין און לייענען פון דער מגילה, וואָס דו האָסט אויפגעשריבן פון מיין מויל, אין הויז פון גאָט, אין דעם פאָסט־טאָג. אפשר, ווען דאָס פאָלק וועט הערן, וועט עס זיך אומקערן פון זיין שלעכטן וועג. וואָרום גרויס איז דער כעס און דער גרימצאָרן, וואָס גאָט האָט גערעדט אויף דעם דאָזיקן פאָלק(116).

און ברוך האָט אזוי געטאָן: ער האָט געלייענט פון דעם בוך די ווערטער פון ירמיהו אין הויז פון גאָט, אין די אויערן פון גאַנצן פאָלק. מיכיהו דער זון פון גמריהו האָט געהערט פון בוך אַלע ווערטער פון גאָט, און ער האָט אַראָפּגענידערט צום הויז פון מלך, אין דעם שרייבערס קאַמער, ערשט דאָרט זיצן אַלע הארן, האָט זיי מיכיהו דערציילט וואָס ער האָט געהערט, ווען ברוך האָט געלייענט פון בוך פאַרן פאָלק. און די הארן האָבן געשיקט נאָך ברוכן, האָט ברוך גענומען די מגילה אין זיין האַנט און איז געקומען צו זיי. האָבן זיי געזאָגט צו אים: זעץ זיך אַקאָרשט, און לייען זי אין אונדזערע אויערן. און ברוך האָט געלייענט אין זייערע אויערן.

— און עס איז געווען ווען זיי האָבן געהערט די ווערטער, האָבן זיי אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן מיט שרעק און זיי האָבן געזאָגט צו ברוכן: דערציילן מוזן מיר דערציילן די דאָזיקע אַלע רייד צום מלך. און זיי האָבן געזאָגט:

— ברוך, גיי און באַהאַלט זיך, דו און ירמיהו, און קיינער זאָל ניט וויסן וואו איר זייט. און ברוך האָט אַזוי געטאָן.

— און די הארן זיינען געגאַנגען צום מלך אין הויף און זיי האָבן דערציילט אין די אויערן פון מלך אַלע ווערטער. האָט דער מלך געשיקט יהודין צו ברענגען די מגילה. און יהודי האָט געלייענט די מגילה אין די אויערן פון מלך און אין די אויערן פון די הארן וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אים. און דער מלך איז געזעסן אין ווינטערהויז, און דער פייער־טאָפּ איז געווען אָנגעצונדן פאַר אים. און ווי יהודי האָט איבערגעלייענט דריי אָדער פיר עמודים, אַזוי האָט דער מלך זיי אָפּגעשניטן מיטן שרייבמעסער און אַרויסגעוואָרפן אויפן פייער, וואָס אין פייער־טאָפּ, ביז די גאַנצע מגילה איז פאַרברענט געוואָרן. און דער מלך האָט דאַן באַפוילן צו ברענגען ברוכן און

ירמיהו דעם נביא פאַר אים. אָבער דער קעניג האָט ניט געקאָנט געפינען דעם נביא און זיין תלמיד. ברוך דער זון פון נריהו זאָגט:

— גאָט האָט זיי באַהאַלטן.

אין זייער באַהעלטעניש האָט ירמיהו ווידער דיקטירט זיינע נבואות צו זיין תלמיד:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו ירמיהון, נאָכדעם ווי דער מלך האָט פאַרברענט די מגילה מיט די נבואות וואָס ברוך האָט פאַרשריבן פון ירמיהוס מויל — אזוי צו זאָגן:

— נעם אַן אַנדער מגילה און שרייב אָן אויף איר אַלע פריערדיקע רייד, וואָס זיינען געווען אויף דער ערשטער מגילה, וואָס דער מלך האָט פאַרברענט. און אויף יהויקים דעם מלך פון יהודה זאָלסטו זאָגן: — אַזוי האָט גאָט געזאָגט, דו האָסט פאַרברענט די מגילה, אַלמאַי איך האָב געשריבן אויף איר: קומען וועט קומען דער מלך פון בבל און ער וועט צעשטערן דאָס דאָזיקע לאַנד און וועט פאַרטיליקן פון איר מענטש און בהמה. דרום האָט גאָט אזוי געזאָגט אויף יהויקים דעם מלך פון יהודה:

— קיינער פון זיינע קינדער וועט ניט זיצן אויפן טראָן פון דוד, און זיין טויטער קערפּער וועט זיך וואַלגערן אין דער היץ בייטאָג, און אין דער קעלט ביינאַכט. איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אים, מיט זיינע קינדער און מיט זיינע קנעכט, פאַר זייערע זינד. איך וועל ברענגען אויף זיי און אויף די איינוואוינער פון ירושלים, און אויף די מענטשן פון יהודה דאָס גאַנצע בייז, וואָס איך האָב אָנגעזאָגט אויף זיי.

אין יענער צייט איז מסתמא אָנגעשריבן געוואָרן אויך די דאָזיקע נבואה:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף יהויקים דעם זון פון יאשיהו, דעם מלך פון יהודה:

— מען וועט ניט קלאָגן אויף אים: ווי מיין ברודער; מען וועט ניט קלאָגן אויף אים: וויי האַר און וויי זיין גלאַנץ. ווי אַן אייזל וועט ער באַגראָבן ווערן. ער וועט געשלעפּט ווערן און אַוועקגעוואָרפן ווערן ווייט אַוועק פון די טויערן פון ירושלים (117).

און נאָך נבואות זיינען צוגעשריבן געוואָרן צו די פריערדיקע, וואָס זיינען געווען פאַרשריבן, ווייל אַזוי ווערט דערציילט אין ספר ירמיהו:

— און ירמיהו האָט גענומען אַן אַנדער מגילה, און האָט זי געגעבן צו ברוך דעם זון פון נריהו דעם שרייבער, און ער האָט אויפגעשריבן אויף איר, פון ירמיהוס מויל, אַלע רייד פון דעם בוך, וואָס יהויקים, דער מלך פון יהודה האָט פאַרברענט אין פייער. און צו זיי זיינען צוגעלייגט געוואָרן נאָך פיל נבואות אזוי ווי די פריערדיקע (118).

יהויקים גיט זיך אונטער

ירמיהו און זיין תלמיד ברוך האָבן זיך באַהאַלטן. זיי וואָלטן מסתמא זיך ניט געקאָנט אַזוי גרינג אויסבאַהאַלטן פון קעניגס צאָרן אויב פיל פון די הויפלייט וואָלטן זיי ניט געהאָלפן. קאָנטיק אַז די הויפלייט — אלישמע, דליהו, אלנתן און גמירהו — זיינען שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון ירמיהוס פאַרשריבענע נבואות. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך צוהערן צו ירמיהוס רייד און זיך אונטערגעבן צו בבל. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיי דער קעניג געפאָלגט. אין ספר מלכים ווערט דערציילט קורץ:

— אין זיינע טעג איז אַרויפגעגאַנגען נבוכדנצר דער מלך פון בבל, און יהויקים איז געווען אַ קנעכט צו אים דריי יאָר.

די נאָכפאָלגער פון בבל האָבן געקראָגן די דעה און יהויקים האָט זיך אונטערגעגעבן צו די כשדים. ירמיהו האָט זיך מער ניט געדאַרפט אויס־באַהאַלטן פון קעניג.

דריי יאָר האָט יהויקים געדינט דעם מלך פון בבל. דריי יאָר איז געווען שטיל אין לאַנד, נאָך די דריי יאָר האָט ער זיך אָפגעקערט און האָט ווידער־שפעניקט קעגן אים.

יהויקים ווידערשפעניקט קעגן בבל

ירמיהו האָט געוואוסט, אַז ווען יהויקים האָט זיך אונטערגעגעבן צו בבל, האָט ער עס געטאָן ניט ווייל ער האָט חרטה געהאַט און זיך אומגעקערט צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. דער קעניג האָט נאָר געוואַרט אויף דער פאַסיקער צייט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד. און נאָך דריי יאָר דינען צו בבל, האָט יהויקים געמיינט, אַז עס איז געקומען די פאַסיקע צייט אַרונטערצווואַרפן דעם יאָך פון בבל. אין יענער צייט האָט דער קעניג פון צור ווידערשפעניקט קעגן בבל. צור איז געווען זייער שטאַרק באַפעסטיקט, און נבוכדנצר האָט זי באַלאַגערט און ניט געקאָנט איינגעמען. מצרים האָט צוגעזאָגט יהויקימען הילף. דער קעניג פון מצרים האָט דאָך אים אַרויפגעזעצט אויפן טראָן, און יהויקים האָט געמיינט, אַז ער וועט אים זיכער ניט פאַרלאָזן.

אויך אַ סך נביאים האָבן געמוטיקט דעם קעניג און די הויפלייט, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן קעגן בבל. אין ירושלים זיינען געווען אַלערליי נביאים, זעער און וואונדער־ווייזער. אַ סך האָבן געהאַלטן, אַז דער גאָט פון ישראל וועט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן זיין לאַנד און פאָלק (119). און דער

קעניג און די הויפּלייט האָבן זיך צוגעהערט צו די נביאים, וואָס האָבן צוגעזאָגט, אַז ניט קיין שווערד און ניט קיין הונגער וועלן ווען קומען קיין יהודה(120). און ירמיהו דערציילט ווי ער האָט געזאָגט צו גאָט:

— ווײ, גאָט דו האַר, זע, די נביאים זאָגן צו זײ:

— איר וועט ניט אָנזען קיין שווערד, און קיין הונגער וועט בײ אײך ניט זײן, ווײל אַן אמתן שלום וועל איך אײך געבן אין דעם דאָזיקן אָרט.

און ירמיהו דערציילט, אַז גאָט האָט צו אים געזאָגט:

— ליגן זאָגן נביאות די נביאים אין מײן נאָמען. ניט איך האָב זײ געשיקט, ניט איך האָב זײ אָנגעזאָגט און ניט איך האָב גערעדט צו זײ. זעאונגען פון ליגן און כישוף, נאַרישקײטן און אויסטראַכטעניש פון זײער אײגן האַרץ זאָגן זײ אײך נביאות. און דערפאַר האָט גאָט אַזוי געזאָגט אויף די נביאים, וואָס זאָגן נביאות אין מײן נאָמען און איך האָב זײ ניט געשיקט.

— זײ זאָגן:

— קײן שווערד און קײן הונגער וועלן ניט קומען אין דעם דאָזיקן לאַנד. פון שווערד און פון הונגער וועלן פאַרלענדט ווערן יענע נביאים. און דאָס פאָלק, וואָס גלויבט אָט די נבואות, וועט ליגן צעוואָרפן אין די גאַסן פון ירושלים פון הונגער און שווערד און אַפילו צו קבורה ניט קומען(121).

די שכנישע פעלקער באַפאַלן יהודה

אַז יהויקים האָט ווידערגעשפעניקט קעגן בבל, איז נבוכדנצר טאָקע באַלד ניט געקומען מיט זײן חײל קײן יהודה. דער קעניג פון בבל איז געווען פאַרנומען מיט צור און צידון, האָט ער אָנגעשיקט אויף יהודה חײלות פון אַרם, מואב, עמון — די פעלקער שכנים פון יהודה, וואָס זײנען געבליבן טרײ צו אים. און די שכנישע פעלקער זײנען באַפאַלן יהודה און אײנגענומען שטאָט נאָך שטאָט. די פליטים פון די געפאַלענע שטעט האָבן אַרײנגעשטראָמט קײן ירושלים, וואו זײ האָבן גערעכנט אַז זײ זײנען זיכער פון פײנט.

ירמיהו, וואָס זײן האַרץ איז אַלע מאָל געווען פול מיט ליבשאַפט צו זײן אומגליקלעך פאָלק, קלאָגט:

— און דו זאָלסט זאָגן צו זײ דאָס דאָזיקע וואָרט:

— זאָלן מײנע אויגן טרערן טאָג און נאַכט און ניט אויפהערן, ווײל מיט אַ גרויסן בראָך איז צעבראָכן געוואָרן די יונגפרוי, די טאָכטער פון מײן פאָלק, מיט זײער אַ שווערן אַ קלאַפּ. גײ איך אַרויס אין פעלד, ערשט דערשלאָגענע פון שווערד; קום איך אַרײן אין שטאָט, ערשט לײדנדיקע פון הונגער. ווײל

סיי דער נביא, סיי דער כוהן וואָגלען אַרום איבערן לאַנד און ווייסן ניט וואוהין זיך צו קערן און צו ווענדן(122).

ירמיהו ווייס, אַז גאָט האָט אָנגערייצט אויף יהודה די אַרומיקע שכנים(123). ער ווייס אויך אַז די זינד פון יהודה איז גרויס, דאָך הערט ער ווי גאָט קלאָגט, וואָס ער דאַרף ברענגען דעם אומגליק אויף זיין באַליבט פאָלק און ער וואָרנט די פעלקער, וואָס באַפאַלן יהודה, אַז ער וועט זיי אויך פאַר־טרייבן פון זייער לאַנד און ער וועט זיי ניט אומקערן פון גלות ביז זיי וועלן ניט דערקענען דעם אמתן גאָט, דעם גאָט פון ישראל.

— איך האָב פאַרלאָזן מיין הויז, איך האָב פאַרלאָזן מיין נחלה, איך האָב איבערגעגעבן די געליבטע פון מיין זעל אין דער האַנט פון אירע שונאים. מיין נחלה איז געוואָרן ווי אַ לייב אין וואַלד. זי ברומט אויף מיר, דערפאַר האָב איך זי פיינט געקראָגן(124).

אָבער דאָך האָט גאָט רחמנות אויף זיין באַליבט פאָלק. ער פרעגט:

— איז אַ פאַרביקער רויב פויגל מיין נחלה צו מיר? אַלע רויב פויגלען רינגלען זי אַרום. גייט, זאַמלט זיך צונויף אַלע חיות פון פעלד, קומט אַהער זי צו עסן (125).

און ירמיהו זאָגט צו די שכנים פון יהודה:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף אַלע בייזע שכנים, וואָס רירן אָן די נחלה, וואָס איך האָב געמאַכט אַרבן מיין פאָלק ישראל:

— איך וועל זיי אויסרייסן פון זייער ערד. און עס וועט זיין נאָכדעם ווי איך וועל זיי אויסרייסן, וועל איך ווידער זיך דערבאַרעמען און איך וועל זיי אומקערן איטלעכן צו זיין נחלה, און איטלעכן צו זיין לאַנד, אויב לערנען וועלן זיי לערנען די וועגן פון מיין פאָלק צו שווערן ביי מיין נאָמען: אַזוי ווי יהוה לעבט, אָט אַזוי ווי זיי האָבן געלערנט מיין פאָלק צו שווערן ביים בעל. אויב זיי וועלן אַזוי טאָן, וועלן זיי אויפגעריכט ווערן צווישן מיין פאָלק. אויב זיי וועלן אָבער ניט צוהערן, וועל איך אויסרייסן יענע אומה. איך וועל זי אויסרייסן און זי אומברענגען, זאָגט גאָט (126).

די רכבים

ירמיהו האָט נאָך אַלץ געפרובירט איינרעדן דעם פאָלק און דעם קעניג, אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן און חרטה האָבן און זיך אומקערן צו יהוה. צווישן די פליטים זיינען געווען אַ סך אַנהענגער פון בבל, און ירמיהו האָט געקאָנט אַרומגיין פריי און ריידן. עס איז אונדז געבליבן אַ נבואה ווי ער

האָט געלויבט די רכבים — די משפחה וואָס איז געבליבן טריי די אַלטע טראַדיציעס פון מדבר — און זיי געשטעלט ווי אַ ביישפיל פאַרן פאָלק.

— דאָס וואָרט וואָס איז געוועןֹ צו ירמיהו פון יהוה אין די טעג פון יהויקים:

— גיי צו דעם הויז פון די רכבים און זאָלסט זיי ברענגען אין הויז פון גאָט, אין איינער פון די קאַמערן, און גיב זיי טרינקען וויין. האָב איך גענומען דאָס גאַנצע הויז פון די רכבים און איך האָב זיי געבראַכט אין גאָטס הויז. און איך האָב די קינדער פון די רכבים דערלאַנגט קריגלעך פול מיט וויין, און בעכערס, און איך האָב צו זיי געזאָגט: טרינקט וויין. האָבן זיי צו מיר געזאָגט:

— מיר טרינקען ניט קיין וויין, ווייל אונדזער פאָטער יהונדב, דער זון פון רכבן, האָט אונדז אָנגעזאָגט אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט טרינקען קיין וויין, און קיין הויז זאָלט איר ניט בויען, און פעלדער זאָלט איר ניט פאַרזייען, און קיין ווייַנגאָרטן זאָלט איר ניט פלאַנצן און ניט פאַרמאָגן, ניט איר און ניט אייערע קינדער ביז אייביק; נאָר אין געצעלטן זאָלט איר זיצן אַלע אייערע טעג, כדי איר זאָלט לעבן פיל טעג אויפן פנים פון דער ערד. און מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דעם קול פון אונדזער פאָטער יהונדב, דעם זון פון רכב, און מיר האָבן געטאָן אַלץ אַזוי ווי ער האָט אונדז באַפוילן. אָבער ווען נבוכדנצר, דער מלך פון בבל, איז אַרויפגעקומען אויפן לאַנד, האָבן מיר געזאָגט: קומט, לאָמיר אַריינגיין אין ירושלים. צוליב דעם חייל פון די כשדים, און צוליב דעם חייל פון אַרם און מיר האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים.

און דאָס וואָרט פון יהוה איז געוועןֹ צו ירמיהון אַזוי צו זאָגן:

— גיי און זאָג צו די מענער פון יהודה און צו די איינוואוינער פון ירושלים: פאַרוואָס נעמט איר זיך ניט אַראָפּ קיין מוסר פון די רכבים? געהאַלטן האָבן זיי געהאַלטן דעם אָנזאָג פון יהונדב זייער פאָטער. און איר? איך האָב געשיקט צו אייך אַלע מיינע נביאים. נאָכאַנאַנד האָבן זיי גערעדט, און איר האָט זיך ניט צוגעהערט צו מיר. דערפאַר: זע, איך ברענג אויף יהודה און אַלע איינוואוינער פון ירושלים דאָס גאַנצע בייז וואָס איך האָב אָנגעזאָגט. איך האָב גערופן צו זיי, און זיי האָבן זיך ניט אָפּגערופן(127).

דריי יאָר איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף מיט די שכנישע פעלקער. אויפן סוף פון די דריי יאָר איז נבוכדנצר אָנגעקומען מיט זיין חייל און האָט באַלאַגערט ירושלים. אין מיטן פון דער באַלאַגערונג, איז יהויקים געשטאָרבן, אָדער אפשר געהרגעט געוואָרן אין אַ שלאַכט, און יהויכין, זיין זון, איז געוואָרן קעניג אויף זיין אָרט. מען האָט יהויכינס נאָמען געביטן אויף כניהו, ירמיהו האָט ניט באַקלאָגט און ניט באַוויינט דעם פאַרשטאָרבענעם קעניג.

יהויכין

אַ שלעכטע ירושה האָט דער יונגער קעניג יהויכין־כניהו געקראָגן פון זיין פאָטער. דער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן פון שטאָט, און די איינוואוינער זיינען, ווי עס ווייזט אויס, געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן — איין טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געהאַלטן מיט מצרים, די אַנדערע טייל האָט געוואָלט אַ שלום מיט בבל. ירמיהו האָט געזען נאָר איין אויסוועג — שוין, באַלד זיך אונטערגעבן צו בבל. ער טענהט צום קעניג:

— די שטעט פון דרום זיינען אויסגעליידיקט און די הייזער זיינען פאַרמאַכט, און ניטאָ ווער זאָל עס עפענען. גאַנץ יהודה איז פאַרטריבן געוואָרן, פאַרטריבן געוואָרן אינגאַנצן (128).

— נאָר ירושלים איז געבליבן. דערפאַר:

— זאָגט צום מלך און צו דער מוטער־מלכה, זעצט אייך אַראָפּ נידעריק, ווייל געפאַלן איז די קרוין פון אייער קאָפּ.

דער יונגער אַכצן יאָריקער קעניג האָט זיך געוואַקלט און ניט געקאָנט ביי זיך באַשליסן זיך איבערצוגעבן צום מלך פון בבל, און ירמיהו ווערט בייז:

— אַזוי ווי איך לעב, זאָגט יהוה, ווען כניהו, דער זון פון יהויקים, דער מלך פון יהודה, זאָל זיין אַפילו דער זיגל רינג אויף מיין רעכטער האַנט, וועל איך אים פון דאָרט אַראָפּרייסן.

און ירמיהו זאָגט ווייטער צום קעניג:

— איך וועל דיך איבערגעבן אין דער האַנט פון די, וואָס זוכן דיין לעבן, אין דער האַנט פון די וואָס דו שרעקסט זיך פאַר זיי — אין דער האַנט פון דעם מלך פון בבל און אין דער האַנט פון די כשדים. און איך וועל דיך און דיין מוטער, וואָס האָט דיך געבאָרן, פאַרוואַרפן אין אַן אַנדער לאַנד, און דאָרט וועט איר שטאַרבן. און אין דעם לאַנד וואוהין אייער האַרץ ציט זיך אומצו־קערן, אַהין וועט איר זיך ניט אומקערן (129).

דריי חדשים האָט נבוכדנצר באַלאַגערט ירושלים. יהויכין האָט דערזען, אַז קיין הילף קומט ניט אָן און קיין האָפענונג צו באַזיגן די חיילות פון די כשדים איז ניטאָ, איז ער אַרויסגעגאַנגען, ער און זיין מוטער און זיינע קנעכט און זיינע האַרן, און זיי האָבן זיך איבערגעגעבן אין דער האַנט פון מלך פון בבל (130).

און דער מלך פון בבל האָט אַרויסגענומען אַלע אוצרות פון גאָטס הויז און די אוצרות פון מלכס הויז. און ער האָט צעהאַקט אַלע גאָלדענע כלים, וואָס שלמה המלך האָט געמאַכט אין טעמפּל פון גאָט. און ער האָט פאַרטריבן

גאַנץ ירושלים און אַלע האַרן און אַלע גיבורים, צען טויזנט געפאַנגענע, און אַלע מייסטערס און אַלע שלאָסערס. קיינער איז ניט געבליבן, אַחוץ די אָרעמסטע פון דעם פאָלק פון לאַנד. און ער האָט פאַרטריבן יהויכינען קיין בבל. אויך דעם מלכס מוטער און דעם מלכס ווייבער און זיינע הויפדינער און די חשובע לייט פון לאַנד האָט ער אַוועקגעפירט פון ירושלים אין גלות קיין בבל. און דער מלך פון בבל האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן פון יהודה יהויכינס פעטער, מתניהו, און ער האָט אומגעביטן זיין נאָמען אויף צדקיהו.

דער טרויעריקער סוף פון יונגן קעניג האָט דערוועקט רחמנות אין האַרצן פון נביא. און ירמיהו באַקלאָגט אים:

איז ער אַ צעבראָכן געשניצט בילד,
איז ער אַ נישטיקע כלי.
דער דאָזיקער מאַן כניהו?
פאַרוואָס איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן
און פאַרשליידערט געוואָרן
אין אַ לאַנד וואָס ער קען ניט? (131)

אָבער ירמיהו ווייס, אַז ווי שטאַרק זיין רחמנות איז אויף דעם פאַר־טריבענעם קעניג, איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז ער זאָל זיך צוריק אומקערן פון בבל, און ער זאָגט:

— ערד, ערד, ערד, הער דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי האָט געזאָגט יהוה: פאַרשרייב דעם דאָזיקן מאַן, אַז ער איז געבליבן אָן אַ יורש. ער איז אַ מאַן, וואָס וועט ניט האָבן קיין גליק אין זיינע טעג, ווייל קיינער פון זיינע קינדער וועט ניט זיצן אויפן טראָן פון דוד און ווייטער געוועלטיקן איבער יהודה (132).

צדקיהו

ירמיהו האָט געמיינט, אַז דער נייער מלך וועט טאָן גערעכטיקייט און אויפהאַלטן דעם פרידן און ברענגען רו צו יהודה. באַלד ווי מתניהו־צדקיהו איז געוואָרן קעניג, האָט דער נביא געהאַלטן אויף אים אַ נבואה:

— טעג וועלן קומען, און איך וועל אויפשטעלן פון דודן אַ גערעכטע שפּראָצונג, און אַ קעניג וועט קעניגן אין גליק, און ער וועט טאָן רעכט און גערעכטיקייט אין לאַנד. אין זיינע טעג וועט יהודה געהאָלפן ווערן, און דאָס איז זיין נאָמען וואָס מען וועט אים רופן: „יהוה איז אונדזער גערעכטיקייט" (אין העברעאיש: יהוה צדקנו, אַ וואָרט שפּיל אויף צדקיהו) (133).

און דער קעניג פון בבל האָט זיך באַוואָרנט, אַז צדקיהו זאָל קענען אים ניט

ווידערשפעניקן. נבוכדנצר האָט פאַרטריבן די חשובסטע און אָנגעזעענסטע משפחות פון ירושלים. ער האָט פאַרטריבן דעם מלך און זיינע האַרן, וואָס האָבן געהאַלטן מיט מצרים. און אויך די הויפּטן פון חייל און די מייַנסטערס און די שלאָסערס, וואָס מאַכן כלי־זיין. ער האָט עס געטאָן, כדי יהודה זאָל זיין אַ שפּלע מלוכה און ניט קענען זיך שטעלן קעגן בבל (134). אַ חוץ דעם, האָט נבוכדנצר גענומען ביי דעם קעניג אַ שבועה, אַז ער זאָל אָפּהיטן זיין בונד מיט בבל.

צדקיהו האָט געוואָלט שלום און האָט געוואָלט זיין גוט און פרום. ער האָט אָבער ניט פאַרמאָגט דעם שטאַרקן ווילן פון זיין פאָטער יאשיהו. צדקיהו האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם מוט צו שטעלן זיך קעגן די הויפּלייט. וועלכע שררות עס האָבן געקראָגן די מאַכט, מיט יענע האָט ער געהאַלטן. אַליין האָט ער קיינמאָל גאָרנישט ניט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן.

נאָכן גלות יהויכין איז אין יהודה געוועזן אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט פון בבל. צדקיהו און די הויפּלייט וואָס זיינען ערשט געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיכער ניט געוואָלט, אַז מצרים זאָל קריגן די אויבערהערשאַפט און צוריקברענגען יהויכינען און אַלע פאַרטריבענע האַרן פון בבל. אָבער דער אַלטער גלויבן, אַז גאָט וועט בעשיצן זיין וואוינאָרט, און אַז ירושלים, גאָטס אויסדערווײלטע שטאָט, קען קיינמאָל ניט חרוב ווערן, איז געוועזן שטאַרק איינגעוואָרצלט ביי די איינוואוינער פון יהודה. די פאַרבליבענע אין לאַנד זיינען געווען זיכער, אַז זיי זיינען אונטער גאָטס שוץ, און אַז קיין שלעכטס קאָן זיי ניט געשען. און די גולים, די פאַרטריבענע, האָבן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן גלות.

גלות! אויב ס'איז שווער פאַר אַ היינטיקן מענטשן צו לעבן פאַרוואָגלט פון זיין אייגן לאַנד, איז גלות אין די אַלטע צייטן געווען נאָך ערגער (135). גלות האָט געמיינט ניט נאָר זיין אָפּגעשניטן פון אייגענעם פאָלק, נאָר אויך זיין אָפּגעשניטן פון אייגענעם גאָט. יהוה האָט צעטיילט די וועלט אין צוויי טיילן — יידן און אַנדערע אומות. ארץ ישראל איז די נחלה פון יהוה און אויסער די גרענעצן פון ארץ ישראל איז די נחלה פון געצן. ארץ ישראל איז אַ הייליק לאַנד. די לענדער פון אַלע אַנדערע פעלקער זיינען טמא, אומריין. יהוה איז טאַקע איין און איינציקער גאָט, און עס איז ניטאָ קיין אַנדער גאָט אויסער אים, אָבער פון אַלע פעלקער, וואָס זיינען אויף דער וועלט, האָט ער אויסגעקליבן ישראל, די יידן, צו זיין זיין פאָלק, און דאָס אָרט וואו יידן קאָנען דינען יהוה, איז נאָר אין ארץ ישראל. ווערט אַ ייד פאַרטריבן אין אַ פרעמד לאַנד, איז פונקט ווי מען הייסט אים — גיי, דין פרעמדע געטער(136). אַפילו ירמיהו זאָגט:

— יהוה וועט אייך פאַרוואַרפֿן פון דעם דאָזיקן לאַנד אין אַ לאַנד, וואָס ניט איר און ניט אייערע עלטערן האָבן געקענט, און איר וועט דאָרט דינען פרעמדע געטער טאָג און נאַכט(137). אין אַ פרעמד לאַנד קאָן מען ניט דינען יהוה. מען קאָן דאָרט ניט גיסן קיין ווײַן צו גאָט, און מען קאָן דאָרט ניט ברענגען קיין קרבנות. אַפילו דאָס ברויט וואָס מען עסט, פאַראומרייניקט די מענטשן. ווײַל קיין טייל פון דעם ברויט קאָן מען ניט ברענגען אין גאָטס הויז(138).

נבוכדנצר האָט פאַרטריבן די בעסטע טייל פון יידישן פאָלק קיין בבל. אין די אויגן פון די פאַרבליבענע אין לאַנד זיינען די גולים, די פאַרטריבענע, אָפּגעריסן געוואָרן פון יהוה, און פאַרשטויסן פון גאָט, און האָבן ניט קיין חלק אין גאָטס נחלה. זיי זיינען די פאַרשטויסענע, די ערגסטע פון פאָלק, און די איבערגעבליבענע אין לאַנד זיינען יהוהס אויסדערוויילטע(139).

די גולים, די פאַרטריבענע, האָבן אויך אַזוי געהאַלטן. דאָס יונגוואַרג האָט ניט געוואָלט חתונה האָבן און ברענגען אַ נייעם דור אין גלות. די עלטערע האָבן ניט געוואָלט בויען קיין הייזער און פלאַנצן גערטנער. אַלע האָבן געטראַכט נאָר פון איין זאַך — אַן אויפשטאַנד קעגן בבל — און זיך אומקערן צוריק אַהיים און זיך באַהעפטן אין גאָטס נחלה.

ירמיהו, וואָס האָט פאַראויסגעזאָגט גלות פאַרן גאַנצן פאָלק, האָט ניט געהאַלטן, אַז די פאַרבליבענע אין לאַנד זיינען גאָטס אויסדערוויילטע, און אַז די פאַרטריבענע זיינען פאַרגעסן פון יהוה. ער האָט געהאַלטן פאַרקערט, אַז די ליידן אין גלות, און די בענקעניש פון די גולים נאָך יהוהס לאַנד און זיין הייליקטום וועט זיי רייניקן. דורך זייערע ליידן וועלן זיי לערנען זיך אומצוקערן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. די וואָס זיינען פאַרבליבן אין לאַנד, פאַרלאָזן זיך אויף גאָטס הויז וואָס וועט זיי באַשיצן, זיי מיינען אַז יהוה וועט קיינמאָל ניט צעשטערן זיין וואוינאָרט; דערפאַר קערן זיי זיך ניט אום צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און זיי זיינען גאָר די פאַרמיאוסטע ביי גאָט.

קאָנטיק, אַז שוין באַלד ווי צדקיהו איז אַרויף אויפן טראָן, איז ער באַ־איינפלוסט געוואָרן פון די שררות, וואָס זיינען געווען די אָנהענגער פון מצרים, און ער און די הויפּלייט האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ווידער־שפעניקן אין בבל. ירמיהו זעט, אַז זיי האַלטן זיך פאַר די אויסדערוויילטע פון גאָט, ווייל זיי זיינען געבליבן אין לאַנד, האַלט ער פאַר זיי די נבואה מיט די צוויי קערב פייגן.

די נבואה מיט די צוויי קערב פייגן

— יהוה האָט מיר געוויזן, ערשט צוויי קערב פייגן זיינען אויסגעשטעלט פאַר דעם היכל פון גאָט. איין קאָרב איז אָנגעפילט מיט גוטע פייגן, און די אַנדערע קאָרב איז אָנגעפילט מיט זייער שלעכטע פייגן, אַזוי שלעכט, אַז זיי קאָנען ניט געגעסען ווערן פאַר שלעכטסקייט. און גאָט האָט געזאָגט צו מיר:

— וואָס זעסטו ירמיהו? האָב איך געזאָגט:

— פייגן. די גוטע פייגן זיינען זייער גוט, און די שלעכטע זיינען זייער שלעכט, אַזוי שלעכט, אַז זיי קענען ניט געגעסן ווערן פאַר שלעכטסקייט. און דאָס וואָרט פון גאָט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל, אָט ווי די דאָזיקע גוטע פייגן וועל איך אָפשיידן צום גוטן די פאַרטריבענע פון יהודה, וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט פון דעם דאָזיקן אָרט אין דעם לאַנד פון די כשדים. און איך וועל טאָן מיין אויג צום גוטן אויף זיי. איך וועל זיי אויפבויען און ניט צעשטערן, איך וועל זיי איינפלאַנצן און ניט אויסרייסן. איך וועל זיי געבן אַ האַרץ צו דערקענען מיך, אַז איך בין יהוה. און זיי וועלן זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין זייער גאָט, זיי וועלן זיך אומקערן צו מיר מיט זייער גאַנצן האַרצן. און אַזוי ווי די שלעכטע פייגן, וואָס קאָנען ניט געגעסן ווערן פאַר שלעכטסקייט, אַזוי וועל איך מאַכן צדקיהון דעם מלך פון יהודה און זיינע האַרן, און דעם איבערבלייב פון ירושלים, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין דעם דאָזיקן לאַנד. איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ שוידער און פאַר אַ שאַנד, פאַר אַ שפּאָט און פאַר אַ קללה, אין אַלע ערטער וואָס איך וועל זיי פאַרשטויסן אַהין(140).

יאָר־שטאַנגען

דריי יאָר איז געווען רואיק אין לאַנד (141). אויפן פערטן יאָר האָבן געקראָגן די אויבערהאַנט די שררות, וואָס זיינען געווען אָנהענגער פון בונד מיט מצרים. אָט די הויפּלייט האָבן געצוואונגען דעם קעניג אָנצוהויבן זיך גרייטן צו אַן אויפשטאַנד קעגן בבל. אויפן טראָן פון מצרים איז דעמאָלט אַרויפ־געשטיגן אַ נייער קעניג און ער האָט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אומצוקערן צו מצרים איר אַמאָליקע גרויסקייט. די ערשטע זאַך האָט ער פאַראייניקט די פעלקער אַרום ארץ־ישראל אין אַ בונד קעגן בבל. דער צענטער פון דער פאַר־שווערונג איז געווען ירושלים, אין פּאַלאַץ פון מלך צדקיהון. אַהין זיינען זיך צונויפגעקומען די שלוחים פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן געמאַכט די פאַרשווע־

רונג. ירמיהו האָט זיך באַוויזן אין הויף פון פּאַלאַץ אָנגעטאָן מיט אַ יאָך־שטאַנג אויפן האַלדז און בינד־שטריק. אין הויף זיינען געווען די שלוחים פון אדום, מואב, עמון און צור און צידון, און ירמיהו האָט זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע מיט אַ נבואה. דערציילט ירמיהוס תלמיד:

— אין דעם פערטן יאָר פון דער מלוכה פון צדקיהו דעם זון פון יאשיהון, דעם מלך פון יהודה, איז געווען דאָס דאָזיקע וואָרט פון גאָט צו ירמיהון אַזוי צו זאָגן:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר, מאַך דיר בינד־שטריק און יאָך־שטאַנגען און דו זאָלסט זיי אָנטאָן אויף דיין האַלדז, און דו זאָלסט זיי שיקן צו דעם מלך פון אדום, און צו דעם מלך פון מואב, און צו דעם מלך פון די קינדער פון עמון, און צו דעם מלך פון צור און צו דעם מלך פון צידון, דורך דער האַנט פון די שלוחים, וואָס זיינען געקומען קיין ירושלים צו צדקיהו דעם מלך פון יהודה. און דו זאָלסט זיי באַפעלן אַזוי צו זאָגן: איך יהוה האָב מיט מיין גרויס שטאַרקייט און מיט מיין אויסגעשטרעקטן אָרעם געמאַכט די ערד, די מענטשן און די בהמות, וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד, און איך גיב זיי צו דעם וואָס איז וואוילגעפעלן אין מיינע אויגן. און איצט האָב איך אָפּגעגעבן די דאָזיקע אַלע לענדער אין דער האַנט פון נבוכדנצרן, דעם מלך פון בבל, מיין קנעכט, און אויך די חיות פון פעלד האָב איך איבערגעגעבן אים צו דינען. און אַלע פעלקער וועלן דינען אים און זיין זון, און זיין זונס זון, ביז עס וועט קומען די צייט אויך פון זיין לאַנד, און אַ גרויסער מלך וועט אים פאַרקנעכטן. און עס וועט זיין אַז דאָס פאָלק און דאָס קעניגרייך וואָס וועט אים, נבוכדנצר, דעם מלך פון בבל, ניט דינען, און וואָס וועט ניט אַריינטאָן זיין האַלדז אין דעם יאָך פון דעם מלך פון בבל, וועל איך מיט שווערד און מיט הונגער און מיט פּעסט זיך אָפּרעכענען מיט יענעם פאָלק, זאָגט גאָט(142).

די נביאים

אין ירושלים זיינען געווען אויך אַנדערע נביאים, נביאים וואָס האָבן געהאַלטן מיט די שררות וואָס זיינען געווען פאַר אַן אויפשטאַנד. די נביאים האָבן געגלויבט, אַז יהוה וועט ניט פאַרלאָזן זיין באַליבט פאָלק. ער וועט ניט חרוב מאַכן זיין אויסדערוויילט אָרט. יהוה קאָן עס ניט טאָן, ווייל אויב יידן זאָלן פאַרטריבן ווערן און דער בית־המקדש זאָל חרוב ווערן, יעמאָלט וועט דאָך יהוה מאַכן פאַרגעסן זיין נאָמען: אויב זיין וואוינאָרט וועט צעשטערט ווערן און זיין פאָלק וועט פאַרטריבן ווערן, וועט דאָך ניט בלייבן ווער עס זאָל

גרויסן זיין נאָמען צווישן פעלקער, און אויך וועט ניט זיין וואו צו גרויסן זיין נאָמען. דערפאַר האָבן די נביאים, וואָס האָבן אַזוי געגלויבט, שטענדיק נביאות געזאָגט גוטס אויף יידן: קיין שווערד און קיין הונגער וועלן ניט צעשטערן דאָס לאַנד. זיי זיינען געווען פאַר אַן אויפשטאַנד קעגן בבל. זיי האָבן צוגע־זאָגט דעם קעניג גאָטס הילף.

ירמיהו וואָרנט קעגן אָט די נביאים. ער רופט זיי פאַלשע נביאים, מכשפים, וואָרזאָגער, חלומות־זעער, וואָס זאָגן ליגן. קאָנטיק, אַז די כוהנים פון בית־המקדש זיינען געווען די גרעסטע נאָכפאָלגער פון אָט די פאַלשע נביאים, ווייל זיי האָבן פּעראויסגעזאָגט, אַז באַלד וועט גאָט אומקערן די כלים פון בית־המקדש צוריק קיין ירושלים. ירמיהו רעדט פריער וועגן די פאַלשע נביאים און דערנאָך ווענדט ער זיך צו די כוהנים:

— און איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו אייערע נביאים, צו אייערע וואָרזאָגער, צו אייערע חלומות־זעער, צו אייערע צייכנזעער און צו אייערע מכשפים, וואָס זאָגן אייך אַזוי צו זאָגן: איר וועט ניט דינען דעם מלך פון בבל. ליגן זאָגן זיי אייך נביאות, כדי אייך צו דערווייטערן פון אייער ערד, און כדי איך זאָל אייך פאַרשטויסן און איר זאָלט אונטערגיין(143).

— און צו די כוהנים און צו דעם דאָזיקן גאַנצן פאָלק האָב איך גערעדט אזוי צו זאָגן: אזוי האָט גאָט געזאָגט:

— איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו די רייד פון אייערע נביאים, וואָס זאָגן אייך נביאות אזוי צו זאָגן: אָט וועלן די כלים פון גאָטס הויז אין גיכן אומגעקערט ווערן פון בבל. ליגן זאָגן זיי אייך נביאות. איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו זיי. דינט דעם מלך פון בבל, און בלייבט לעבן. נאָך וואָס זאָל די דאָזיקע שטאָט ווערן אַ וויסטעניש? און אויב זיי זיינען נביאים, און אויב דאָס וואָרט פון גאָט איז ביי זיי, זאָלן זיי בעטן ביי גאָט פון די חיילות, אַז די כלים וואָס זיינען געבליבן אין גאָטס הויז און אין דעם הויז פון דעם מלך פון יהודה, און אין ירושלים, זאָלן ניט אָנקומען קיין בבל. ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון די חיילות, גאָט פון ישראל, אויף די כלים, וואָס זיינען געבליבן אין הויז פון גאָט און אין הויז פון מלך פון יהודה, און אין ירושלים:

— קיין בבל וועלן זיי געבראַכט ווערן, און דאָרטן וועלן זיי בלייבן ביז דעם טאָג וואָס איך וועל זיך דערמאָנען אָן זיי, און איך וועל זיי אַרויפ־ברייינגען און זיי אומקערן צו דעם דאָזיקן אָרט (144).

ירמיהו און דער נביא חנניה

איינער פון די נביאים האָט זיך געשטעלט קעגן ירמיהון און צעבראָכן

דעם אָקסן־יאָך, וואָס איז געווען אויף ירמיהוס האַלדז. דער נאָמען פון יענעם נביא איז געווען חנניה. קאָנטיק, אַז ער איז געווען אַ באַוואוסטער נביא און געשטאַמט פון גבעון, אַ שטאָט פון כוהנים, און איז מסתמא אויך געווען אַ נביא־כוהן, ווי ירמיהו (145). דערציילט ירמיהו:

— און עס איז געווען אין יענעם יאָר, אין אָנהויב פון דער מלוכה פון צדקיהו דעם מלך פון יהודה, אין פערטן יאָר, אין פינפטן חודש, האָט געזאָגט צו מיר חנניה, דער זון פון עזור דער נביא פון גבעון, אין הויז פון גאָט פאַר די אויגן פון די כוהנים און פון גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן:

— אַזוי האָט גערעדט יהוה דער גאָט פון די חיילות, דער גאָט פון ישראל:

— איך האָב צעבראָכן דעם יאָך פון מלך פון בבל. אין צוויי יאָר אַרום וועל איך אומקערן צו דעם דאָזיקן אָרט אַלע כלים פון גאָטס הויז, וואָס נבוכדנצר, דער מלך פון בבל, האָט אַוועקגענומען פון דעם דאָזיקן אָרט, און זיי געבראַכט קיין בבל. און אַלע פאַרטריבענע פון יהודה, וואָס זיינען אָנגעקומען קיין בבל, וועל איך אומקערן צו דעם דאָזיקן אָרט, זאָגט יהוה. וואָרום איך וועל צעברעכן דעם יאָך פון דעם מלך פון בבל.

אויף דעם האָט ירמיהו הנביא געזאָגט:

— אָמן. הלוואַי זאָל גאָט טאָן אַזוי. זאָל ער מקיים זיין דיינע ווערטער, וואָס דו האָסט נביאות געזאָגט, אומצוקערן די כלים פון גאָטס הויז, און אַלע פאַרטריבענע פון בבל צו דעם אָרט. אָבער הער אָקאָרשט די רייד, וואָס איך רייד אין דיינע אויערן און אין די אויערן פון גאַנצן פאָלק. די נביאים וואָס זיינען געווען פאַר מיר און פאַר דיר פון אייביק אָן, וואָס האָבן נביאות געזאָגט אויף לענדער און מדינות, האָבן פאָראויסגעזאָגט מלחמה, הונגער און פעסט. אָבער דער נביא וואָס זאָגט נביאות אויף שלום און גליק, ווערט ערשט באַגלויבט, אַז יהוה האָט אים מיט אַן אמת געשיקט, ווען זיין נבואה ווערט מקוים (146).

חנניה האָט זיך אַ קער געטאָן, אַראָפּגענומען דעם יאָך־שטאַנג פון ירמיהוס האַלדז און אים צעבראָכן און אויסגערופן:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה: אָט אַזוי וועל איך אין צוויי יאָר אַרום צעברעכן דעם יאָך פון נבוכדנצר, דעם מלך פון בבל, פון דעם האַלדז פון אַלע פעלקער.

קאָנטיק, אַז ירמיהו האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין אייגענער נבואה: ווער ווייס, אפשר האָט זיך טאַקע גאָט באַוויזן צו חנניהן און צו אים אַנטפּלעקט דעם אמת? עס שטייט פאַרשריבן:

— און ירמיהו הנביא איז אַוועק אויף זיין וועג.

ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דער עזרה פון בית־המקדש און ניט געענט־פערט חנניהן אויפן אָרט. אָבער לאַנג האָט זיין צווייפלען ניט געדויערט. גאָט האָט זיך באַוויזן צו ירמיהון, און דער נביא האָלט אַ נבואה:

— גיי און זאָג צו חנניהן אַזוי צו זאָגן: הילצערנע שטאַנגען האָסטו צעבראָכן, און איך האָב געמאַכט אָנשטאָט זיי אייזערנע שטאַנגען, ווייל אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון די חיילות: אַן אייזערנעם יאָך האָב איך געגעבן אויף די העלדזער פון די דאָזיקע פעלקער צו דינען נבוכדנצר דעם מלך פון בבל, און זיי וועלן אים דינען: און אַפילו די חיה פון פעלד האָב איך אים געגעבן צו דינען.

און צו חנניה האָט ירמיהו געזאָגט: הער אויס, חנניה, גאָט האָט דיך ניט געשיקט, און דו האָסט פאַרזיכערט דאָס דאָזיקע פאָלק מיט ליגן, דערפאַר האָט יהוה געזאָגט: איך וועל דיך אַוועקשיקן פון דעם געזיכט פון דער ערד, היי יאָר וועסטו שטאַרבן.

ברוך, ירמיהוס תלמיד, דערציילט:

— און ער איז געשטאָרבן, חנניה דער נביא, אין יענעם יאָר, אין זיבעטן חודש(147).

אַ בריוו צו די פאַרטריבענע

די צוגרייטונג פון דער מרידה קעגן בבל איז ווייטער געפירט געוואָרן, און ווען די יידן אין בבל האָבן געהערט, אַז אין יהודה גרייט מען זיך צו אַ מרידה, האָבן אַ סך אויך אין בבל אָנגעהויבן באַהאַלטענערהייט זיך צו גרייטן צו דעם אויפשטאַנד. עס האָבן זיך אַפילו באַוויזן נביאים, צווישן זיי אַחאָב, דער זון פון קוליה, און צדקיהו, דער זון פון מעשיה, און שמעיה פון נחלם, וואָס האָבן געמוטיקט די יידן צום אויפשטאַנד. אָבער פון דער פאַר־שווערונג אין יהודה האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזן, און די אַלע קליינע פעלקער האָבן זיך געאיילט צו שיקן שלוחים אויסצודריקן זייער טרייהייט צו בבל. אויך צדקיהו האָט געשיקט שלוחים קיין בבל. מיט די שלוחים האָט ירמיהו געשיקט אַ בריוו צו די פאַרטריבענע (148). אין בריוו איז געווען געשריבן:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל צו די אַלע פאַר־טריבענע, וואָס איך האָב פאַרטריבן פון ירושלים קיין בבל: בויט הייזער און וואוינט אין זיי. פלאַנצט גערטנער און עסט זייערע פרוכט. נעמט ווייבער און האָט קינדער. נעמט ווייבער פאַר אייערע זין און גיט אויס אייערע

טעכטער צו מענער, און מערט אייך דאָרטן און מינערט אייך ניט. און זוכט דעם פרידן פון לאַנד, וואוהין איך האָב אייך פאַרטריבן. טוט תפילה פאַרן לאַנד, וואָרום אויב פרידן וועט זיין צום לאַנד, וועט פרידן זיין צו אייך.

— און אויב איר וועט זאָגן, גאָט האָט אונדז אויפגעשטעלט נביאים אין בבל. אַזוי זאָגט יהוה דער גאָט פון די חיילות, דער גאָט פון ישראל, זאָלן אייך ניט נאַרן אייערע נביאים, וואָס צווישן אייך, און אייערע וואָרזאָגערס. וואָרום מיט ליגן זאָגן זיי אייך נביאות אין מיין נאָמען. איך האָב זיי ניט געשיקט, זאָגט יהוה.

— און נאָר איך ווייס די טראַכטונגען, וואָס איך טראַכט וועגן אייך, זאָגט גאָט. איך טראַכט פון אייך נאָר צום גוטן און ניט צום בייזן, צו געבן אייך אַ גוטע צוקונפט. און אַז איר וועט מיך רופן און איר וועט גיין אין מיינע וועגן, און איר וועט תפילה טאָן צו מיר, וועל איך זיך צוהערן צו אייך. אַז איר וועט מיך זוכן און פאָרשן מיט אייער גאַנצן האַרצן, וועל איך אייך געפינען אַפילו אין דער פרעמד. איך וועל זיך לאָזן געפינען פון אייך, זאָגט גאָט, און איך וועל אומקערן אייער געפאַנגענשאַפט, און איך וועל אייך איינזאַמלען פון אַלע פעלקער און פון אַלע ערטער, וואָס איך האָב אייך אַהין פאַרשטויסן. און איך וועל אייך אומקערן צו דעם אָרט, וואָס איך האָב אייך פון דאָרט פאַרטריבן.

— און אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף דעם מלך, וואָס זיצט אויפן טראָן פון דוד, און אויף דעם גאַנצן פאָלק וואָס זיצט אין דער דאָזיקער שטאָט, אויף אייערע ברידער, וואָס זיינען ניט אַוועק מיט אייך אין גלות, אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון די חיילות:

— זעט, איך שיק אָן אויף זיי די שווערד, דעם הונגער און די פעסט און איך וועל זיי מאַכן אַזוי ווי די שלעכטע פייגן, וואָס קאָנען ניט געגעסן ווערן פאַר שלעכטסקייט. און איך וועל זיי פאַריאָגן מיט דער שווערד, איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ שוידער ביי אַלע קעניגרייכן פון דער ערד, ווייל זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו מיינע רייד, וואָס איך האָב געשיקט צו זיי דורך מיינע קנעכט די נביאים, נאָכאַנאַנד געשיקט און זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט.

— און אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון חיילות אויף אַחאָב דעם זון פון קוליה, און אויף צדקיהו דעם זון פון מעשיה, וואָס זאָגן אייך ליגנערישע נביאות אין מיין נאָמען:

— אָט זעט, איך גיב זיי איבער אין דער האַנט פון נבוכדנצר דעם מלך פון בבל, און ער וועט זיי טויטן פאַר אייערע אויגן. און זיי וועלן ווערן אַ קללה ביי אַלע פאַרטריבענע. מען וועט אַזוי זאָגן: זאָל דיך יהוה מאַכן אַזוי

ווי צדקיהו און אחאב, וואס דער מלך פון בבל האט זיי פארברענט אין פייער.

ירמיהוס בריוו איז ניט געפעלן געווארן די פארטריבענע אין בבל. זיי אליין האבן ניט געהאלטן, אז זיי זיינען ווי די גוטע פייגן, און אז די וואס זיינען געבליבן אין יהודה זיינען ווי די שלעכטע פייגן. פארקערט, די מייסטע פירער אין בבל האבן געגלויבט, אז גלות מיינט זיין אפגעשניטן פון יהוה.

ווי יחזקאל דערציילט, האבן די יידן געזאגט אויף זיך אין בבל (149):

— אונדזערע ביינער זיינען פארטריקנט, פארלארן איז אונדזער האפע־נונג, און מיר זיינען פארשניטן.

און דער נביא שמעיה פון נחלם האט מיט די שלוחים געשיקט א בריוו צוריק קיין ירושלים, צו צפניה, דעם זון פון מעשיה, וואס איז געווען אויפ־זעער איבערן בית־המקדש. אין בריוו איז געשטאנען (150).

— גאט האט דיך געמאכט פאר א כוהן אויפן ארט פון יהוידע דעם כוהן, כדי דו זאלסט זיין דער אויפזעער אין הויז פון גאט און אכטונג געבן אויף איטלעכן משוגענעם און נביאות־זאגער און אים אריינטאן אין דעם צוואנג־קלאץ און האלדז־רינג. און אצונד, פארוואס האסטו ניט אנגעשריגן אויף ירמיהו פון ענתות, וואס זאגט פאר אייך נביאות. און אויב דאס איז נאך ניט גענוג, האט ער נאך געשיקט צו אונדז אין בבל א בריוו, אזוי צו זאגן: — בויט הייזער און וואוינט אין זיי, פלאנצט גערטנער און עסט זייער פרוכט.

און צפניה דער כוהן האט געלייענט דעם דאזיקן בריוו אין די אויערן פון ירמיהון.

און פאר אן ענטפער איז דאס ווארט פון גאט געווען צו ירמיהון אזוי צו זאגן: אזוי האט געזאגט יהוה אויף שמעיהן פון נחלם:

— ווייל שמעיה האט אייך נביאות געזאגט, ווען איך האב אים ניט געשיקט, און ער האט אייך פארזיכערט אויף ליגן, דערפאר האט געזאגט יהוה, איך וועל זיך אפרעכענען מיט שמעיהן פון נחלם און מיט זיינע קינדער. עס וועט ניט בלייבן פון אים קיין מאן צו זיצן צווישן דעם דאזיקן פאלק, און ער וועט ניט זען דאס גוטס, וואס איך וועל טאן מיט מיין פאלק, ווייל ער האט גערעדט ווידערשפעניקע רייד קעגן גאט.

קאנטיק, אז די אנהענגער פון א בונד מיט בבל האבן געהאט א שטארקן איינפלוס אין דער מלוכה, און ירמיהו האט געקאנט ריידן פריי און מען האט אים ניט אנגערירט.

ווידער וועגן די פֿאַלשע נביאים

צדקיהו האָט געמאַכט שלום מיט נבוכדנצרן נאָר לפּנים וועגן. אין ירושלים איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע באַוועגונג פֿאַר אַ בונט קעגן בבל. ווי עס ווייזט אויס, האָבן אין דער באַוועגונג געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָליע אַ טייל פֿון די נביאים. אָט די פֿאָלקס־נביאים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביים אַלטן גלויבן, אַז גאָט וועט קיינמאָל ניט צעשטערן ירושלים און ניט פֿאַרטרייבן די יידן אין גלות. גלות מיינט דער סוף פֿון דער אומה, און דאָס מיינט אויך, אַז גאָט וואָס איז פֿאַרבונדן מיט ישראל, וועט פֿאַרגעסן ווערן. און דער גאָט פֿון ישראל וועט עס ניט דערלאָזן. ירמיהו באַקעמפֿט זייער שטאַרק אָט די נביאים.

— צו די נביאים(151):

— צעבראָכן איז מיין האַרץ אין מיר (פֿון שרעק). אַלע מיינע ביינער ציטערן. איך בין געוואָרן ווי אַ מענטש אַ שיכורער און ווי אַ מאַן, וואָס ווייַן האָט אים צעמישט, ווייל גאָט האָט צו מיר גערעדט זיינע הייליקע ווערטער.

און וואָס זיינען די הייליקע ווערטער?

— פֿול מיט פֿעלשער איז דאָס לאַנד, און זיי לויפֿן צו טאָן נאָר שלעכטס, און צוליב זיי איז דאָס לאַנד חרוב געוואָרן, און פּיטער־פֿלעצער זיינען פֿאַרטריקנט געוואָרן, און דער נביא און דער כוהן זיינען זינדיק, אַפֿילו אין מיין טעמפּל האָב איך געפֿונען בייז, זאָגט יהוה.

— ביי די נביאים פֿון שומרון האָב איך געזען ווילדע זאַכן. זיי האָבן נביאות געזאָגט פֿאַר דעם בעל און האָבן פֿאַרפֿירט דאָס פֿאָלק. אָבער ביי די נביאים פֿון ירושלים האָב איך נאָך ערגערס געזען: זיי האָבן געזינדיקט, זיינען אומגעגאַנגען מיט ליגן, און האָבן געשטאַרקט די הענט פֿון די וואָס טוען שלעכטס. זיי זיינען מיר אַלע ווי סדום געוואָרן, און די איינוואוינער (פֿון ירושלים) — אַזוי ווי די איינוואוינער פֿון עמורה. און אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פֿון די חיילות וועגן אָט די נביאים:

— איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו די ווערטער פֿון די נביאים, וואָס זאָגן אייך נביאות: זיי פֿאַרפֿירן אייך. די זעאונג פֿון זייער האַרצן ריידן זיי און ניט פֿון גאָטס מויל. די נביאים זאָגן צו די, וואָס דערצאָרענען מיך: איר וועט האָבן שלום. און צו די, וואָס גייען אין דער איינגעשפּאַרטקייט פֿון זייער האַרצן, זאָגן זיי: אויף אייך וועט ניט קומען קיין בייז.

— אָט די נביאים זיינען ניט געשטאַנען אין ראַט פֿון יהוה, און האָבן ניט געהערט און ניט פֿאַרנומען גאָטס וואָרט.

— איך האָב זיי ניט געשיקט, און זיי זיינען געלאָפן. איך האָב ניט גערעדט צו זיי, און זיי האָבן נביאות געזאָגט. אויב זיי וואָלטן געשטאַנען לעבן מיר, וואָלטן זיי געלאָזט הערן מיינע ווערטער צו מיין פאָלק און וואָלטן זיי אומגעקערט פון זייער שלעכטן וועג און פון זייערע שלעכטע מעשים.

און ירמיהו לאַכט אָפּ פון אָט די נביאים, וואָס קומען מיט זייערע חלומות צום פאָלק. יהוה פרעגט זיי:

— בין איך דען אַ גאָט פון נאָענט, זאָגט יהוה, און ניט אַ גאָט פון ווייט? צי קאָן זיך אַ מענטש פאַרבאָרגן אין באַהעלטעניש און איך זאָל אים ניט זען? איך בין דאָך פול די הימלען און די ערד, זאָגט יהוה; איך האָב געהערט ווי די נביאים זאָגן ליגן אין מיין נאָמען אַזוי צו זאָגן: מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום, אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט. ביז וואַנען נאָך מיינען זיי צו מאַכן מיין פאָלק פאַרגעסן מיין נאָמען מיט זייערע חלומות. וואָס זיי דערציילן איינער דעם אַנדערן? דער נביא וואָס האָט געהאַט אַ חלום, זאָל דערציילן אַ חלום, דער אָבער וואָס האָט מיין וואָרט, זאָל ריידן מיין וואָרט. וואָס האָט שטרוי צו טאָן מיט קאָרן, זאָגט יהוה? מיין וואָרט איז ווי פייער, און ווי אַ האַמער וואָס צעקלאַפּט אַ שטיין.

אָבער דאָס פאָלק האָט זיך ניט צוגעהערט צו ירמיהון. דאָס פאָלק האָט דווקא געגלויבט אין די רייד פון די נביאים, וואָס האָבן נביאות געזאָגט וועגן פרייהייט, וועגן זעלבסטשטענדיקייט און צוגעזאָגט, אַז גאָט וועט ניט חרוב מאַכן זיין אויסדערוויילט אָרט — ירושלים, אַז גאָט וועט ניט פאַרלאָזן זיין פאָלק ישראל און וועט זיי העלפן אין זייער נויט.

מלחמה מיט בבל

און עס איז געווען אין דעם ניינטן יאָר פון זיין קעניגן, האָט דער שוואַכּ-לינג צדקיהו זיך אונטערגעגעבן צו די שררות, וואָס האָבן געשטרעבט צו מלחמה און ער האָט ווידערגעשפעניקט קעגן בבל. נבוכדנצר האָט אַריינ-געדרונגען אין יהודה, איינגענומען אַלע שטעט פון צפון און באַלאַגערט ירושלים. די איינוואוינער פון ירושלים האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן מיט גרויס עקשנות פאַרטיידיקט די שטאָט, אָפּצוהאַלטן דאָס חייל פון נבוכדנצר, ביז הילף וועט אָנקומען פון מצרים.

דער קעניג האָט זיך אָבער דערשראָקן. ער איז שוין גאָרניט געווען אַזוי זיכער מיט אַ זיג. ער האָט געשיקט צוויי האַרן צו ירמיהון, און זיי האָבן צו אים געזאָגט אין נאָמען פון דעם קעניג צדקיהו:

— נבוכדנצר, דער מלך פון בבל, האַלט מלחמה מיט אונדז, פרעג אָן, איך בעט דיך, פאַר אונדז ביי יהוה, אפשר וועט ער מיט אונדז טאָן אַזוי ווי אַלע זיינע וואונדער, און נבוכדנצר וועט אָוועק פון אונדז (152).

און אַט אין דער צייט, ווען דאָס פאָלק און דער קעניג האָבן זיך געמאַטערט מיט אַלע זייערע כוחות צו באַשיצן די שטאָט און צוריקקריגן זייער זעלבסשטענדיקייט, האָט דער נביא, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט זיין פאָלק, פאַרשטיינערט זיין האַרץ און געענטפערט די שלוחים פון דעם קעניג מיט אַ שרעקלעכער נבואה:

— זעט, איך דריי אום אַקעגן אייך אַליין די כלים פון מלחמה, וואָס זיינען אין אייערע הענט, און מיט וועלכע איר האַלט מלחמה אַקעגן די כשדים, וואָס באַלאַגערן אייך. איך, יהוה אַליין, וועל מלחמה האַלטן מיט אייך. מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, מיט אַ שטאַרקן אָרעם, מיט כעס, מיט צאָרן, וועל איך שלאָגן די איינוואוינער פון דער שטאָט, סיי מענטש, סיי בהמה. און דיך צדקיהו, דעם מלך פון יהודה, און דיינע קנעכט, און דאָס פאָלק, און די וואָס זיינען אין דער דאָזיקער שטאָט איבערגעבליבן פון פעסט, פון דעם הונגער און פון דער שווערד — וועל איך איבערגעבן אין דער האַנט פון נבוכדנצר, דער מלך פון בבל. און ער וועט אייך דערשלאָגן מיט דער שאַרף פון דער שווערד. ער וועט ניט שוינען, ער וועט ניט דערבאַרעמען און ער וועט ניט רחמנות האָבן.

דער נביא האָט זיך ניט באַנוגנט מיט פאָראויסזאָגן אומגליק פאַר דעם קעניג. ער האָט זיך געווענדעט צום פאָלק, און געהייסן ניט פאָלגן די האַרן און דעם קעניג, און זיך אונטערגעבן צו די באַלאַגערער.

— און צו דעם דאָזיקן פאָלק זאָלסטו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, איך גיב אייך דעם וועג פון לעבן און דעם וועג פון טויט. דער וואָס בלייבט זיצן אין דער דאָזיקער שטאָט, וועט שטאַרבן פון שווערד און פון הונגער, און פון פעסט. אָבער דער וואָס גייט אַרויס פון שטאָט און גיט זיך איבער צו די כשדים, וואָס באַלאַגערן אייך, וועט בלייבן לעבן, און ער וועט ראַטעווען זיין נפש. וואָרום איך האָב אַ קער געטאָן מיין פנים צו דער דאָזיקער שטאָט צום בייזן, און ניט צום גוטן. און איך וועל זי איבערגעבן אין די הענט פון דעם מלך פון בבל, און ער וועט זי פאַרברענען אין פייער.

ירמיהו ווערט אַריינגעוואָרפן אין תפיסה־גרוב

ווען די האַרן פון מלך האָבן דערהערט די רייד, וואָס ירמיהו האָט גערעדט צום פאָלק, האָבן זיי געזאָגט צום מלך: אַט דער מאַן דאַרף געטויט ווערן,

וואָרום ער שוואַכט אָפּ די הענט פון די מלחמה־לייט, וואָס זיינען איבער־געבליבן אין דער דאָזיקער שטאָט. ער זוכט ניט קיין פרידן און גליק פאַר דעם פאָלק, נאָר בלויז שלעכטס זוכט ער(153).

און דער קעניג, דער שוואַכלינג, וואָס האָט געזוכט גאָטס וואָרט, און געבעטן אַ נבואה ביי דעם נביא, האָט געענטפערט:

— אָט איז ער אין אייערע הענט, וואָרום איך קאָן מיט אייך גאָרנישט ניט אויספירן.

— האָבן די האַרן גענומען ירמיהון און אים אַריינגעוואָרפן אין גרוב, וואָס איז אין הויף פון דער וואַך. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן ירמיהון מיט שטריק. אין גרוב איז קיין וואַסער ניט געווען, נאָר בלויז ליים, און ירמיהו איז אַריינגעזונקען אין דעם ליים.

— און עבד־מלך, דער עטיאָפּיער, אַ הויפדינער, וואָס איז געווען אין הויז פון מלך, האָט עס דערהערט, איז ער אָוועקגעגאַנגען און גערעדט צום מלך אַזוי צו זאָגן:

— מיין האַר, די דאָזיקע לייט זיינען זיך שלעכט באַגאַנגען מיט דעם נביא ירמיהו, וואָס זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין גרוב.

האָט דער מלך באַפוילן עבד־מלך, דעם עטיאָפּיער, אַזוי צו זאָגן: נעם מיט דיר דרייסיק מאַן און ברענג אַרויף ירמיהון פון גרוב, איידער ער שטאַרבט.

האָט עבד־מלך גענומען די מענטשן מיט זיך און איז געקומען אין הויז פון מלך און האָט פון דאָרטן ארויסגענומען אַלטע שמאַטעס און האָט זיי מיט אַ שטריק אַראָפּגעלאָזן צו ירמיהון אין גרוב. און עבד־מלך האָט געזאָגט צו ירמיהון:

— לייג אונטער, איך בעט דיך, די אַלטע קאָלדרעס און די שמאַטעס אונטער דיינע אָרעמס, אונטער די שטריק, און ירמיהו האָט אַזוי געטאָן. און זיי האָבן ארויסגעצויגן ירמיהון מיט די שטריק און זיי האָבן אים אַרויס־גענומען פון גרוב.

און ירמיהו איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין הויף מיט דער וואַך.

גאָטס בונד מיט יידן איז אייביק

ירושלים איז געווען באַלאַגערט. ירמיהו איז געווען זיכער, אַז די שטאָט וועט פאַרברענט ווערן און דאָס פאָלק וועט פאַרטריבן ווערן. אָבער דער נביא האָט אין דעם חורבן ניט געזען דעם סוף פון פאָלק. אין אָט דער

פינצטערער צייט האָט ער אָנגעהויבן האַלטן נבואות פון טרייסט און האָפענונג. גאָט שטראָפט די יידן אָבער ער וועט זיי אין גלות ניט פאַרלאָזן. גלות וועט נאָר אויסלייטערן דאָס פאָלק אַז עס זאָל זיך אומקערן צו יהוה מיטן גאַנצן האַרצן. און אַז די יידן וועלן זיך אומקערן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, וועלן יעמאָלט אָנקומען גוטע און גליקלעכע צייטן פאַרן פאָלק ישראל.

— זע, טעג וועלן קומען, זאָגט גאָט, און איך וועל פאַרזייען דאָס הויז פון ישראל און דאָס הויז פון יהודה מיט זאָמען פון מענטשן, און מיט זאָמען פון בהמות. און עס וועט זיין ווי איך האָב זיך געפלייסט אויף זיי אויסצורייסן און איינצוּוואַרפן, צו צעשטערן און אומצוברענגען און צו בייז טאָן, אַזוי וועל איך זיך פלייסן זיי אויפצובויען און צו פלאַנצן(154).

אָבער די יידן האָבן ניט געקאָנט אויפנעמען די נביאות פון טרייסט. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי זיינען פאַרלאָרענע. גאָט וועט שטענדיק זיי דערמאָנען די זינד פון זייערע עלטערן. און קינדער טראָגן אַלע מאָל אַחריות פאַר די זינד פון זייערע עלטערן. אויב גאָט וועט צעשטערן ירושלים, איז אַ סימן, אַז עס איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַרן פאָלק. גאָט צאַרנט אויף זיי, און ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זייערע זינד און די זינד פון זייערע עלטערן, ווי ירמיהו אַליין האָט געזאָגט:

— איך וועל מאַכן דאָס פאָלק צו שוידער צווישן אַלע קעניגרייכן פון דעם לאַנד, צוליב מנשהן, דעם זון פון חזקיהו, פאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן און ירמיהו ענטפערט זיי:

— אין יענע טעג וועט מען מער ניט זאָגן: די פאָטערס האָבן געגעסן זויערע ווייַנטרויבן און די ציין פון די קינדער זיינען אייליק. נאָר איטלעכער וועט שטאַרבן פאַר זיינע אייגענע זינד. דער מענטש וואָס וועט עסן די זויערע ווייַנטרויבן, זיינע ציין וועלן זיין אייליק(156).

— און טעג וועלן קומען, זאָגט גאָט, וועל איך שליסן אַ נייעם בונד מיט דעם הויז פון ישראל און מיט דעם הויז פון יהודה. ניט ווי דער בונד ווי איך האָב געהאַלטן מיט זייערע עלטערן, ווען איך האָב זיי אַרויסגענומען פון מצרים. זיי האָבן אים געבראָכן, הגם איך בין געווען זייער האַר. דאָס וועט זיין דער בונד, וואָס איך וועל שליסן מיט דעם הויז פון ישראל אין יענע טעג. איך וועל אריינשרייבן מיין תורה אין זיי, און אויף זייער האַרצן וועל איך די תורה אויפשרייבן. איך וועל זיין זייער גאָט, און זיי וועלן זיין מיין פאָלק, און זיי וועלן מער ניט דאַרפן לערנען איטלעכער זיין חבר, און איטלעכער זיין ברודער: דערקען גאָט. וואָרום זיי אַלע וועלן מיך קענען — פון דעם

קלענסטן ביז דעם גרעסטן. איך וועל פאַרגעבן זייערע זינד, און זייערע חטאים וועל איך מער ניט דערמאָנען (157).

גאָט קאָן ניט פאַרלאָזן זיין פאָלק, ווייל דער בונד פון גאָט מיט ישראל איז אַזוי אייביק, ווי די זון, די לבנה, די שטערן, און דער ים:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער וואָס גיט די זון פאַר אַ ליכט בייטאָג און די לבנה און די שטערן פאַר אַ ליכט ביינאַכט; דער וואָס רודערט־אויף דעם ים, אַז זיינע כוואַליעס זאָלן רוישן: אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן אָפּגעטאָן ווערן פון מיר, זאָגט יהוה, יעמאָלט וועט אויך ישראל אויפהערן צו זיין אַ פאָלק פאַר מיר אויף אייביק.

— און אַזוי האָט געזאָגט גאָט:

— אויב די הימלען פון אויבן וועלן אויסגעמאָסטן ווערן, און די גרונטן פון דער ערד אונטן וועלן אויסגעפאָרשט ווערן — וועל איך אויך פאַרמיאוסן די קינדער פון ישראל פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן (158).

ירמיהו קויפט אַ פעלד זיצנדיק אין תפיסה

ירמיהו איז געווען זיכער, אַז יידן וועלן ניט אומקומען אין גלות, און אַז דאָס פאָלק וועט זיך נאָך צוריק אומקערן צו זיין לאַנד. אינמיטן דער באַלאַגערונג, ווען ער איז געזעסן אין תפיסה, האָט ירמיהו אָפּגעקויפט אַ פעלד פון דער נחלה פון זיינע עלטערן. ער האָט די קניה דורכגעפירט עפנטלעך אין דעם הויף פון דער תפיסה. דער נביא האָט דערביי געגעבן אַ טיפן מיין צו זיין קניה. און ירמיהו דערציילט וועגן דער געשעעניש:

— דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— זע, חנמאל דער זון פון שלום, דיין פעטער, וועט קומען צו דיר אַזוי צו זאָגן: קויף אָפּ פון מיר מיין פעלד, וואָס איז אין ענתות. און חנמאל מיין פעטערס זון איז געקומען צו מיר אין הויף פון דער וואַך, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון יהוה, וואָס איז געווען צו מיר (159).

— און איך האָב תפילה געטאָן צו גאָט און איך האָב געזאָגט: יהוה, די ערד־וואַלן זיינען שוין צוגעקומען ביז דער שטאָט. די כשדים האַלטן מלחמה אויף דיר און די שטאָט וועט דאָך באַלד איבערגעגעבן ווערן אין זייערע הענט. פונדעסטוועגן זאָגסטו צו מיר, יהוה, קויף דיר דאָס לאַנד פאַר געלט און שטעל עדות (160).

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר:

— זע, איך בין יהוה, איך גיב טאַקע איבער די דאָזיקע שטאָט אין

דער האַנט פון די כשדים און אין דער האַנט פון נבוכדנצר דעם מלך פון בבל, און ער וועט זי באַצווינגען, און די כשדים, וואָס האַלטן מלחמה אויף איר, וועלן אָנצינדן די שטאָט מיט פייער און וועלן זי פאַרברענען. אָבער אַזוי ווי איך האָב געבראַכט אויף דעם דאָזיקן פאָלק דאָס דאָזיקע גרויסע בייז, אַזוי וועל איך ברענגען אויף זיי דאָס גאַנצע גוטס וואָס איך זאָג אָן אויף זיי. איך וועל איבערגעבן די דאָזיקע שטאָט אין דער האַנט פון דעם מלך פון בבל, אָבער איך וועל זיי איינזאַמלען פון אַלע לענדער וואוהין איך וועל זיי פאַרשטויסן אין מיין כעס. איך וועל זיי אומקערן צוריק צו דעם דאָזיקן אָרט. זיי וועלן דאָן וואוינען אין זיכערקייט. זיי וועלן מיר זיין אַ פאָלק, און איך וועל זיין זייער גאָט. איך וועל שליסן מיט זיי אַן אייביקן בונד, און איך וועל זיך מער ניט אָפּקערן פון זיי. און פעלדער וועלן נאָך געקויפט ווערן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס איר זאָגט עס איז אַ וויסטעניש אָן מענטש און אָן בהמה.

— מען וועט נאָך קויפן פעלדער פאַר געלט, און פאַרשרייבן אין ביכער און פאַרחתמענען, און שטעלן עדות, וואָרום איך וועל אומקערן זייער געפאַנגענשאַפט.

און ירמיהו דערציילט ווייטער:

— און איך האָב אָפּגעקויפט דאָס פעלד פון חנמאל, מיין פעטערס זון, און איך האָב אים אָפּגעוואויגן דאָס געלט, זיבן שקלים און צען זילבערשטיק. און איך האָב עס אויפגעשריבן און געחתמעט און געשטעלט עדות און איך האָב געגעבן מיין שטר מכירה צו ברוכן, דעם זון פון נריהו, פאַר די אויגן פון די עדות וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן, פאַר די אויגן פון אַלע יידן וואָס זיינען געזעסן אין הויף פון דער וואַך. און איך האָב באַפוילן ברוכן אַזוי צו זאָגן: נעם די דאָזיקע שריפטן און טו זיי אַריין אין אַ ליימענער כלי, כדי זיי זאָלן זיך האַלטן אַ לאַנגע צייט. וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: עס וועלן נאָך געקויפט ווערן הייזער און פעלדער און וויינגערטנער אין דעם דאָזיקן לאַנד(161).

נבואות פון טרייסט און האָפענונג

וואָס ערגער ס׳איז געוואָרן די לאַגע אין ירושלים, אַלץ מיט מער האָפענונג און מיט מער טרייסט זיינען פול געווען די נבואות פון נביא. דער שונא שטייט ביי די טויערן פון שטאָט. אינעווייניק אין שטאָט זיינען הונגער און פעסט, און ירמיהו טרייסט דאָס פאָלק און זאָגט־צו

בעסערע צייטן. און ירמימו שרייבט אויף די טרייסט־ווערטער אין אַ ספר. ווייל אַזוי ווי די יידן האָבן אַמאָל, אין די רואיקע צייטן, ניט געוואָלט הערן קיין שטראָף רייד און פאַראויסזאָגונגען פון אומגליק, אַזוי איצט, אין זייער צער און נויט, ווילן זיי זיך ניט צוהערן צו קיין טרייסט־רייד, אָבער ביידערליי נבואות וועלן מקוים ווערן.

— דאָס וואָרט פון יהוה איז געווען צו ירמיהו אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: שרייב דיר אויף אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט צו דיר, אויף אַ בוך. וואָרום זע, טעג וועלן קומען און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל און יהודה. און איך וועל זיי אומקערן צום לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן זייערע עלטערן(162).

— יאָ, גרויס איז יענער טאָג, אַ טאָג וואָס האָט ניט קיין גלייכן, און אַ צייט פון נויט פאַר יעקבן. אָבער פון אים וועט ער געהאָלפן ווערן. און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, זאָגט יהוה, דער גאָט פון די חיילות, וועל איך צעברעכן דעם יאָך פון זיין האַלדז, און זיינע בינדשטריק וועל איך צעררייסן. פרעמדע וועלן מער ניט אַרבעטן מיט אים. און דו זאָלסט ניט מורא האָבן מיין קנעכט יעקב, און דו זאָלסט זיך ניט שרעקן, וואָרום איך וועל דיר העלפן און דיך און דיינע קינדער וועל איך צוריקקערן פון וויטן לאַנד, פון אייער געפאַנגענ־שאַפט. און יעקב וועט ווידער זיצן רואיק און זיכער, און קיינער וועט ניט שרעקן. איך בין מיט דיר, זאָגט יהוה, איך וועל פאַרלענדן אַלע פעלקער צווישן וועלכע איך האָב דיך פאַרשפרייט, אָבער דיך וועל איך ניט פאַרלענדן. איך וועל דיך שטראָפן לויט גערעכטיקייט, אָבער פאַרטיליקן וועל איך דיך ניט פאַרטיליקן(163).

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

— יאָ, איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון די געצעלטן פון יעקב, און זיינע וואוינונגען וועל איך דערבאַרעמען. די שטאָט וועט אויפגעבויט ווערן אויף אירע חורבות, און דער פאַלאַץ וועט שטיין אויף זיין פריערדיגן פלאַץ. און פון זיי וועט זיך הערן אַ שטים פון דאַנק און אַ קול פון לוסטיקע. און איך וועל זיי פאַרמערן און זיי וועלן ניט ווייניקער ווערן, איך וועל זיי פאַרגרעסערן און זיי וועלן ניט קלענער ווערן. און זיינע קינדער וועלן זיין ווי פריער, און זיין עדה וועט שטיין פעסט פאַר מיר, און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט זיינע באַדריקער(164).

און נאָך אַ סך טרייסט נבואות האָט ער פאַר זיי געהאַלטן, ווי זיי שטייען פאַרשריבן אין ספר ירמיהו.

די יידישע קנעכט ווערן באַפרייט און צוריק פאַרשקלאַפט

אין ירושלים האָבן אַ סך פון די אײַנוואוינער געהאַלטן מיט ירמיהון. זיי זײַנען געווען פאַר אַ בונד מיט בבל. ווען די לאַגע איז געוואָרן זייער שלעכט, האָבן זיי געקראָגן די אויבערהאַנט. ס׳איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון דעם גאַנצן פאָלק. און דער קעניג האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן פאָלק אַרויסצולאָזן די יידישע קנעכט פריי, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט אַרבעטן מיט זײַן יידישן ברודער.

דער בונד, וואָס דער קעניג האָט געשלאָסן מיטן פאָלק, איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ גרויסער צערעמאָניע. מען האָט צעשניטן אַ קאַלב אין צווייען און אַוועקגעלייגט איין העלפט קעגן דער אַנדערער, און אַלע זײַנען דורכגעגאַנגען צווישן די שטיקער פון צעשניטענעם קאַלב און געשוואָרן אָפּצוהיטן דעם בונד(165).

אין יענער צײַט, זעט אויס, האָט מען אַרויסגעלאָזן ירמיהון אויף דער פריי. דער שוואַכלינג קעניג האָט זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צו די פרידלעכע האַרן, וואָס האָבן געקראָגן די מאַכט. ווען די באַלאַגערונג וואָלט געדויערט לענגער, וואָלט צדקיהו זיך מסתם אונטערגעגעבן. אָבער פּלוצים איז געשען אַ נס — די כשדים האָבן אָפּגעטראָטן פון דער שטאָט. מצרים איז געקומען מיט דער צוגעזאָגטער הילף.

— און דאָס חייל פון פּרעהן איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און ווען די כשדים, וואָס האָבן באַלאַגערט ירושלים, האָבן עס דערהערט, האָבן זיי אָפּגעצויגן פון ירושלים(166).

אַ גרויסע פרייד איז אויסגעבראָכן אין שטאָט. די יידן האָבן באַשיינפּערלעך געזען אַז גאָט וועט באַשיצן זײַן אויסדערוויילט אָרט. די האַרן וואָס האָבן געהאַלטן מיט מצרים, האָבן געקראָגן די מאַכט, און זיי האָבן חרטה געקראָגן וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזן זייערע קנעכט אין דער צײַט פון באַלאַגערונג, און זיי האָבן צוריקגענומען די קנעכט און די דינסטן וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזן פריי.

יעמאָלט ווענדט זיך ירמיהו צו די האַרן מיט אַ האַרבער נבואה:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל:

איך האָב געשלאָסן אַ בונד מיט אײַערע עלטערן, ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט, אַזוי צו זאָגן: צום סוף פון זיבן יאָר זאָלט איר איטלעכער אַרויסלאָזן פריי זײַן יידישן ברודער, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו דיר און האָט דיר געדינט זעקס יאָר.

און איר האָט תשובה געטאָן, און האָט געטאָן וואָס איז רעכט אין מיינע אויגן אַרויסצולאָזן פריי איטלעכער זיין חבר. און איר האָט געשלאָסן אַ בונד פאַר מיר אין דעם הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף אים. אָבער איר האָט חרטה געקראָגן, און איר האָט פאַרשוועכט מיין נאָמען, און איר האָט צוריקגענומען איטלעכער זיין קנעכט און איטלעכער זיין דינסט, וואָס איר האָט אַרויסגעלאָזן פריי, און איר האָט זיי געצוואונגען צו זיין קנעכט און דינסטן. דערפאַר האָט יהוה אַזוי געזאָגט:

— איר האָט זיך ניט צוגעהערט צו מיר אויסצורופן פרייהייט צו אייערע ברידער, אָט רוף איך אויס פרייהייט צו דער שווערד, צו דער פעסט און צו דעם הונגער. איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ שוידער ביי אַלע קעניגרייכן פון דער ערד(167).

דער קעניג צדקיהו איז ווי אַלעמאָל ניט געווען זיכער ביי זיך. אָט זיינען די כשדים אַוועק, און די וואָס האָבן געהאַלטן מיט מצרים האָבן געקראָגן די מאַכט. וועלן טאַקע די כשדים זיך ניט צוריקקערן? און דער קעניג האָט געשיקט פרעגן ירמיהון: אָט איז דאָס חייל פון פרעהן אַרויס־געגאַנגען אונדז צו הילף, וועלן די כשדים זיך אומקערן און מלחמה האַלטן אויף דער דאָזיקער שטאָט?

און ירמיהו האָט געענטפערט:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט:

— איר זאָלט זיך ניט איינרעדן, אַזוי צו זאָגן: אַוועקגיין וועלן אַוועקגיין פון אונדז די כשדים. ווארום זיי וועלן ניט אַוועקגיין. ווארום אַפילו איר זאָלט צעשלאָגן דאָס גאַנצע חייל פון די כשדים, וואָס האַלט מלחמה אויף אייך, און נאָר עטלעכע דערשטאָכענע זאָלן בלייבן פון זיי, וועלן אָט די דערשטאָכענע אויפשטיין אין זייער געצעלט און וועלן פאַרברענען די שטאָט אין פייער (168).

ירמיהו ווערט געשלאָגן און ווערט ווידער פאַרשפאַרט אין תפיסה

דערווייל איז ירושלים פריי געוואָרן. די וואָס האָבן געהאַלטן מיט מצרים, האָבן געקראָגן די מאַכט. אַ סך פון די איינוואוינער, וואָס זיינען געווען געניגט נאָך בבל, זיינען אַרויס פון שטאָט און איבערגעגאַנגען צו די כשדים. אין יענער צייט איז ירמיהו אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים צו גיין אין לאַנד בנימין, האָט אים דער הויפטמאַן פון דער וואַך דערקאַנט, אָנגעכאַפּט דעם נביא און צו אים געזאָגט: דו ווילסט אַריבערגיין צו די כשדים! ירמיהו האָט עס געלייקנט, אָבער דער הויפטמאַן האָט זיך ניט צוגעהערט

צו אים. ער האָט אָנגענומען ירמיהון און אים געבראַכט צו די האַרן. און די האַרן זיינען געוואָרן זייער אין כעס אויף ירמיהון, און זיי האָבן אים געשלאָגן און אים אַריינגעזעצט אין געפענקעניש. דאָס געפענקעניש איז געווען אין דעם שרייבער יהונתנס הויף, וואָס מען האָט געמאַכט פאַר אַ צייטווייליקער תפיסה.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן זיך די כשדים צוריקגעקערט. דאָס חייל פון פרעה, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען העלפן יהודה, האָט זיך אומגעקערט קיין מצרים, און די כשדים זיינען צוריקגעקומען.

ווען די כשדים האָבן צוריק באַלאַגערט ירושלים, האָבן אַ סך פון פאָלק געזען אַז ירמיהו איז גערעכט. און די האַרן האָבן מורא געקראָגן, אַז ער זאָל ניט פאַרפירן דאָס פאָלק, האָבן זיי פאַרשפּאַרט ירמיהון אין אַ ספּעציעלן געפענקעניש — אַ טיפע קעלער־גרוב, וואָס איז געווען פינצטער און נאַס. אַליין, אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, איז ער דאָרט געזעסן. דער קעלער האָט זיך אויך געפונען אין הויף פון יהונתן דעם שרייבער.

דער קעניג שיקט נאָך ירמיהון

די באַלאַגערונג פון ירושלים האָט אָנגעהאַלטן. די לאַגע אין שטאָט איז געוואָרן שווערער און שווערער. צדקיהו האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז יהודה זאָל געראַטעוועט ווערן. און בשתיקה פון זיינע האַרן שיקט ער נאָך ירמיהון און ברענגט אים דורך אַ געהיימען אַריינגאַנג צו זיך אין פּאַלאַץ. און דער קעניג ווענדט זיך צום נביא: איך וועל דיך פרעגן, און דו זאָלסט ניט פאַרלייקענען פון מיר קיין וואָרט(169).

דער קעניג קאָן אַלץ ניט גלויבן, אַז יהוה וועט צעשטערן זיין וואוין־אָרט און פאַרטרייבן די יידן אין גלות.

און ירמיהו, וואָס האָט גוט געקענט דעם שוואַכלינג קעניג, האָט צו אים געזאָגט: אַז איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, וועסטו דאָך מיך טויטן, און אַז איך וועל דיר געבן אַן עצה, וועסטו זיך ניט צוהערן צו מיר.

און צדקיהו האָט אים געענטפערט:

— איך שווער, אַזוי ווי עס לעבט יהוה, וואָס האָט אונדז געגעבן לעבן, אַז איך וועל דיך ניט טויטן, און איך וועל דיך ניט איבערגעבן אין דער האַנט פון דיינע שונאים, וואָס זוכן דיין לעבן.

און ירמיהו האָט אים געענטפערט:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון די חיילות: אויב אַרויסגיין

וועסטו אַרויסגיין צו די האַרן פון דעם מלך פון בבל, וועט די דאָזיקע שטאָט ניט פאַרברענט ווערן אין פייער און סיי דו וועסט בלייבן לעבן, סיי דיין הויזגעזינט. אויב אָבער דו וועסט ניט אַרויסגיין צו די האַרן פון דעם מלך בבל, וועט די דאָזיקע שטאָט איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פון די כשדים, און זיי וועלן זי פאַרברענען אין פייער, און דו וועסט ניט אַנטרונען ווערן פון זייער האַנט.

האָט דער מלך צדקיהו געזאָגט צו ירמיהון:

— איך האָב מורא פאַר די יידן וואָס געפינען זיך אין לאַגער פון די כשדים, מען זאָל מיך ניט איבערגעבן אין זייער האַנט, און זיי וועלן מיר אָנטאָן גרויס בזיון.

האָט ירמיהו געזאָגט:

— מען וועט דיך ניט איבערגעבן אין זייער האַנט. הער זיך צו צום קול פון יהוה, און עס וועט דיר זיין גוט.

צדקיהו האָט זיך אָבער מער געשראָקן פאַר זיינע האַרן ווי פאַר דעם אָנקומענדיקן חורבן. און דער שוואַכלינג קעניג זאָגט צו ירמיהון:

— זאָל קיין מענטש ניט וויסן וואָס איך האָב מיט דיר גערעדט. און אַז די האַרן וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב גערעדט מיט דיר און זיי וועלן דיך פרעגן: זאָג אונדז אַקאָרשט וואָס האָסטו גערעדט צום מלך? זאָלסטו זיי זאָגן, אַז דו האָסט געבעטן ביי מיר איך זאָל דיך ניט אומקערן צו יהונתנס הויז אין געפענקעניש דאָרט, כדי דו זאָלסט ניט שטאַרבן.

דער מלך צדקיהו האָט באַפוילן, און מען האָט איינגעזעצט ירמיהון אין הויז פון דער וואַך. און עס זיינען געקומען די האַרן צו ירמיהון און זיי האָבן אים געפרעגט: וואָס האָסטו גערעדט צום מלך? און ער האָט זיי געזאָגט וואָס דער מלך האָט אים באַפוילן. און זיי האָבן אים צורו געלאָזט. און ירמיהו איז געזעסן אין הויף פון דער וואַך, און מען האָט אים געגעבן אַ לאַבן ברויט אַ טאָג פון דער בעקער גאַס. און ירמיהו איז געזעסן אין הויף פון דער וואַך ביז ירושלים איז איינגענומען געוואָרן(170).

חורבן

דער אומגליק איז געקומען. אַ יאָר און אַ האַלב האָט זיך ירושלים געראַנגלט מיט אירע פיינט. אין ניינטן טאָג, אין פערטן חודש, האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער אין שטאָט, און עס איז ניט געווען קיין ברויט פאַר דעם פאָלק, און די שטאָט איז איינגעבראָכן געוואָרן (171).

— זיינען געקומען אַלע האַרן פון דעם מלך פון בבל און האָבן זיך געזעצט אין מיטלסטן טויער. און עס איז געווען, ווי צדקיהו דער מלך פון יהודה און אַלע מלחמה לייט האָבן זיי דערזען, אַזוי זיינען זיי אַנטלאָפן און זיינען אַרויסגעגאַנגען ביינאַכט פון שטאָט דורך דעם מלכס גאָרטן.

צדקיהו האָט פרובירט אַנטלויפן צום עבר הירדן, אָבער די כשדים האָבן אים נאָכגעיאָגט. זיי האָבן אים אָנגעיאָגט אין די פּלוינען פון יריחו און האָבן אים געכאַפּט און געבראַכט אין ריבלה. און דער מלך פון בבל האָט אים דאָרטן געמשפּט פאַר ברעכן זיין שבועה. און דער מלך פון בבל האָט געשאָכטן די זין פון צדקיהון אין ריבלה פאַר זיינע אויגן, און אַלע האַרן האָט דער מלך פון בבל געשאָכטן. און די אויגן פון צדקיהון האָט ער בלינד געמאַכט, און ער האָט אים געשמידט אין קייטן, אים צו ברענגען קיין בבל.

און דעם מלכס פּאַלאַץ און דאָס הויז פון פאָלק האָבן די כשדים פאַר־ברענט אין פייער, און די טויערן פון ירושלים האָבן זיי איינגעוואָרפן. און נבוזראַדן דער הויפּט פון חייל האָט גענומען דאָס פאָלק, וואָס איז געבליבן אין דער שטאָט און די געפאַנגענע וואָס זיינען אַריינגעפאַלן צו אים, און דאָס רעשט פון פאָלק וואָס איז געבליבן, האָט זיי אַלעמען געשמידט אין קייטן און זיי געטריבן קיין בבל. אָבער פון דעם אָרעמען פאָלק, וואָס האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, האָט נבוזראדן איבערגעלאָזן אין לאַנד יהודה. און ער האָט זיי געגעבן וויינגערטנער און פעלדער. און גדליהון, דעם זון פון אַחיקם, האָט ער אויפגעזעצט איבער זיי.

און צווישן די געפאַנגענע, געשמידט אין קייטן, איז אויך געווען ירמיהו. און דער נביא גייט מיט די פאַרטריבענע. עס גייען פרויען, קינדער, יונגע מענער: אָפּגעלאָזענע, האָפענונגלאָז שלעפּן זיי זייערע פיס: דאָס איז דאָך דער סוף. יהוה האָט פאַרוואָרפן זיין פאָלק, ער האָט דאָך פאַרברענט זיין אויסדערוויילט אָרט. פאַרגעסן איז דאָס פאָלק ישראל. זיי גייען אין אַ פרעמד לאַנד פאַרשטויסן פון יהוה. סיאיז דער סוף.

אָבער ירמיהו איז ניט פאַרצווייפלט. גאָטס וואָרט איז מקוים געוואָרן, ירושלים איז פאַרברענט, דער בית־המקדש איז חרוב, אָבער דאָס איז ניט דער סוף, ווייל ישראל וועט געלייטערט ווערן אין גלות און וועט זיך אומקערן צו יהוה. און גאָט וועט אים צוריקברענגען אַהיים. און דער נביא זאָגט צום פאָלק:

— שטעל דיר צייכנס, מאַך דיר סימנים אויפן וועג, גיב אַכטונג אויף דעם שטעג, אויף דעם וועג וואָס דו גייסט. ווייל יהוה זאָגט אַז דו וועסט זיך אומקערן צו די דאָזיקע שטעט דיינע אויף דעם זעלביגן וועג(172).

די געפאַנגענע זיינען אָנגעקומען קיין רמה. דאָרטן אין רמה איז דאָ אַ

הייליקער קבר, און דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז דאָס איז דער קבר פון דער מוטער רחל. ביטער זיינען געווען די הערצער פון די פאַרטריבענע. און ניט איין געפאַנגענער איז צוגעפאַלן צו דער מוטער רחלס קבר מיט אַ געוויין און אַ געבעט — אַז די מאַמע פון יידישן פאָלק זאָל זיך שטעלן פאַר יהוה און בעטן פאַר אירע פאַרטריבענע קינדער.

און ירמיהו האָט אַ טרייסט נבואה פאַר די געפאַנגענע :

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה : אַ קול ווערט געהערט אין רמה, אַ יאָמער, אַ ביטער געוויין — רחל וויינט אויף אירע קינדער. זי וויל זיך מער ניט טרייסטן נאָך אירע קינדער, ווייל זיי זיינען מער ניטאָ(173).

פריער איז ישראל פאַרטריבן געוואָרן און איצט יהודה. ביידע אירע זין זיינען פאַרלאָרן.

און ירמיהו הערט איר געוויין, אָבער ער ווייס, אַז עס איז ניט דער סוף פון דער אומה. און ער טרייסט זי :

אַזוי האָט יהוה געזאָגט :

— פאַרמייד דיין קול פון געוויין, און דיינע אויגן פון טרערן. דיין מיען זיך פאַר דיינע קינדער וועט באַלוינט ווערן — זיי וועלן זיך אומקערן פון דעם שונאס לאַנד, און ס׳איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַר די פאַרבליבענע, זיי וועלן זיך אומקערן צו די גרענעצן פון זייער לאַנד.

און ניט נאָר יהודה וועט זיך אומקערן. אין דעם גרויסן טאָג פון דער־לייזונג וועט זיך גאָט אויך דערמאָנען אויף די צען פאַרטריבענע שבטים.

— הערן האָב איך געהערט ווי אפרים באַקלאָגט זיך :

— האָסט מיך געשטראָפט און איך בין באַשטראָפט געוואָרן ווי אַ ניט־געלערנט קאַלב. לאָז מיך זיך אומקערן צו דיר, יהוה, און איך וועל זיך אומקערן. איך האָב חרטה און שעם זיך פאַר מיינע זינד.

און גאָט ענטפערט :

— איז מיר דען ניט קיין טייערער זון אפרים ? צי אַ געצערטלט קינד ? וואָרום ווי נאָר איך רעד פון אים, בענקען בענק איך נאָך אים און מיינע אינגעווייד ברומען צו אים. דערבאַרעמען וועל איך זיך דערבאַרעמען אויף אים, זאָגט יהוה.

גדליהו דער זון פון אחיקם

אין רמה האָט נבוזראַדן דערקאָנט ירמיהון. און דער הויפּט פון חייל האָט גענומען ירמיהון און צו אים געזאָגט :

— יהוה דיין גאָט האָט אָנגעזאָגט בייז אויף דעם דאָזיקן אָרט. און

איצט זע, איך האָב דיך באַפרייט פון די קייטן וואָס זיינען אויף דיינע הענט. אויב דו ווילסט, קום מיט מיר קיין בבל, אויב אָבער דו ווילסט ניט גיין קיין בבל מיט מיר, זע, דאָס גאַנצע לאַנד ליגט פאַר דיר פריי.

אָבער ירמיהו האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די געפאַנגענע. האָט צו אים נבוזראַדן געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, קער זיך אום צו גדליהו דעם זון פון אַחיקם, וואָס דער מלך פון בבל האָט אויפגעזעצט איבער די שטעט פון יהודה, און זיץ צווישן פאָלק.

און ירמיהו איז אַוועק צו גדליהו און זיך באַזעצט מיט אים צווישן דעם פאָלק וואָס איז געבליבן אין לאַנד.

און אַז די הויפּטלייט פון חייל, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די כשדים און פאַרבליבן אין לאַנד, האָבן דערהערט, אַז דער מלך פון בבל האָט אַרויפגעזעצט גדליהון איבערן לאַנד, און אַז ער האָט געלאָזט אונטער אים מענער, ווייבער און קינדער פון די אָרעמע פון לאַנד, זיינען די הויפּטלייט געקומען צו גדליהון אין מצפה.

און אויך אַלע יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין מואב, עמון און אדום, האָבן דערהערט אַז דער מלך פון בבל האָט געלאָזט אַן איבערבלייב פון יהודה, און אַז ער האָט אויפגעזעצט איבער זיי גדליהון דעם זון פון אַחיקם, האָבן זיך אַלע יידן אומגעקערט פון די אַלע ערטער, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן אַהין, און זיינען געקומען אין לאַנד יהודה צו גדליהון, און זיי האָבן איינגעזאַמלט אַ סך ווייַן, זומער־אויבס און אייל.

און יוחנן, דער זון פון קרחן, און אַ סך הויפּלייט מיט אים זיינען געקומען צו גדליהן אין מצפה און צו אים געזאָגט: זאָלסט וויסן, אַז דער מלך פון עמון האָט געשיקט ישמעאל דעם זון פון נתניה צו נעמען דיין לעבן. לאָז אונדז גיין, איך בעט דיך, און מיר וועלן דערשלאָגן ישמעאלן דעם זון פון נתניהן און קיין מענטש וועט ניט וויסן, ווייל אויב ער וועט דיך טויטן, וועט גאַנץ יהודה, וואָס איז איינגעזאַמלט אַרום דיר, צעשפּרייט ווערן און דער איבערבלייב פון יהודה וועט אונטערגיין(174).

אָבער גדליהו האָט ניט געגלויבט יוחננען, און האָט אים ניט געלאָזן טאָן די דאָזיקע זאַך.

— און עס איז געווען אין זיבעטן חודש, איז געקומען ישמעאל דער זון פון נתניה, פון קעניגלעכן אָפּשטאַם איז ער געווען, און די גרויסע לייט פון דעם מלך און צען מאַן מיט אים. זיינען זיי געקומען צו גדליהון אין מצפה, און האָבן דאָרטן געגעסן ברויט אינאיינעם. און ישמעאל איז אויפ־

געשטאַנען מיט די צען מאַן וואָס זיינען געקומען מיט אים, און זיי האָבן דערהרגעט גדליהון, אויך אַלע יידן, וואָס זיינען געווען מיט גדליהון אין מצפה און די מלחמה־לייט פון די כשדים, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, האָט ישמעאל דערהרגעט.

און יוחנן דער זון פון קרח און אַלע הויפּטלייט האָבן דערהערט וואָס ישמעאל האָט אָפּגעטאָן, האָבן זיי גענומען אַלע מענער און זיי זיינען געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט ישמעאלן. אָבער ישמעאל מיט אַכט מאַן זיינען אַנטרונען געוואָרן און זיי זיינען אַוועק קיין עמון.

און יוחנן און אַלע הויפּטלייט האָבן צונויפגענומען דאָס פאָלק, און זיי זיינען אַוועק אין גרות־דמהם. פון דאָרטן האָבן זיי גערעכנט אַוועקצוגיין קיין מצרים, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַז די כשדים זאָלן ניט קומען און זיי באַשטראָפן פאַר דעם טויט פון גדליהון (175).

און ירמיהו און ברוך, דער זון פון נריהו, זיינען געווען צווישן זיי.

ירמיהו ווערט פאַרשלעפּט קיין מצרים

יוחנן דער זון פון קרח און די הויפּטלייט זיינען געווען פון די אָנהענגער פון מצרים, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די כשדים. אָבער ירמיהו און ברוך בן נריהו האָבן ניט געוואָלט, אַז דאָס פאָלק זאָל אינגאַנצן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ווי עס ווייזט אויס, איז אָנגעגאַנגען צווישן די מענטשן אַ לאַנגער וויכוח. און ברוך, דער זון פון נריהו, איז געווען קעגן פאַרלאָזן יהודה. און עס ווערט דערציילט ווייטער אין ספר ירמיהו:

— און אַלע הויפּטן פון חייל, און יוחנן דער זון פון קרח און יזניה דער זון פון הושעיה, און דאָס גאַנצע פאָלק זיינען געקומען צום נביא ירמיהו און צו אים געזאָגט:

— זאָל פאַלן אונדזער געבעט פאַר דיר און טו תפילה צו גאָט פאַר אונדז, וואָרום מיר זיינען געבליבן פון פיל גאָר ווייניק, ווי דו זעסט אַליין. זאָל יהוה דיין גאָט אונדז זאָגן דעם וועג, וואָס מיר זאָלן אויף אים גיין, און די זאַך וואָס מיר זאָלן טאָן.

האָט ירמיהו געזאָגט:

— איך האָב געהערט אייערע רייד. איך וועל תפילה טאָן צו יהוה אייער גאָט, אַזוי ווי איר בעט מיך, און עס וועט זיין איטלעך וואָרט וואָס יהוה וועט ענטפערן, וועל איך אייך זאָגן. איך וועל ניט פאַרמיידן פון אייך קיין וואָרט.

און זיי האָבן געענטפערט:

— זאָל יהוה זיין אַן אמתער און באַגלויבטער עדות, אַז מיר וועלן טאָן איטלעך וואָרט וואָס יהוה, דיין גאָט, וועט שיקן צו אונדז. סיי גוט סיי שלעכט.

— און עס איז געווען צום סוף פון צען טעג איז דאָס וואָרט פון יהוה געווען צו ירמיהון. און דער נביא האָט גערופן יוחנן דעם זון פון קרח און אַלע הויפּטלייט פון חייל וואָס מיט אים, און דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס, און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל, וואָס איר האָט מיך געשיקט צו אים: אויב בלייבן וועט איר בלייבן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וועל איך אייך אויפבויען און ניט צעשטערן, און איך וועל אייך איינפלאַנצן און ניט אויסרייסן. איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר דעם מלך פון בבל. איר זאָלט ניט מורא האָבן, זאָגט יהוה, ווייל איך בין מיט אייך, אייך צו העלפן. און איך וועל אייך געבן דערבאַרעמונג און ער וועט זיך דערבאַרעמען אויף אייך, און ער וועט אייך באַזעצן אויף אייער לאַנד. אויב אָבער איר זאָגט: מיר ווילן דאָ אין לאַנד ניט בלייבן, נאָר אין לאַנד מצרים וועלן מיר גיין, וואו מיר וועלן ניט זען קיין מלחמה און ניט הונגערן נאָך ברויט, דאַן הערט דאָס וואָרט פון יהוה:

— די שווערד וואָס איר האָט מורא פאַר איר, וועט אייך דערגרייכן אין לאַנד מצרים, און דער הונגער וואָס איר שרעקט זיך פאַר אים, וועט אייך דאָרטן אָניאָגן.

— און עס איז געווען ווען ירמיהו האָט געענדיקט ריידן צום גאַנצן פאָלק, האָבן די הויפּטלייט און אַלע קריגסלייט געזאָגט צו ירמיהון:

— ליגן זאָגסטו, ניט אונדזער גאָט האָט דיך געשיקט צו זאָגן: איר זאָלט ניט גיין קיין מצרים צו וואוינען דאָרט, נאָר ברוך דער זון פון נריהון רעדט דיך אָן אויף אונדז, כדי אונדז איבערצוגעבן אין דער האַנט פון די כשדים, אונדז צו טויטן אָדער אונדז צו פאַרטרייבן קיין בבל.

און יוחנן, דער זון פון קרח, און אַלע הויפּטלייט האָבן זיך ניט צוגעהערט צום נביא און זיי האָבן גענומען דאָס איבערבלייב פון פאָלק, און ירמיהו און ברוך דעם זון פון נריהו האָבן זיי גענומען מיט געוואַלד, און זיי זיינען אַוועק מיט זיי קיין מצרים(176).

אין מצרים

און זיי זיינען געקומען אין לאַנד מצרים און זיי זיינען אָנגעקומען ביז תחפנחס. ירמיהו האָט אַלץ פּרובירט איבעררייד̈ן די פאַרטריבענע זיך אומצו־קערן צוריק קיין יהודה. ער האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן

קיין מצרים וועט זיי ניט ראַטעווען פון גאָטס צאָרן און פון נבוכדנצרס האַנט:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו ירמיהון אין תחפנחס אַזוי צו זאָגן: נעם אין דיין האַנט גרויסע שטיינער, און זאָלסט זיי באַהאַלטן אין וואַפּנע אין תחפנחס, פאַר די אויגן פון די מענער פון יהודה, און דו זאָלסט זאָגן צו זיי:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: זע, איך וועל שיקן און איך וועל נעמען נבוכדנצר דעם מלך פון בבל, מיין קנעכט, און איך וועל שטעלן זיין טראָן איבער די דאָזיקע שטיינער וואָס איך האָב באַהאַלטן. און ער וועט אויסשפּרייטן זיין פּראַכט געצעלט איבער זיי. און ער וועט קומען און ער וועט שלאָגן דאָס לאַנד מצרים. וועמען צום טויט, איז צום טויט, און וועמען צו געפאַנגענשאַפט, איז צו געפאַנגענשאַפט. און ער וועט צונויפוויקלען דאָס לאַנד מצרים ווי אַ פּאַסטוך וויקלט צונויף זיין בגד (177).

♦

אָבער דאָס פאָלק האָט זיך ניט צוגעהערט צו אים. און דער אַלטער נביא, זאַט מיט צרות, האָט געזען אַז דער חורבן האָט גאָרניט געווירקט אויף יהוהס פאָלק. אויך אין מצרים האָבן זיי געדינט צו פרעמדע געטער.

מיר האָבן נאָך איין נבואה פון אים, וואָס ער האָט געהאַלטן צום פאָלק אין מצרים:

— אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: איר האָט דאָך געזען דאָס גאַנצע בייז, וואָס איך האָב געבראַכט אויף ירושלים און אויף אַלע שטעט פון יהודה. איך האָב עס געטאָן פון וועגן אייער שלעכטסקייט, מיט וועלכן איר האָט מיך דערצאָרנט וואָס איר האָט גערויכערט צו פרעמדע געטער. און איך האָב צו אייך געשיקט נביאים אייך צו וואָרנען. אָבער איר האָט ניט געגעבן אייער אויער זיך אומצוקערן פון אייער שלעכטסקייט. און אַצונד, צו וואָס דערצאָרנט איר מיך מיט די ווערק פון אייערע הענט צו רויכערן צו פרעמדע געטער? (178).

האָט דאָס פאָלק געענטפערט ירמיהון:

— דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט צו אונדז אין נאָמען פון יהוה, הערן מיר ניט. מיר וועלן רויכערן צו דער מלכה פון הימל און מיר וועלן גיסן צו איר גיס־אָפּפער אַזוי ווי אונדזערע עלטערן, און אונדזערע מלכים, און אונדזערע האַרן האָבן געטאָן אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים. ווען מיר האָבן עס געטאָן, האָבן מיר געהאַט ברויט צו זאַט און אונדז איז געווען גוט, און שלעכטס האָבן מיר ניט אָנגעזען. אָבער זינט מיר האָבן אויפגעהערט צו רויכערן צו דער מלכה פון הימל און צו גיסן צו איר גיס־אָפּפער, זיינען מיר געמינערט פון אַלץ (179).

די לעצטע רייד, וואָס מיר הערן פון נביא זיינען ביטערע:

— הערט דאָס וואָרט פון יהוה, איר גאַנץ יהודה, וואָס זיצט אין לאַנד מצרים:

— איך וועל זיך אײַלן צו טאָן צו אײַך בייז און ניט גוטס, און אַלע מענער פון יהודה, וואָס זיינען אין לאַנד מצרים, וועלן אומקומען פון שווערד און פון הונגער. נאָר געציילטע וועלן זיך אומקערן פון מצרים צום לאַנד יהודה. און יעמאָלט וועט איר, דאָס איבערבלייב פון יהודה, וואָס איז געקומען קיין מצרים, וויסן וועמענס וואָרט עס וועט מקוים ווערן — מיינס אָדער זייערס(180).

מיר הערן מער ניט פון דעם נביא. מיר הערן אויך מער ניט פון זיין תלמיד ברוך, דעם זון פון נריהון.

ווי עס ווייזט אויס, זיינען זיי אין גאָר אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן אין מצרים.

סוף

העכער פערציק יאָהר האָט ירמיהו געשטראָפט, געוואָרנט, געטרייסט און געלערנט זיין באַליבט פאָלק. פערציק יאָר איז ער געווען דער מאַן פון קריג און שטרייט קעגן אַלעמען. ער האָט געקעמפט קעגן דעם קעניג און די האַרן פון הויף. ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן די כוהנים, די נביאים און די אויסטייטשער פון דער תורה. ער האָט זיך געקריגט מיט די רייכע און ניט געשאַנעוועט די אָרעמע. מען האָט אים פאַרטריבן פון זיין געבוירן שטאָט, און די שטאָטלייט האָבן אים געוואָלט פאַרסמען. ער האָט זיך דערווייטערט פון זיין משפחה, און זיינע אייגענע ברידער האָבן זיך געשטעלט קעגן אים. ער האָט ניט געוואוסט די פרייד פון אַ פרוי, דאָס גליק פון משפחה לעבן. יהוהס וואָרט האָט אָנגעפילט זיין גאַנצע זעל, און עס איז ניט געבליבן קיין אָרט אין זיין נשמה פאַר אַנדערע זאָרגן און פאַרגעניגנס. ניט קיין פרייד און ניט קיין רו האָט אים געבראַכט יהוהס וואָרט, נאָר פיין, שפּאָט, פאַראַכטונג, דערנידערונג, תפיסה און לעבנס־געפאַר. מען האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם, וואָס פאַרשוועכט גאָטס הייליקייט, שטעלט זיך קעגן זיין אייגן פאָלק, נעמט זיך אָן פאַרן שונא און לערנט דעם פאָלק אַ תורה, וואָס איז קעגן דער אומהס טיפסטן גלויבן און אַלטע טראַדיציעס. גאָר אָפט האָט מען געצווייפלט צי ער איז אַ נביא, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון יהוה. זיינע שונאים האָבן אויף אים שטענדיק געלויערט און אים ניט געלאָזט צורו.

אָבער זיין האַרץ האָט געבלוטיקט אויף דעס גורל פון פאָלק. ער האָט געזען, אַז חורבן איז אומפאַרמיידלעך, גאָטס צאָרן מוז זיך אויסגיסן אויף דעם אומגליקלעכן פאָלק. ער האָט געבעטן צו גאָט, ער האָט תפילה געטאָן, אָבער אַלעמאָל איז געקומען דער זעלביגער ענטפער:

— דו זאָלסט ניט תפילה טאָן צו מיר פאַר זיי, און דו זאָלסט פאַר זיי ניט בעטן, ווייל איך וועל זיך ניט צוהערן צו דיר.

קיינער האָט ניט געוואוסט פון זיין צער. קיינער האָט ניט געהערט זיינע שטילע תפילות צו גאָט ווייל ער האָט געהאַט גאָר אַנדערע השגות פון גאָט, לאַנד, און בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק.

ער האָט נביאות געזאָגט אין די גאַסן פון ירושלים, אין טעמפּל, אויף די מערק, וואו נאָר מענטשן זיינען זיך צונויפגעקומען. ער האָט נאָכאַנאַנד געוואָרנט, אַז גאָט וועט חרוב מאַכן ירושלים, וועט צעשטערן דעם בית־המקדש און פאַרטרייבן דאָס גאַנצע פאָלק אין גלות, און אַז גלות מיינט ניט דער סוף פון אומה, ווי מען האָט ביז איצט געגלויבט. דער חורבן פון ירושלים און דאָס צעשטערן פון בית־המקדש זיינען ניט מער ווי אַ צייטווייליק אומגליק, אַ פאַרדינטע שטראָף, וואָס דורך איר וועלן יידן גערייניקט ווערן. גלות איז אַ לייטערונג פאַרן פאָלק, און אַז יידן וועלן געלייטערט ווערן פון זייערע זינד, וועט זייער לעבן באַנייט ווערן.

גלות מיינט ניט דער סוף פון דער אומה. גאָט איז ניט צוגעבונדן צו לאַנד און הייליקטום. די צוקונפט פון יהודה נאָכן גלות, וועט זיין אַ גליקלעכע, אַ הערלעכע. דעם אַלטן בונד, וואָס גאָט האָט געהאַט מיט זיין פאָלק, האָבן יידן פאַרשוועכט, געבראָכן. גאָט וועט מאַכן מיט די יידן אַ נייעם בונד, אַ בונד וואָס וועט קיינמאָל ניט צעשטערט ווערן, ווייל יהוהס תורה וועט זיין איינגע־קריצט ביי יעדן אין האַרצן. דער בונד וועט זיין אויף אייביק: ווי לאַנג עס וועלן זיין אויף דער וועלט זון, לבנה, שטערן און ים.

דאָס פאָלק האָט אַנדערש געטראַכט. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז גאָט קאָן ניט חרוב מאַכן ירושלים, זיין וואוינאָרט, און דעם בית־המקדש, זיין רו אָרט, און פאַרטרייבן יידן אין גלות. גאָט, לאַנד, פאָלק און הייליקטום זיינען פאַרבונדן מיט אַ קנופּ, וואָס קאָן ניט לויז ווערן. אויב ירושלים און דער בית־המקדש זאָלן חרוב ווערן, און דאָס פאָלק זאָל פאַרטריבן ווערן אין גלות, וועט עס זיין אַ סימן, אַז דער בונד צווישן גאָט און יידן איז געבראָכן. גלות מיינט אומקום פאַרן פאָלק און אַז דאָס פאָלק זאָל אומקומען, וועט ניט זיין ווער עס זאָל דינען יהוה. גאָט קאָן ניט פאַרמיאוסן און פאַרלאָזן זיין פאָלק. צוליב זיין גרויסן נאָמען, קאָן ער עס ניט טאָן. ער האָט דאָך באַוויליקט צו מאַכן יידן פאַר זיין פאָלק.

און ווען דער חורבן איז געקומען, האָט דאָס פאָלק זיך ניט געלאָזן טרייסטן. ווען דער שונא האָט באַפוילן די פאַרטריבענע צו זינגען יהוהס לידער אויף די טייכן פון בבל, ענטפערן די גולים:

— ווי קענען מיר זינגען גאָטס געזאַנג אויף פרעמדער ערד? (181)

דאָס פרעמדע לאַנד, האָבן יידן געהאַלטן, איז טמא און געהערט צו אַ פרעמדן געץ. מען קאָן דאָרטן ניט היטן גאָטס געבאָטן(182).

אָן האָפענונג זיינען יידן אַוועק אין גלות. די פאַרטריבענע האָבן געגלויבט אַז זיי זיינען פאַרלאָרן און פאַרשטויסן פון פנים פון יהוה. זיי זיינען דערוויטערט פון גאָט(183). גלות איז דער סוף פון דער אומה. אַז מען ווערט פאַרטריבן פון לאַנד, איז מען פאַרטריבן פון צו באַהעפטן זיך אין גאָטס נחלה, און מען זאָגט אים: גיי דין פרעמדע געטער (184).

אָבער דווקא אין גלות האָבן אָנגעהויבן ווירקן ירמיהוס רייד. דווקא אין בבל, אין דער פרעמד, האָבן יידן באַנומען, אַז גאָט איז ניט צוגעבונדן צו לאַנד און היילקטום, און ער קאָן זיך אָנטפּלעקן צו זיינע נביאים אויף די ברעגעס פון טייך כבר, אין בבל, ווי אין יהודה, לעבן ירדן. און דער גאָט וואָס איז דער גאָט פון דער גאַנצער וועלט, וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין פאָלק ישראל. ווי ער האָט געמוזט באַשטראָפן די יידן צוליב דער הייליקייט פון זיין נאָמען, אַזוי מוז ער זיי אויסלייזן כדי די הייליקייט פון זיין נאָמען זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן צווישן די פעלקער.

ירמיהו איז געבליבן גערעכט.

גאָר אַ גרויסן חלק אין זיין נצחון האָט געהאַט דער גלות־נביא יחזקאל.

**
*

יחזקאל

דער יונגער כוהן אין גלות

אין יאָר פינף הונדערט און זיבן און ניינציק, פאַר דער אַנגענומענער צייט רעכענונג, האָט נבוכדנצר פאַרטריבן דעם קעניג יהויכין אין גלות, קיין בבל. מיטן קעניג זיינען פאַרטריבן געוואָרן אַלע האַרץ, אַלע גיבורים, אַלע מייסטערס און שלאָסערס — צען טויזנט געפאַנגענע(1). צווישן די פאַרטריבענע איז געווען אַ יונגער כוהן מיטן נאָמען יחזקאל, דער זון פון בוזי. ער איז אַלט געווען אַרום פינף און צוואַנציק יאָר(2).

יחזקאל האָט זיך באַזעצט מיט די געפאַנגענע אין תל־אָביב, ביי די ברעגעס פון טייך כבר. ווי אַלע פאַרטריבענע, איז ער אָנגעקומען קיין בבל פאַראָרעמט. אַ רייכער כוהן, האָט ער זיך איצט געדאַרפט לערנען אַ מלאָכה. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו קריצן אויף שטיין, אויף מעטאַל, און פון דעם האָט ער געצויגן זיין חיונה(3).

פיר יאָר זיינען אַוועק. דאָס זיינען פאַר די פאַרטריבענע געווען שווערע יאָרן, יאָרן פון צופּאַסן זיך צום נייעם לאַנד, אויך יאָרן פון בענקעניש, האָפנונגען און אומרוען. אַ סך פון די גולים זיינען געווען זיכער, אַז אָט־אָט וועט זיך גאָט דערבאַרעמען אויף זיינע פאַרטריבענע קינדער און זיי ברענגען צוריק אַהיים קיין יהודה, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון בויען הייזער, פלאַנצן גערטנער און חתונה מאַכן קינדער אין גלות. אין יהודה האָט זיך דערווייל גערודערט. צדקיהו האָט שטילערהייט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט מצרים. ס'איז געווען אין ירושלים אַ גרויסע באַוועגונג, וואָס איר ציל איז געווען צו ווידערשפּעניקן קעגן בבל. די פאַרטריבענע, אָדער גאָר אַ גרויסע צאָל פון זיי, האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם אויפשטאַנד אין יהודה. אויך זיי האָבן זיך אין דער שטיל געגרייט צו שטעלן זיך קעגן בבל.

אין ירושלים האָבן זיך באַוויזן נביאים, וואָס האָבן פאַראויסגעזאָגט, אַז בבל וועט באַלד, גאָר באַלד פאַלן. איין נביא, חנניה בן עזור, האָט נביאות געזאָגט, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט גאָט צוריקברענגען פון בבל דעם פאַרטריבענעם קעניג יהויכין און אַלע האַרץ; גאָט וועט אויך אומקערן די הייליקע כלים פון בית־המקדש, וואָס נבוכדנצר האָט אַוועקגערויבט(4).

ירמיהו האָט אָבער געהאַלטן גאָר אַנדערע נבואות. ער האָט פאַראויסגעזאָגט אומגליק און גלות פאַר די פאַרבליבענע אין יהודה און ירושלים.

צו די פאַרטריבענע אין גלות האָט ער געשריבן און זיי געהייסן זיך איינלעבן אין דעם נייעם לאַנד; בויען הייזער, פלאַנצן גערטנער, חתונה מאַכן קינדער, ברענגען און אויפהאָדעווען אַ נייעם דור. די גולים דאַרפן ווינטשן נאָר גוטס און שלום דעם לאַנד, וואוהין זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן(5).

גאָר ווייניק פון די יידישע פירער אין בבל האָבן זיך צוגעהערט צו ירמיהון(6). ביי די געפאַנגענע אין בבל האָט גלות געמיינט אונטערגאַנג. די פאַרטריבענע זיינען אָפּגעשניטן פון גאָטס נחלה, דערווייטערט פון גאָטס הויז(7). די וואָס זיינען געווען אין גלות האָבן געהאַט אַ ווערטל: פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער, פאַרלאָרן איז אונדזער האָפענונג, אָפּגעריסן זיינען מיר. דאָס פרעמדע לאַנד איז אומריין, טמא(8). ירמיהו, האָבן די גולים געהאַלטן, רעדט ניט אין נאָמען פון גאָט, ווייל אויב דאָס גאַנצע פאָלק זאָל פאַרטריבן ווערן, ווער וועט דינען גאָט? אין אַ פרעמד לאַנד קאָן מען דינען נאָר דעם גאָט פון דער פרעמד(9).

יחזקאל האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דעם קרייז פון די כוהנים און נביאים, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם קעניג יאשיהו, און ער האָט געוואוסט אַז ירמיהו רעדט אין נאָמען פון גאָט. יחזקאל איז געווען אַ געטרייער תלמיד פון דעם נביא פון ענתות. ער האָט געוואוסט, אַז ירושלים מוז, צוליב אירע גרויסע זינד, חרוב ווערן, און אַז דאָס פאָלק וועט פאַרטריבן ווערן, אויב יידן וועלן ניט חרטה האָבן אויף זייערע זינד. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז אַפילו ווען גאָט וועט אויסגיסן זיין גאַנצן צאָרן אויף זיין פאָלק, קאָן דאָס ניט זיין דער סוף פון דער אומה(10). גאָט וועט עס ניט דערלאָזן. ער וועט ניט פאַרשוועכן זיין נאָמען צווישן פעלקער, אַז זיי זאָלן זאָגן אַז יהוה איז ניט שטאַרק גענוג צו העלפן זיין אויסדערוויילט פאָלק(11).

יחזקאל איז אַליין געווען איינער פון די גולים, ער אַליין איז דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן מאַטער־וועג פון אַ געפאַנגענעם, ער האָט ניט געקאָנט צושטימען מיט אַ גרינג האַרץ צו ירמיהוס רייד. פראַגן האָבן געמאַטערט דעם יונגן כוהן: קאָן גאָט פאַרלאָזן זיין הייליק אָרט און זיך באַווייזן אין אַ טמא לאַנד? וועט יהוה זיין מיט זיין פאָלק אין דעם פרעמדן לאַנד? איז טאַקע מער ניטאָ קיין האָפענונג, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיין זינדיק פאָלק און ניט ברענגען דעם חורבן?

די ערשטע וויזיע

יחזקאל איז געשטאַנען אויף דעם ברעג פון טייך כבר, פלוצים האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעמווינט און אַ גרויסער וואָלקן איז אָנגעקומען — אַ

געדיכטער וואָלקן מיט אַ פייערדיקן פלאַם. יחזקאל האָט פאַרשטאַנען, אַז גאָט באַווייזט זיך צו אים. גאָט קומט אָפּט מיט אַ שטורעם און אין אַ געדיכטן וואָלקן(12). איצט באַווייזט ער זיך צו אים, צו יחזקאלען, אין גלות, אין אַ פרעמד, אומריין לאַנד. זעט יחזקאל אַז גאָט איז אומעטום מיט זיין פאָלק, ער קאָן זיך אַנטפּלעקן צו זיינע אויסדערוויילטע אויף די ברעגעס פון כבר, פונקט ווי אויפן באַרג סיני, אָדער אין יהודה(13).

יחזקאל דערציילט וועגן זיין ערשטער וויזיע:

— און עס איז געווען אין פינפטן טאָג פון חודש, אין דעם פינפטן יאָר נאָך דעם גלות פון יהויכין, האָב איך געזען זעאונגען פון גאָט.

— און איך האָב געזען, ערשט אַ שטורעמווינט קומט אָן פון צפון, אַ גרויסער וואָלקן מיט אַ פלאַקערדיקן פייער. און אין דעם פייער און אין דעם געדיכטן וואָלקן זיינען געווען געשטאַלטן פון פיר חיות. און דאָס איז געווען זייער אויסזען: זיי האָבן געהאַט דאָס געשטאַלט פון אַ מענטשן. יעדע חיה האָט געהאַט פיר פּנימער און פיר פליגלען. און הענט פון אַ מענטשן זיינען געווען אונטער די פליגלען. און די פיר פּנימער, וואָס יעדע חיה האָט געהאַט, זיינען געווען: אַ פּנים פון אַ מענטשן, אַ פּנים פון אַ לייב, אַ פּנים פון אַן אָקס און אַ פּנים פון אַן אָדלער.

— און דער אויסזען פון די געשטאַלטן פון די חיות, איז געווען ווי ברענענדיקע קוילן פייער. און דאָס פייער האָט געהאַט אַ גלאַנץ. און פון דעם פייער איז אַרויסגעגאַנגען אַ בליץ.

— און די חיות זיינען געלאָפן הין און צוריק, אָט ווי עס לויפט אַ בליץ. און לעבן יעדער חיה איז געווען אַ ראָד, אַ ראָד צו יעדן פּנים. דער אויסזען פון די רעדער איז געווען ווי דער אָנבליק פון גאָלדשטיין.

— און איבער די קעפּ פון די חיות איז געווען אויסגעשפּרייט אַ הימל. און דער הימל האָט געהאַט דעם אָנבליק פון מוראדיקן אייז. און אונטער דעם הימל זיינען געווען די פליגלען פון די חיות. און אַז די חיות זיינען געגאַנגען, האָב איך געהערט דאָס גערויש פון זייערע פליגלען, וואָס איז געווען ווי דאָס גערויש פון גרויסע וואַסערן.

— און העכער פון דעם הימל, וואָס איז געווען איבער זיי, האָב איך געזען אַ טראָן. און אויף דעם טראָן האָב איך געזען אַ געשטאַלט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש. פון זיינע לענדן אַרויף האָט ער געהאַט אַזוי ווי דעם אָנזען פון בורשטין, און פון זיינע לענדן אַראָפּ האָט ער געהאַט ווי דעם אויס־זען פון פייער, מיט אַ גלאַנץ רונד אַרום. אַזוי ווי דער אויסזען פון רעגנבויגן, וואָס איז אין וואָלקן, אין אַ טאָג פון רעגן, אַזוי איז געווען דער אויסזען פון דעם גלאַנץ אַרום אים(14).

— דאָס איז געווען יהוהס פּראַכט.

— און ווי איך האָב עס דערזען, בין איך געפאַלן אויף מיין פּנים. באַלד האָב איך געהערט אַ קול פון איינעם וואָס רעדט. און ער האָט געזאָגט צו מיר:

— מענטשנזון, שטעל דיך אויף דיינע פיס, און איך וועל ריידן צו דיר (15).

— און אַ גייסט איז אַריין אין מיר און האָט מיך אויפגעשטעלט אויף מיינע פיס, און איך האָב געהערט וואָס ער האָט גערעדט צו מיר. און דאָס קול האָט געזאָגט:

— מענטשנזון, איך שיק דיך צו די קינדער פון ישראל, וואָס האָבן ווידערגעשפּעניקט קעגן מיר; זיי און זייערע עלטערן האָבן געזינדיקט קעגן מיר ביז היינטיקן טאָג. צו זיי שיק איך דיך. און דו זאָלסט זאָגן צו זיי:

— אַזוי האָט גערעדט גאָט דער האר! און דו זאָלסט ריידן מיינע ווערטער צו זיי, צי זיי ווילן הערן, צי זיי ווילן ניט הערן, ווייל ווידערשפּעניקע זיינען זיי. אָבער זאָלן זיי וויסן, אַז אַ נביא איז געווען צווישן זיי.

יחזקאל האָט ניט געענטפערט. ער איז געבליבן ווי פאַרשטיינט. ער האָט געוואוסט, אַז גאָט שיקט אים ניט צו ברענגען טרייסט צו די גולים. ירושלים צוליב אירע זינד וועט חרוב ווערן, דאָס גאַנצע פאָלק וועט פאַר־טריבן ווערן אין גלות. אָבער ווי קאָן ער קומען צו די גולים און זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן אָן זייער היים, זיך איינלעבן דאָ אין לאַנד, און תפילה טאָן צו גאָט אַז קיין בייז זאָל ניט געשען צו בבל, צום שונא, וואָס האָט זיי פאַרטריבן פון זייער היים? (16). ווי קאָן ער עפענען דאָס מויל און דערציילן די פאַרטריבענע, אַז זייערע ברידער און שוועסטער, קינדער און קרובים, די גלוסטעניש פון זייער זעל, די וואָס זיינען איצט אין ירושלים, וועלן אויסגעקוילעט ווערן, און די וואָס וועלן זיך ראַטעווען, וועלן פאַרטריבן ווערן פון שונא אין גלות (17)?

קיינער פון די נביאים האָט ניט אָנגענומען זיין שליחות מיט פרייד. אַפילו משה, דער פאָטער פון אַלע נביאים, האָט זיך געשראָקן פאַר דער גרויסער שליחות און מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די לאַסט פון אַ נביא, און ער האָט זיך געבעטן ביי גאָט: שיק דורך וועמען דו וועסט שיקן(18). ישעיה האָט אויך מורא געהאַט. ווען גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו אים, האָט ישעיה אויסגערופן: איך בין אַ פאַרלאָרענער, ווייל איך בין אַ מענטש מיט אומריינע ליפּן(19). און ירמיהו האָט געטענהט: איך קאָן ניט רעדן, ווייל איך בין נאָך אַ יינגל(20). יחזקאל האָט קאָנטיק זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די שליחות, ווייל מיר הערן ווי גאָט רעדט צו אים זייער האַרבע רייד:

— און דו מענטשנקינד, הער וואָס איך רעד צו דיר, און דו זאָלסט ניט זײַן ווידערשפּעניק, ווי דאָס ווידערשפּעניקע הויז פון ישראל (21).

אַזעלכע האַרבע רייד האָט גאָט קיינמאָל ניט גערעדט צו אַ נביא.

און יחזקאל דערציילט:

— און איך האָב אַ קוק געטאָן, און איך האָב געזען, ערשט אַ האַנט איז אויסגעשטרעקט צו מיר, און אין דער האַנט איז געווען אַ מגילה. און די מגילה איז געווען פאַרשריבן פון ביידע זייטן. און אויף איר איז געווען אָנגעשריבן טרויער, קלאָג און וויי. און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— עס די דאָזיקע מגילה און גיי רעד צו דעם הויז פון ישראל.

— און איך האָב געעפנט מײַן מויל, און ער האָט מיר געגעבן די דאָזיקע מגילה, און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— מענטשנזון, דײַן בויך זאָל זיך אָנעסן, און דײַן אינגעווייד זאָלסטו אָנפילן מיט דער מגילה וואָס איך גיב דיר.

— און איך האָב זי אויפגעגעסן, און זי איז געווען אין מײַן מויל זיס ווי האָניק (22).

יחזקאל איז געווען שטאָלץ און פול מיט פרייד, וואָס גאָט האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַזאַ וויכטיקער שליחות. די מגילה וואָס גאָט האָט אים געגעבן צו עסן, איז אים געווען זיס ווי האָניק. אָבער ער האָט זיך ניט געאײַלט אָנצונעמען דעם אָנבאָט פון גאָט צו ווערן אַ נביא. און גאָט רעדט אים אײַן, ער זאָגט צו אים, אַז ער זאָל זיך ניט שרעקן פאַר די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון די יידן, ער זאָל זיך ניט שרעקן פאַר דער שווערער שליחות.

און גאָט האָט ווייטער גערעדט:

— גיי צו דעם הויז פון ישראל, און דו זאָלסט ריידן מײַנע רייד צו זיי, וואָרום ניט צו אַ פאָלק מיט אַ מאָדנער שפּראַך און אַ שווערער צונג ווערסטו געשיקט, נאָר צו דעם הויז פון ישראל. און זיי וועלן זיך ניט צוהערן צו דיר, ווייל זיי ווילן ניט צוהערן צו מיר, וואָרום דאָס גאַנצע הויז פון ישראל האָט האַרטע שטערנס און פאַרהאַרטעוועטע הערצער. אָבער איך האָב געמאַכט דײַן פּנים האַרט אַנטקעגן זייער פּנים, און דײַן שטערן האַרט אַנטקעגן זייערע שטערנס. אַזוי ווי דימענט איז האַרטער פון פעלז, אַזוי האָב איך געמאַכט דײַן שטערן האַרטער פון זייערע שטערנס (23), דו זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי, און דו זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר זייערע פּנימער, גיי צו די פאַרטריבענע, צו די קינדער פון דײַן פאָלק, און דו זאָלסט ריידן צו זיי, צי זיי וועלן יאָ הערן, צי זיי ווילן ניט הערן (24).

אָבער יחזקאל האָט דאָך ניט אָנגענומען די שליחות פון גאָט באַלד אויפן אָרט.

— און אַ ווינט האָט מיך אויפגעהויבן און מיך אַפּגעטראָגן ווייטער פון דעם פּראַכט פון יהוה. און איך האָב געהערט הינטער מיר אַ גערויש ווי אַ גרויס ערדציטערניש. און דער ווינט האָט מיך אויפגעהויבן און מיך אַוועקגענומען. און איך בין אַוועקגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער אין מיין שווער געמיט, און די האַנט פון גאָט איז געווען שווער אויף מיר. און איך בין אַוועק און בין געקומען צו די פאַרטריבענע קיין תל־אביב. און איך בין דאָרט געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און איך האָב געשוויגן, ווי איינער וואָס איז פאַרווירט(25).

יחזקאל ווערט נביא

יחזקאל האָט אַלץ ניט געוואָלט נביאות זאָגן. ער קאָן ניט קומען צו די פאַרטריבענע אין גלות, צו די עלנטע יידן, וואָס בענקען אַהיים, און ברענגען צו זיי אָנזאָגונגען פון נייע אומגליקן, שטראָפן און פורעניותן. אמת, דאָס וואָס גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין בבל, אין אַן אומריין לאַנד, אין אַ לאַנד פון געצן־דינער, איז אַ גוטער סימן(26), ווייל אויב יהוה איז איצט אַרויסגעגאַנגען פון יהודה און זיך באַוויזן אין דער פרעמד צו פאַראויס־זאָגן אומגליק און בראַך, קאָן ער שפּעטער קומען און אויסלייזן זיינע פאַרטריבענע קינדער. ס׳איז דאָ טרייסט און האָפענונג אין דער אַנטפּלעקונג, וואָס גאָט האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט אויף די ברעגן פון כבר. אָבער די טרייסט איז דאָך אויף שפּעטער. איצט דאַרף דער נביא קומען צו די גולים מיט טרויער, קלאָג און ווי. און דאָס האָט יחזקאל, אַ קריגס־געפאַנגענער, אַליין אַ פאַרטריבענער, ניט געקאָנט און ניט געוואָלט טאָן.

זיבן טעג איז דער נביא געזעסן שטום און ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. אויף דעם סוף פון זיבעטן טאָג האָט זיך גאָט צו אים ווידער אַנטפּלעקט. און גאָט האָט צו אים געזאָגט: — וואָס שוויגסטו, יחזקאל? אַ וועכטער האָב איך דיך געמאַכט פאַר דעם הויז פון ישראל, און פון דיר וועל איך עס מאָנען, אויב יידן וועלן ניט געוואָרנט ווערן (27). דערציילט דער נביא:

— און עס איז געווען צום סוף פון זיבן טעג, איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנקינד, אַ וועכטער האָב איך דיך געמאַכט פאַר דעם הויז פון ישראל, און אַז דו וועסט הערן פון מיין מויל אַ וואָרט, זאָלסטו זיי וואָרענען פון מיינעטוועגן. אַז איך וועל זאָגן צום רשע: שטאַרבן זאָלסטו שטאַרבן, און דו האָסט אים ניט געוואָרנט, כדי ער זאָל לעבן, און דער רשע וועט שטאַרבן פאַר זיין זינד, זיין בלוט וועל איך מאָנען פון דיין האַנט. אָבער

אויב דו האָסט געוואָרנט דעם רשע, און ער האָט זיך ניט אומגעקערט פון זיין שלעכטן וועג, וועט ער שטאַרבן פאַר זיינע זינד, און דו האָסט געראַטעוועט דיין זעל. און אַז דער צדיק קערט זיך אָפּ פון זיין גערעכטיקייט, און ער טוט אומרעכט, און דו האָסט אים ניט געוואָרנט, און ער וועט שטאַרבן פאַר זיין חטא, זיין בלוט וועל איך מאָנען פון דיין האַנט, ווייל דו האָסט אים ניט געוואָרנט. אָבער אויב דו האָסט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל ניט זינדיקן, און ער האָט ניט געזינדיקט, וועט ער בלייבן לעבן, ווייל ער האָט אָנגענומען די וואָרנונג. און דו האָסט געראַטעוועט דיין זעל(28).

יחזקאל האָט ניט געקאָנט אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַחריות, וואָס גאָט האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ער גיט זיך אונטער. ער הויבט אָן נביאות זאָגן צו די גולים. און די נבואות זיינען ביטערע און בייזע — אַט אַזוי ווי די מגילה, וואָס ער האָט אויפגעגעסן: טרויער, קלאָג און וויי. דער נביא, וואָס האָט אַליין געליטן פון דער שווערער האַנט פון שונא, האָט פאַרבאָרגן זיין שנאה צום אונטערדריקער און איינגעצאַמט זיין ליבשאַפט צום פאָלק. ער האָט באַהאַלטן זיינע טרייסט־רייד אויף שפּעטער, ווען דער אומגליק וועט קומען, ווען די גרויסע שטראָף פון חורבן וועט זיי רייניקן פון זייערע זינד און אָפּטאָן זייער אומריינקייט, יעמאָלט וועט ער זיי טרייסטן און דערציילן וועגן דער גליקלעכער, ליכטיקער צוקונפט וואָס וואַרט אויף זיי. איצט אָבער, אַז יידן זיינען פאַרעקשנט אין זייער ווידערשפּעניקייט, האָט ער פאַר זיי נאָר טרויער, קלאָג און וויי.

פינף סימבאָלישע נבואות

די שווערסטע זאַך, ווייזט אויס, איז געווען צו איבערצייגן די יידן, אַז ירושלים קאָן חרוב ווערן. זינט די טעג פון ישעיה איז ביי אונדזער פאָלק געווען אַן איינגעוואָרצלטער גלויבן, אַז גאָט וועט ניט חרוב מאַכן זיין וואוינאָרט. יחזקאל האָט געפּרובירט אויסוואָרצלען אָט דעם גלויבן ביים פאָלק, ווייל דער נביא איז געווען זיכער אַז ירושלים מוז חרוב ווערן פאַר אירע זינד. כדי זיינע רייד זאָלן בעסער ווירקן, האָט ער פאַר די גולים אויסגעמאָלט די באַלאַגערונג פון דער שטאָט און די ליידן פון די איינוואוינער. ער איז ניט געווען דער ערשטער צווישן די נביאים, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ נבואה סימבאָליש. אין ספר מלכים(29) ווערט דערציילט ווי אַן אומבאַקאַנטער נביא האָט זיך געבעטן ביי אַן אַנדער נביא, אַז ער זאָל אים צעשלאָגן, און דערנאָך, אַ צעשלאָגענער, האָט ער זיך געשטעלט פאַרן מלך

פון ישראל. ישעיה איז דריי יאָר אַרומגעגאַנגען האַלב נאַקעט און באָרוועס איבער די גאַסן פון ירושלים(30). ירמיהו האָט אַפּט דראַמאַטיזירט זיינע נבואות: ער האָט צעבראָכן אַ ליימענעם טאָפּ פאַר די אויגן פון די זקנים פון יהודה. ער האָט אָפּגעקויפט אַ פעלד אין צייט פון באַלאַגערונג; ער האָט געשיקט אַ געשריבענע נבואה קיין בבל און געהייסן צובינדן אַ שטיין צו איר און זי אַריינוואַרפן אין טייך פרת — אַט אַזוי ווי די פאַרשריבענע נבואה וועט זינקען, אַזוי וועט בבל איינגעזונקען ווערן(31).

אָבער יחזקאל האָט זיך פאַרשטעלט אָפטער ווי אַלע אַנדערע נביאים. זיינע נבואות האָט ער אַלעמאָל ניט סתם אַזוי אַרויסגערעדט צום פאָלק, נאָר זיי אָפּגעשפּילט פאַר די אויגן פון די צוהערער. די גולים האָבן טאַקע אָפּט געזאָגט: — ער איז נאָר אַ משלים־זאָגער. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז יחזקאל שפּילט־אָפּ אויף זיך אַליין די שוידערלעכע געשעענישן וואָס וועלן קומען, אַז ער נעמט אויף זיך אַליין דעם פּיין פון דער אומה. ער האָט געליטן די ליידן פון פאָלק ניט נאָר סימבאָליש. ער האָט זיך אַליין געמאַטערט. אויף זיין אייגענעם גוף האָט ער דורכגעפירט די שטראָף, וואָס גאָט וועט אויסגיסן אויף זיין פאָלק.

יחזקאל דערציילט אַז גאָט האָט אים באַפוילן (32):

— און דו, מענטשנזון, נעם אַ ציגל און דו זאָלסט אים אַוועקלייגן פאַר דיר, און אויסקריצן זאָלסטו אויף אים די שטאָט ירושלים, און דו זאָלסט אויסקריצן אַרום דער שטאָט אַ באַלאַגערונג(33): אַן ערדוואַל, אַ באַלאַגער־מויער, שטורעם־בעק רונד אַרום און מחנות חייל. און דערנאָך נעם אַן אייזערנע פאַן און זאָלסט זי שטעלן ווי אַן אייזערנע וואַנט צווישן דיר און דער שטאָט, ווי די וואַנט וואָס שטייט צווישן די באַלאַגערער און באַלאַגערטע. און דו זאָלסט שטיין מיט דיין פּנים צו דער שטאָט, אַט ווי דער שונא וואָס קוקט זיך צו צו אַלץ, וואָס קומט פאָר אין שטאָט (34). זי זאָל זיין אין באַלאַגערונג, און דו זאָלסט זיין דער באַלאַגערער. און צו ירושלים זאָלסטו קערן דיין פּנים, מיט דיין אָרעם אַנטבלויזט, און דו זאָלסט נביאות זאָגן אויף איר(35).

אין אַט דער ערשטער נבואה פאַרשטעלט זיך דער נביא פאַר דעם באַלאַגערער, און אין דער צווייטער סימבאָלישער נבואה נעמט ער אָן דאָס געשטאַלט פון פאָלק:

— און דו לייג זיך אויף דיין לינקער זייט, און דו זאָלסט טראָגן אויף איר די שטראָף פאַר די זינד פון דעם הויז פון ישראל. די צאָל טעג וואָס דו וועסט ליגן אויף איר, וועסטו טראָגן און ליידן פאַר זייערע זינד. און איך האָב

גערעכנט די יאָרן פון זייערע זינד פאַר טעג. הונדערט און ניינציק טעג וועסטו טראָגן די שטראָף פאַר די זינד פון ישראל און יהודה. הונדערט און פופציק טעג וועסטו טראָגן די שטראָף פאַר די זינד פון ישראל; און אַז דו וועסט ענדיקן די דאָזיקע טעג צו ליגן אויף דער לינקער זייט, זאָלסטו זיך לייגן אויף דיין רעכטער זייט און טראָגן די שטראָף פאַר די זינד פון יהודה — פערציק יאָר, אַ טאָג פאַר אַ יאָר האָב איך עס פאַר דיר פאַררעכנט. און זע, שטריק טו איך אויף דיר אַרויף, און דו וועסט זיך ניט קאָנען אומדרייען פון איין זייט אויף דער אַנדערער ביז דו וועסט ניט ענדיקן די טעג פון דיין באַלאַגערונג(36).

און דערנאָך שטעלט ער פאַר די דריטע סימבאָלישע נבואה. ער עסט ברויט זייער קאַרג און טרינקט ווייניק וואַסער. דאָס אינסצענירט ער דעם הונגער צושטאַנד פון די באַלאַגערטע:

— און דיין עסן וואָס דו וועסט עסן זאָל זיין אויפן וואָג — צוואַנציק שקל אַ טאָג. פון מעת־לעת צו מעת־לעת זאָלסטו עס עסן. און וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען. אַ זעקסטל הין, פון מעת־לעת צו מעת־לעת זאָלסטו טרינקען.

— און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— מענטשנזון, זע, איך וועל צעברעכן דעם אָנשפּאַר פון ברויט (37) אין ירושלים, און זיי וועלן עסן ברויט אויפן וואָג און מיט זאָרג. און וואַסער מיט אַ מאָס און מיט ציטער וועלן זיי טרינקען (38), ווייל עס וועט זיי פעלן ברויט און וואַסער. און זיי וועלן קוקן מיט שרעק איינער אויפן אַנדערן, און זיי וועלן אויסגיין פון די כוחות צוליב זייערע זינד.

און די פערטע נבואה האָט יחזקאל געהאַלטן וועגן דער אומרייַנער שפּייז, וואָס די גולים וועלן עסן(39).

— און דו נעם דיר ווייץ און גערשטן און בעבלעך און לינדזן און הירזש און טונקל ווייץ און לייג זיי אַריין אין אַ כּלי, און דו זאָלסט פון דעם מאַכן ברויט. די צאָל טעג, וואָס דו ליגסט אויף דיין זייט זאָלסטו דאָס עסן, און אויף מענטשלעכן אָפּפאַל זאָלסטו עס באַקן, פאַר זייערע אויגן, ווייל אַזוי וועלן עסן די קינדער פון ישראל זייער ברויט, אומריין צווישן די פעלקער צווישן וועלכע איך וועל זיי פאַרשטויסן(40).

און איך האָב געזאָגט:

— זע, גאָט, דו האַר, איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַראומרייניקט, און קיין נבלה און קיין טריפה האָב איך ניט געגעסן פון מיין יוגנט אָן.

און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— אָנשטאָט אָפּפאַל פון מענטשן נעם מיסט פון רינדער, און דו זאָלסט באַקן דיין ברויט דערויף.

און די פינפטע און לעצטע סימבאָלישע נבואה איז וועגן דעם סוף פון די באַלאַגערטע.

— און דו מענטשנזון, נעם דיר אַ שאַרפע שווערד, פאַר אַ גאָלמעסער זאָלסטו זי נעמען, און דו זאָלסט אָפּגאָלן דיין קאָפּ און דיין באָרד. און דו זאָלסט נעמען אַ וואָגשאָל און צעטיילן די האָר אויף דריי גלייכע חלקים: איין דריטל זאָלסטו פאַרברענען אין פייער אין מיטן שטאָט, ווען עס וועלן פול ווערן די טעג פון דער באַלאַגערונג. און דאָס צווייטע דריטל זאָלסטו נעמען און שלאָגן מיט דער שווערד רונד אַרום דער שטאָט. און דאָס לעצטע דריטל זאָלסטו צעשפּרייטן פאַרן ווינט. און פון די צעשפּרייטע פאַרן ווינט זאָלסטו נעמען עטלעכע אין צאָל, און זיי איינבינדן אין די ברעגן פון דיין קליידל. און פון די איינגעבונדענע אין דיין קלייד זאָלסטו ווידער נעמען עטלעכע און זיי אַריינוואַרפן אין מיטן פייער און פאַרברענען.

נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעשפּילט די פינף סימבאָלישע נבואות, האָט יחזקאל זיי פאַרטייטשט פאַר די גולים. ער ווייזט אָן מיטן פינגער אויף דער שטאָט ירושלים, וואָס איז אויסגעקריצט אויפן ציגל און זאָגט (41).

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— דאָס איז ירושלים. אין מיטן פון אַלע פעלקער, האָב איך זי אויפגעשטעלט. מיט לענדער ארום איר און זי אין מיטן(42), און זי האָט פאַרמיאוסט מיינע געבאָטן און געזינדיקט מער פון אַלע פעלקער, און אויף מיינע געזעצן האָט זי עובר געווען מער ווי אַלע אַנדערע ארום איר. זי האָט פאַראַכט מיינע אָנזאָגונגען, און מיינע געזעצן האָט זי ניט אויסגעפאָלגט. דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:

— ווייל איר האָט ווידערגעשפּעניקט(43) מער פון די פעלקער וואָס רונד אַרום אייך, און אין מיינע וועגן זייט איר ניט געגאַנגען, און מיינע געזעצן האָט איר ניט געפאָלגט, און אַפילו ווי די געזעצן פון די פעלקער, וואָס זיינען ארום אייך, האָט איר ניט געטאָן. דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:

— זע, איך, אַפילו איך, בין געגן דיר(44), און איך וועל דיך באַשטראָפן פאַר די אויגן פון די פעלקער. און איך וועל טאָן מיט דיר דאָס וואָס איך

האָב קיינמאָל ניט געטאָן, און וועל מער ניט טאָן, צוליב אַלע דיינע אומ־ווירדיקייט. עלטערן וועלן עסן קינדער אין דער צייט פון באַלאַגערונג, און קינדער וועלן עסן זייערע עלטערן, און איך וועל דיך באַשטראָפן; איך וועל צעשפּרייטן דיין איבערבלייב אויף אַלע ווינטן.

— דרום אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האר:

— פאַרוואָר, ווייל דו האָסט מיין הייליקטום פאַראומרייניקט מיט אַלע דיינע מיאוסקייטן און מיט אַלע דיינע אומווירדיקייטן, וועל איך דיך דערפאַר ניט שאַנעווען און זיך ניט דערבאַרעמען אויף דיר. אַ דריט חלק פון דיר וועט שטאַרבן פון פּעסט און אויסגייין פון הונגער, אַ דריט חלק וועט דורך דער שווערד פאַלן רונד אַרום דיר, און אַ דריט חלק וועל איך אויף ווינטן צעשפּרייטן, און מיין שווערד וועל איך אַרויסציען נאָך זיי. און איך וועל אויסלאָזן מיין כעס אויף דיר, און וועל שטילן מיין צאָרן אויף זיי, און איך וועל זיך איינשטילן. און זיי וועלן וויסן, אַז איך יהוה האָב גערעדט אין מיין פאַרדרוס, ווען איך לאָז אויס מיין גרימצאָרן אויף זיי.

גלות קליידער (45)

זיכער האָבן אַ סך פון די גולים זיך צוגעקוקט ווי דער כוהן נביא שטעלט פאָר זיינע נבואות. אָבער זיי האָבן זיך צו אים ניט צוגעהערט. און דער נביא ווענדט זיך צו די יידן מיט די אַלטע טענות פון די פריערדיקע נביאים:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, צווישן אַ ווידערשפּעניקער געמיינדע זיצסטו. זיי האָבן אויגן צו זען און זעען ניט, האָבן אויערן צו הערן און הערן ניט, ווייל זיי זיינען ווידערשפּעניק.

און דער נביא שפּילט־אָפּ פאַר זיי נאָך אַ נבואה.

— און דו, מענטשנזון, מאַך דיר וואַנדער כלים און דו זאָלסט אַרויס־טראָגן דיינע כלים אַזוי ווי מען טראָגט אַרויס וואַנדער־כלים, ביי טאָג, פאַר זייערע אויגן, און דו זאָלסט אַרויסגייין אין אָוונט פאַר זייערע אויגן, אַזוי ווי מען גייט אין גלות. פאַר זייערע אויגן גראָב זיך דורך דער וואַנט און גיי אַרויס דורך איר. פאַר זייערע אויגן זאָלסטו אויפן אַקסל טראָגן, אין שטאָק פינצטערניש זאָלסטו אַרויסגייין. דיין פּנים זאָלסטו פאַרדעקן און דו זאָלסט ניט אָנקוקן דאָס לאַנד, וואָרום אַ ביישפּיל, אַ צייכן, האָב איך דיך געמאַכט פאַר דעם הויז פון ישראל.

און דער נביא דערציילט:

— און איך האָב געטאָן אזוי ווי מען האָט מיר אָנגעזאָגט צו טאָן: מיינע כלים האָב איך אַרויסגעטראָגן, ווי וואַנדער־כלים, בייטאָג: און אין אָוונט האָב איך דורכגעבראָכן די וואַנט מיט דער האַנט; אין שטאָק פינצטערניש בין איך אַרויס, אויפן אַקסל האָב איך געטראָגן די כלים פאַר זייערע אויגן.

און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אינדערפרי אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, דאָס הויז פון ישראל, די ווידערשפעניקע עדה, האָט דאָך געזאָגט צו דיר: וואָס טוסטו? זאָג צו זיי:

גאַנצן הויז פון ישראל. זאָג:

— דידאָזיקע נבואה איז אויף דעם פירשט פון ירושלים און אויף דעם גאַנצן הויף פון ישראל. זאָג:

— איך, יחזקאל בין אייערביישפּיל. דאָס וואָס איך האָב געטאָן, אַזוי וועט געטאָן ווערן צו זיי. אין גלות, אין געפאַנגענשאַפט, וועלן זיי גיין. און דער פירשט, וואָס צווישן זיי, וועט אויפן אַקסל טראָגן, אין שטאָק פינצטערניש וועט ער אַרויסגיין, די וואַנט וועט מען אונטערגראָבן כדי אים אַרויסצופירן דורך איר. זיין פנים וועט ער פאַרדעקן, כדי ער זאָל ניט אָנקוקן מיטן אויג דאָס לאַנד. אָבער איך וועל אויסשפּרייטן מיין נעץ אויף אים, און ער וועט געפאַנגען ווערן אין מיין פאַסטקע, און איך וועל אים ברענגען קיין בבל, אין לאַנד פון די כשדים. און אַלע וואָס אַרום אים, זיינע העלפער און זיינע חיילות, וועל איך צעשפּרייטן אויף אַלע ווינטן. און אַ שווערד וועל איך אַרויסציען הינטער זיי, און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט און איך פאַרטרייב זיי צווישן פעלקער און צעשפּרייט זיי אין די לענדער. נאָר געציילטע וועל איך איבערלאָזן פון שווערד, הונגער און פעסט, כדי זיי זאָלן דערציילן, וועגן אַלע זייערע אומווירדיקייטן, צווישן די פעלקער, וואָס זיי זיינען געקומען אַהין. און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט(46).

און דאָס וועט באַלד מקוים ווערן!

— דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, דאָס הויז פון ישראל זאָגט: די זעאונג וואָס ער זעט וועט ערשט זיין אין פיל טעג אַרום, און אויף ווייטע צייטן זאָגט ער נביאות.

דרום זאָג איך צו זיי: איך וועל מער ניט אָפּלייגן מיינע ווערטער, ווי איך האָב געטאָן ביז איצט. אַז איך וועל ריידן אַ וואָרט, וועט עס געשען, זאָגט גאָט דער האַר (47).

צו די בערג פֿון ישראל

די פֿריערדיקע נבואות זיינען געווענדט געווען קעגן ירושלים, וואָס האָט פֿאַרמיאוסט גאָטס געבאָטן און געזעצן און פֿאַראומרייניקט גאָטס הייליקטום מיט אומווירדיקייטן. פֿאַר די זעלביקע זינד וועט גאָטס צאָרן זיך אויסשפּרייטן איבערן גאַנצן לאַנד, דערהויפּט איבער די בערג פֿון יהודה, וואו יידן האָבן געדינט צו די געצן(48).

— און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, טו אַ קער דיין פּנים צו די בערג פֿון ישראל און זאָג נביאות אויף זיי. און דו זאָלסט זאָגן:

— איר בערג פֿון ישראל, הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט דעם האַר:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו די בערגלעך, צו די בערג, צו די בערג־שפּאַלטן און צו די טאָלן. זעט: — איך וועל ברענגען אויף אייך אַ שווערד און איך וועל צעשטערן אייערע במות, און עס וועלן פֿאַרוויסט ווערן אייערע מזבחות, און צעבראָכן וועלן ווערן אייערע זונזיילן(49).

— און איך וועל אומוואַרפֿן אייערע דערשלאָגענע פֿאַר אייערע אָפּגעטער, און איך וועל אויסלייגן די פּגרים פֿון די קינדער פֿון ישראל פֿאַר זייערע געצן, און איך וועל צעשפּרייטן זייערע ביינער רונד אַרום זייערע מזבחות. און אַלע אייערע ישובים וועלן חרוב ווערן. די שטעט און די במות וועלן פֿאַרוויסט ווערן, כדי חרוב און וויסט זאָלן ווערן אייערע מזבחות, און צעבראָכן און צעשטערט זאָלן ווערן אייערע אָפּגעטער, און אָפּגעהאַקט זאָלן ווערן אייערע זונזיילן און אויסגעמעקט זאָלן ווערן אייערע ווערק וואָס איר דינט צו זיי.

— אָבער איך וועל לאָזן אַן איבערבלייב, אַזוי אַז איר זאָלט האָבן אַנטרונענע פֿון שווערד צווישן די פֿעלקער, ווען איר וועט צעשפּרייט ווערן צווישן די לענדער. און אייערע אַנטרונענע וועלן מיך דערמאָנען צווישן די פֿעלקער, וואו זיי זיינען געפֿאַנגען געוואָרן, ווען איך האָב צעבראָכן זייער האַרץ, וואָס ווערט פֿאַרפֿירט און קערט זיך אָפּ פֿון מיר, און ווען איך האָב נידעריק געמאַכט זייערע אויגן וואָס ווערן פֿאַרפֿירט פֿון אָפּגעטער, און זיי וועלן זיך מיאוסן פֿון זיך אַליין, צוליב דער בייזקייט, וואָס זיי האָבן געטאָן ביי אַלע אומווירדיקייטן. און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט, און ניט אומזיסט האָב איך גערעדט צו טאָן דאָס דאָזיקע בייז.

און דער נביא שטעלט זיך אויף און פֿאַרברעכט די הענט און טופּעט מיט די פֿיס פֿון גרויס צער און ווייטיק און ער זאָגט:

— ווי אויף אַלע אומווירדיקייטן פון דעם הויז פון ישראל, ווייל פון שווערד, פון הונגער און פון פעסט וועלן זיי פאַלן. דער וואָס איז ווייט פון שטאָט, וועט שטאַרבן פון פעסט, און דער וואָס איז נאָענט צו דער שטאָט, וועט פון דער שווערד פאַלן. און דער וואָס איז געבליבן פון שווערד און איז אַ באַלאַגערטער אין שטאָט, וועט שטאַרבן פון הונגער. און איך וועל אויסלאָזן מיין גרימצאָרן אויף זיי. און איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף זיי, און איך וועל מאַכן דאָס לאַנד נאָך מער וויסט ווי די מדבר פון דבלה. און זיי וועלן וויסן אַז איך בין יהוה(50).

דער סוף פון לאַנד

פאַר די גולים איז נאָך אַלץ געווען שווער צו באַנעמען, אַז ירושלים וועט חרוב ווערן, אַז דער בית־המקדש וועט צעשטערט ווערן, אַז דאָס לאַנד וועט פאַרוויסט ווערן, און אַז דאָס פאָלק וועט פאַרטריבן ווערן אין גלות. חזרט איבער דער נביא די נבואה פון חורבן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אויף פאַרשידענע אופנים, כדי צו באַווירקן די פאַרטריבענע:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— דו מענטשנזון, זאָג:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו דער ערד פון ישראל.

— דער סוף איז געקומען, געקומען איז דער סוף צו דער ערד פון ישראל. אַ סוף איז געקומען צו אַלע פיר עקן פון לאַנד. איך וועל אַנשיקן מיין צאָרן אויף דיר. איך וועל דיך שטראָפן לויט דיינע זינדיקע וועגן. מיין אויג וועט אויף דיר ניט רחמנות האָבן, און איך וועל זיך ניט דערבאַרעמען אויף דיר, ווייל לויט דיינע וועגן און דיינע אומווירדיקייטן וועל איך דיך באַשטראָפן.

— געקומען איז די צייט, דערגרייכט האָט דער טאָג, אַז דער קויפער זאָל זיך ניט פרייען און דער פאַרקויפער זאָל ניט טרויערן, ווייל דער פאַר־קויפער וועט זיך אין זיין לעבנס לעבן ניט אומקערן צו דער נחלה וואָס ער האָט פאַרקויפט.

— אין דרויסן איז די שווערד און אינעווייניק איז פעסט און הונגער. דער וואָס איז אין פעלד, וועט דורך דער שווערד שטאַרבן, און דער וואָס איז אין שטאָט, וועלן אים הונגער און פעסט אויפעסן. און די אַנטרונענע וועלן אַנטרינען אויף די בערג און וועלן קלאָגן ווי די טויבן פון די טאָלן(51). אַלע הענט וועלן שלאַף ווערן, און אַלע קני וועלן רינען מיט וואַסער, און זיי

וועלן אָנטאָן זאַק־קליידער, און אַ שוידער וועט זיי באַדעקן. און אויף אַלע פּנימער וועט זיין בושה און אויף אַלע זייערע קעפּ וועט זיין אַ פּליך(52). זייער זילבער וועלן זיי אויף די גאַסן אַרויסוואַרפן, און זייער גאָלד וועט ווי אַן אומרייניקייט ווערן. ניט זייער גאָלד און ניט זייער זילבער וועט זיי קאָנען ראַטעווען אין דעם טאָג פון גאָטס גרימצאָרן. זייער לייב וועלן זיי ניט קאָנען אָנזעטיקן. און זייער אינגעווייד וועלן זיי ניט קאָנען אָנפילן מיט דעם גאָלד און זילבער(53). אַ שטרויכלונג פון זינד איז זייער רייכקייט געווען. זיי האָבן שיינע צירונג געמאַכט צו גרויסן זיך. און פון דעם גאָלד האָבן זיי אויסגעאַרבעט בילדער פון זייערע מיאוסע אומווירדיקייטן. און דערפאַר וועל איך זייער רייכקייט איבערגעבן אין דער האַנט פון פרעמדע צו רויב, און צו די רשעים פון דער ערד צום פּלינדער. איך וועל אָפּקערן מיין פּנים פון זיי. איך וועל ברענגען די ערגסטע פון די פעלקער, און זיי וועלן ירשענען זייערע הייזער. איך וועל צעשטערן דעם שטאָלץ פון די שטאַרקע, און פאַרוויסט וועלן ווערן זייערע הייליקטימער.

און יחזקאל מאָלט די לאַגע, ווען דער שונא וועט זיך דערנענטערן צו דער שטאָט:

— אַ שוידער קומט. זיי וועלן זוכן שלום, און עס וועט ניט זיין. אַ בראָך אויף אַ בראָך וועט קומען, און אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג וועט זיך הערן. זיי וועלן זוכן אַ זעאונג פון אַ נביא, און וועלן ניט געפינען. די תורה וועט פאַרלאָזן ווערן פון כוהן, און די עצה — פון די זקנים. דער קעניג וועט טרויערן, און דער פירשט וועט זיך אָנקליידן מיט וויסטקייט, און די הענט פון פאָלק וועלן אָפּגעלאָזט ווערן. לויט זייערע וועגן וועל איך טאָן מיט זיי, און מיט זייערע אייגענע געזעצן וועל איך זיי משפּטן. און זיי וועלן וויסן אַז איך בין גאָט(54).

דער טאָפּ און דאָס פלייש

די גולים, די פאַרטריבענע אין בבל, זיינען ניט געווען אַזוי ווידער־שפּעניק און זינדיק ווי יחזקאל שטעלט זיי פאָר. דער נביא אַליין דערציילט אָפט, אַז די עלטסטע פון די גולים זיינען צו אים געקומען זיך דורכריידן, אָדער ווי ער זאָגט: צו פרעגן די וועגן פון גאָט; אַ סימן אַז זיי האָבן געהאַט אמונה אין יהוה. דער נביא גיט אָבער קיינמאָל ניט איבער זייערע טענות, נאָר פון זיינע ענטפערס, פון זיינע בייזע רייד, קאָנען מיר זיך גרינג אָנשטויסן אויף די טענות און תביעות פון די עלטסטע.

דאָס ערשטע מאָל, וואָס די זקנים זיינען געקומען זיך אויסצוטענהן מיטן נביא, איז געווען נאָכדעם ווי יחזקאל האָט נביאות געזאָגט אַ יאָר צייט.

יחזקאל דערציילט קורץ:

— און עס איז געווען אין זעקסטן יאָר, אין זעקסטן חודש, ווי איך זיץ אין מיין הויז, און די עלטסטע פון יהודה זיצן פאַר מיר, אַזוי איז דאָרטן געפאַלן אויף מיר די האַנט פון גאָט דעם האַר(55).

דער נביא דערציילט ניט צוליב וואָס די זקנים זיינען געקומען צו אים, און פאַרוואָס עס האָט אויף אים פלוצים גערוט גאָטס גייסט. מיר קאָנען זיך אָבער אָנשטויסן, פון יחזקאלס רייד, צוליב וואָס די זקנים זיינען געקומען. זיי האָבן זיך געוואָלט אויסטענהן מיט אים. זיי האָבן געזאָגט:

— ווי קאָן גאָט צעשטערן דעם בית־המקדש, ווי דו זאָגסט פאָראויס? דער טעמפל איז דאָך זיין וואוינאָרט. ער קאָן ניט חרוב מאַכן ירושלים און פאַרטיליקן אירע איינוואוינער. פאַרקערט גאָר, די הייליקע שטאָט וועט באַשיצן אירע איינוואוינער, אַט ווי דער טאָפּ באַשיצט דאָס פלייש וואָס קאָכט זיך אין אים(56).

און די גולים האָבן ווייטער געטענהט:

— דאָס וואָס מיר זיינען פאַרטריבן פון גאָטס נחלה איז אַ סימן, אַז מיר זיינען פאַרלאָזן פון יהוה(57). פאַר די איבערגעבליבענע אין יהודה איז דאָס לאַנד געגעבן געוואָרן פאַר אַ ירושה. גאָט קאָן ניט מאַכן רוען זיין נאָמען אויף אונדז, ער איז דאָרטן אין היימלאַנד, אין ירושלים. זיין פּראַכט רוט אין בית־המקדש, וואו ס'איז זיין וואוינאָרט.

יחזקאל ענטפערט בייז און מיט רוגזה, ווי איינער וואָס וויל איבער־שרייען זיין אייגענעם ווייטיק און איינשטילן זיין צער. יאָ, זאָגט ער, אמת, ירושלים איז טאַקע זיין הייליקע שטאָט און דער בית־המקדש זיין וואוינ־אָרט. אָבער די יידן האָבן פאַראומרייניקט די שטאָט מיט זייערע זינד. און גאָט וועט זיך אָפּטאָן פון טעמפּל. ער וועט אַוועק פון דאָרטן. די האָפענונג אויף דער צוקונפט זיינען די גולים. זיי זיינען די טרעגער פון גאָטס וואָרט. גאָט וועט זיין מיט זיי דאָ אין די קליינע הייליקטימער אין גלות. און ווען דער גלות וועט זיי אויסלייטערן פון זייערע זינד, וועט גאָט זיי אומקערן אַהיים. ער וועט אָפּטאָן זייער האַרץ פון שטיין און זיי געבן אַ האַרץ פון פלייש. און יעמאָלט, ווען זיי וועלן זיך אומקערן צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן און גיין אין זיינע וועגן און אויספאָלגן זיינע געבאָטן, וועלן זיי זיין גאָטס פאָלק, און יהוה וועט זיין זייער גאָט.

און יחזקאל דערציילט, אַז אין זיין עקסטאַז, האָט אים גאָט אָנגענומען ביי די האָר פון קאָפּ און אים אַריבערגעטראָגן אין אַ נבואה קיין ירושלים(58).

און דאָרטן האָט ער געזען אַלע אומווירדיקייטן, וואָס די איינוואוינער האָבן אָפּגעטאָן. ער דערציילט זיינע צוהערער די מיאוסע מעשים, וואָס די איינוואוינער פון ירושלים טוען אָפּ אין טעמפּל. יחזקאל האָט פאַר זיי אויסגעמאָלט, מיט אַלע איינצעלהייטן, די אַלע וועגן פון געצנדינסט, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין בית־המקדש. ער האָט פאַר זיי געמאָלט דאָס וואָס ער, אַ יונגער כוהן, האָט געזען אין זיין קינדהייט אין בית־המקדש (59), און דאָס וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע. ער האָט אָנגערופן נעמען פון יידישע פירער, נעמען וואָס אַלע גולים האָבן געקענט. דער נביא זאָגט, אַז די אַלע אומווירדיקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען, באַרעכטיקן גאָטס צאָרן און דערפאַר טאָקע גייט גאָט אַוועק פון בית־המקדש. און וויבאַלד אַז זיין כבוד און זיין רום טוען זיך אָפּ פון טעמפּל, איז דאָס אָרט מער ניט הייליק און קאָן צעשטערט ווערן.

— און עס איז געווען אין זעקסטן יאָר, אין זעקסטן חודש, אין פינפטן טאָג פון חודש, בין איך געזעסן אין מיין הויז, און די עלטסטע פון יהודה זיינען געזעסן פאַר מיר(60). און די האַנט פון גאָט איז דאָרטן געפאַלן אויף מיר. און איך האָב געזען, ערשט אַ געשטאַלט פון אַ מענטשן. און דאָס אויסזען פון זיינע לענדן אַראָפּ איז פייער, און פון זיינע לענדן אַרויף איז אַזוי ווי דאָס אויסזען פון גלאַנציקייט, אַזוי ווי דער אָנבליק פון בור־שטין. און ער האָט אויסגעשטרעקט, וואָס עס האָט אויסגעזען ווי אַ האַנט, און ער האָט מיך אָנגענומען פאַר די האָר פון מיין קאָפּ(61). און אַ גייסט האָט מיך געטראָגן צווישן ערד און הימל און האָט מיך געבראַכט אין אַ זעאונג פון גאָט קיין ירושלים. און ערשט דאָרטן האָב איך געזען די פּראַכט פון גאָט פון ישראל. אַזוי ווי די זעאונג, וואָס איך האָב געזען אין טאָל. און ער האָט געזאָגט צו מיר(62).

— מענטשנזון, הויב אויף דיינע אויגן צו צפון צו.

— און איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן צו צפון צו, ערשט אין צפון פון דעם טויער פון דעם מזבח שטייט ביים אַריינגאַנג דאָס בילד וואָס דערצאָרנט.

און יהוה האָט צו מיר געזאָגט:

— מענטשנזון, דו זעסט וואָס זיי טוען? גרויסע אומווירדיקייטן טוען זיי דאָ, כדי איך זאָל זיך דערווייטערן פון מיין הייליקטום. אָבער דו וועסט נאָך זען גרעסערע אומווירדיקייטן.

— און ער האָט מיך געבראַכט צום אַריינגאַנג פון הויף, און איך האָב געזען ערשט אַ לאָך איז אין דער וואַנט. און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— מענטשנזון, מאַך ברייטער די לאָך אין דער וואַנט.

— האָב איך געגראָבן אין דער וואַנט, ערשט אַ געהיימע טיר איז דאָרט(63).

— האָט ער צו מיר געזאָגט:

— גיי אַריין און זע די בייזע אומווירדיקייטן וואָס זיי טוען דאָרט.

— בין איך אַריינגעגאַנגען און איך האָב געזען ערשט אַלערליי אומווירדיקייטן, געשטאַלטן פון שרצים און חיות און אַלערליי געצן זיינען אויסגעקריצט אויף דער וואַנט רונד אַרום. און פאַר די אָפּגעטער שטייען זיבעציק מאַן פון די עלטסטע פון דעם הויז פון ישראל, און יאזניהו, דער זון פון שפן(64), שטייט אין מיטן. און איטלעכער פון די זיבעציק האַלט אַ רייכערפאַן אין זיין האַנט און דער ריח פון דעם וואָלקן ווייריך גייט אויף.

און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

— האָסטו, מענטשנזון, געזען, וואָס די עלטסטע פון דעם הויז פון ישראל טוען אין באַהעלטעניש, איטלעכער אין זיין אָפּגאָט צימער? ווארום זיי זאָגן:

— גאָט זעט אונדז ניט, גאָט האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

— און יהוה האָט געזאָגט צו מיר:

— און דו וועסט נאָך ווייטער זען גרעסערע אומווירדיקייטן וואָס זיי טוען. און ער האָט מיך געבראַכט צום טויער אַריינגאַנג וואָס איז אין צפון פון גאָטס הויז, און ערשט דאָרטן זיצן די ווייבער און באַוויינען דעם אָפּגאָט תמוז.

— און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

— האָסטו געזען, מענטשנזון? ווייטער וועסטו זען נאָך גרעסערע אומווירדיקייטן ווי אָט דאָ.

— און ער האָט מיך געבראַכט צום אינעווייניקסטן הויף פון גאָטס הויז ביים אַריינגאַנג פון בית־המקדש. ערשט צווישן דעם קאָרידאָר און דעם מזבח שטייען אַרום פינף און צוואַנציק מאַן, מיט זייערע רוקנס צום טעמפּל פון גאָט און זייערע פּנימער צו מזרח זייט, און זיי בוקן זיך צו דער זון.

— האָט ער צו מיר געזאָגט:

— האָסטו עס געזען, מענטשנזון? ווייניק נאָך איז דעם הויז פון יהודה צו טאָן די אומווירדיקייטן, וואָס זיי האָבן דאָ געטאָן, האָבן זיי אָנגעפילט דאָס לאַנד מיט שענדלעכע טואונגען און זיי דערצערענען מיך נאָך מער — זיי שטופּן זייער געץ אין מיין פנים (65). און דערפאַר וועל איך זיי צאָלן מיט גרימצאָרן (66). מיין אויג וועט ניט שוינען און איך וועל ניט רחמנות האָבן.

זיי וועלן רופן אין מיין אויער הויך אויפן קול, און איך וועל זיך צו זיי ניט צוהערן.

— און אַ הויך קול האָט אויסגערופן אין מיין אויער:

— זאָלן קומען נאָענט די באַשטראָפער פון דער שטאָט, איטלעכער מיט זיין געווער אין זיין האַנט (67).

— און זעקס מענער זיינען אָנגעקומען פון דעם וועג פון אויבערשטן טויער און איטלעכער מיט זיין שלאַכט־האַק אין זיין האַנט. און צווישן זיי איז געווען אַ מאַן, אָנגעטאָן אין ווייסן לייוונט, מיט אַ שרייבערס טינט־האָרן אויף זיינע לענדן. און זיי זיינען געקומען און האָבן זיך אויסגעשטעלט לעבן קופּערנעם מזבח.

אָבער די צעשטערער האָבן ניט געקאָנט אָנהויבן צו פאַרניכטן די שטאָט, און דער שונא האָט ניט געקאָנט אַריין אין בית־המקדש און אים פאַרשווענכן כל־זמן גאָט האָט דאָרטן גערוט. און יחזקאל זעט:

— און דער כבוד פון גאָט פון ישראל האָט זיך אויפגעהויבן פון איבער דעם כרוב, אויף וועלכן ער איז געווען, און איז אַוועק צום שוועל פון הויז.

— און גאָט האָט גערופן צום מאַן אָנגעטאָן אין ווייסן לייוונט, וואָס האָט געהאַט דעם שרייבערס טינט־האָרן אויף זיינע לענדן, און ער האָט געזאָגט צו אים:

— גיי דורך איבער דער שטאָט, איבער ירושלים, און צייכן־אָן אַ צייכן אויף די שטערנס פון די, וואָס זיפצן און קלאָגן אויף די אומווירדיקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען אין איר. די צייכנס אויף די שטערנס פון די פרומע וועלן זיין אַ סימן פאַר די פאַרדאַרבער ניט אָנצורירן זיי. און צו די זעקס מענער מיטן געווער אין זייערע הענט האָט ער געזאָגט:

— גייט דורך די שטאָט הינטער דעם מאַן אין ווייסן און שלאָגט! אייער אויג זאָל קיין רחמנות ניט האָבן און איר זאָלט זיך ניט דערבאַרעמען אויף קיינעם (68).

— נאָר די, וואָס האָבן צייכנס אויף די שטערנס זאָלט איר ניט אָנרירן. און פון מיין הייליקטום הויבט אָן!

— און זיי האָבן אָנגעהויבן פון די זקנים, וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם הויף פון בית־המקדש.

— און אַז די זעקס צעשטערער האָבן אויסגעהרגעט די זקנים, האָט גאָט באַפוילן:

— מאַכט טמא דעם בית־המקדש מיט דעם בלוט פון די טויטע און דערנאָך גייט אַרויס אין שטאָט.

— און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען און האָבן אָנגעהויבן טויטן אין שטאָט.

דער בייזער נביא, וואָס איז דער שליח פון גאָטס צאָרן, קאָן ניט צוזען די שחיטה. און ער רופט אויס:

— ווײ, גאָט דו האר, ווילסטו אומברענגען דעם גאַנצן איבערבלייב פון ישראל?

און גאָט ענטפערט אים:

— די זינד פון דעם הויז פון ישראל און יהודה זײַנען גרויס, און דאָס לאַנד איז אָנגעפילט מיט בלוט, און די שטאָט איז פול מיט אומרעכט, ווייל זיי זאָגן גאָט האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און יהוה זעט ניט. דערפאַר וועט מײַן אויג ניט שוינען, און איך וועל זיך ניט דערבאַרעמען. זייער וועג וועט אויסגיין צו זייער קאָפּ.

און יחזקאל דערציילט ווייטער:

— און ווי איך הער די רייד פון יהוה, ערשט דער מאַן וואָס איז אָנגעקומען אין ווייסן, וואָס דער טינט־הארן איז געווען אויף זײַנע לענדן, האָט זיך אומגעקערט און געזאָגט:

— איך האָב געטאָן אַזוי ווי דו האָסט מיר באַפוילן.

און יהוה האָט געזאָגט צום מאַן וואָס איז אָנגעטאָן אין ווייסן לייוונט:

— גיי אַרײַן צווישן די רעדער, אונטערן כרוב, און פיל אָן דײַנע הויפנס מיט פײַער קוילן און וואַרף זיי אויף דער שטאָט.

— און ער איז אַרויסגעגאַנגען פאַר מײַנע אויגן און זיך געשטעלט לעבן אַ ראָד (69). און דער כרוב האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צו דעם פײַער, וואָס איז צווישן די כרובים, און ער האָט אויפגעהויבן די פײַער־קוילן און האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין די הויפנס פון דעם מאַן וואָס איז אָנגעטאָן אין ווייסן לייוונט. און ער האָט זיי גענומען און איז אַרויסגעגאַנגען צו פאַר־ברענען די שטאָט.

— און די כרובים האָבן אויפגעהויבן זייערע פליגלען און זיך אויפגע־הויבן פון דער ערד פאַר מײַנע אויגן, און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען און זיך געשטעלט ביים אַרײַנגאַנג פון מזרח פון גאָטס הויז. און דער כבוד פון גאָט פון ישראל איז געווען איבער זיי פון אויבן (70).

יהוה האָט זיך אָפּגעטאָן פון זײַן טעמפּל. איצט וועט ירושלים חרוב ווערן און דער בית־המקדש וועט צעשטערט ווערן. אָט וואָס יחזקאל ענטפערט די זקנים פון די גולים אין בבל אויף זייער משל מיטן טאָפּ וואָס באַשיצט דאָס פלייש.

— און דער גייסט האָט מיך אַוועקגעטראָגן און מיך געבראַכט צום

מזבח טויער פון גאָטס הויז. און ביים אַריינגאַנג פון טויער זיינען געשטאַנען פינף און צוואַנציק מאַן. און איך האָב געזען צווישן זיי יאזניה דעם זון פון עזור, און פלטיהו דעם זון פון בניהו, די האַרן פון פאָלק. און יהוה האָט צו מיר געזאָגט (71):

— מענטשנזון, דאָס זיינען די מענטשן, וואָס פּלאַנעווען און גיבן שלעכטע עצות אין דער דאָזיקער שטאָט. זיי זאָגן: ניט אַזוי גיך וועלן מקוים ווערן די שלעכטע רייד פון נביא (72). מיר קאָנען נאָך בויען הייזער, ווייל די שטאָט איז דער טאָפּ און מיר זיינען דאָס פלייש. און אַזוי ווי דער טאָפּ באַשיצט דאָס פלייש פון פייער, אַזוי זיינען מיר באַשיצט. דרום זאָג נביאות אויף זיי. זאָג נביאות, דו מענטשנזון.

און דער גייסט פון גאָט האָט גערוט אויף מיר און געזאָגט צו מיר:

— אַט אַזוי טראַכט איר. איך ווייס וואָס איר האָט אויפן זינען. איר האָט פאַרמערט די דערשלאָגענע אין שטאָט, איר האָט אָנגעפילט די גאַסן מיט אומשולדיק בלוט. אייערע דערשלאָגענע, וואָס איר האָט אַוועקגעלייגט אין שטאָט, זיי זיינען דאָס פלייש און זי, ירושלים, איז טאַקע דער טאָפּ וואָס באַשיצט זיי. ד י ד ע ר ש ל א ָ ג ע נ ע ו ו ע ל ן נ י ט א ַ נ ט ר י נ ע ן פ ו ן ש ט א ָ ט. זי וועט זיי באַשיצן. אָבער אייך וועט מען אַרויסנעמען פון איר. פאַר דער שווערד האָט איר מורא געהאַט, און אַ שווערד וועל איך ברענגען אויף אייך. איך וועל אייך אַרויסנעמען פון דער שטאָט, און איך וועל אייך איבערגעבן אין דער האַנט פון פרעמדע און אייך באַשטראָפן. דורך דער שווערד וועט איר פאַלן, ביים גרענעץ פון ישראל וועל איך אייך משפטן, און איר וועט וויסן אַז איך בין גאָט (73).

— און עס איז געווען ווי איך האָב נביאות געזאָגט, האָב איך געזען אַז פלטיהו דער זון פון בניהון איז געפאַלן טויט און איך בין געפאַלן אויף מיין פנים און איך האָב אויסגעשריגן אויפן קול:

— וויי, דו גאָט דער האַר, ווילסטו פאַרלענדן דעם איבערבלייב פון ישראל?

גאָט ענטפערט אים ניט אויף דער פראַגע. אין אַן אַנדער נבואה זאָגט גאָט צו אים, אַז דער איבערבלייב וועט ניט פאַרלענט ווערן. אָבער די זעאונג ענדיקט זיך ווי גאָט גייט אַוועק פון בית־המקדש:

— און די כרובים האָבן אויפגעהויבן זייערע פליגלען, און דער כבוד פון גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער שטאָט און זיך געשטעלט אויף דעם באַרג, וואָס איז פון מזרח פון דער שטאָט.

— און דער גייסט האָט מיך אויפגעהויבן און מיך געבראַכט קיין כשדים צו די פאַרטריבענע. און די זעאונג וואָס איך האָב געהאַט, האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר. און איך האָב גערעדט צו די פאַרטריבענע און זיי דער־ציילט די אַלע זעאונגען, וואָס איך האָב געזען, און אַלע רייד וואָס גאָט האָט צו מיר גערעדט.

דאָס קליינע היילקטום

ס׳איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַר דער זינדיקער ירושלים, און דאָס ווידערשפּעניק פאָלק אין לאַנד יהודה קאָן ניט דערוואַרטן גאָטס חסד. די וואָס זיינען פאַרבליבן אין לאַנד נאָך גלות יהויכין, וועלן פאַרטיליקט ווערן. זיי זיינען ווי גאַרניט אין די אויגן פון גאָט. אָבער די פאַרטריבענע זיינען חשוב ביי יהוה. זיי וועט גאָט אויסהיילן פון זייער זינדיקייט און ער וועט זיי אומקערן אַהיים. זיי וועלן זיין גאָטס פאָלק, און יהוה וועט זיין זייער גאָט.

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, דיינע ברידער, דיינע ברידער און די אַלע וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן מיט דיר, און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, וואָס די איינ־וואוינער פון ירושלים האָבן אויף זיי געזאָגט: — זיי זיינען דערווייטערט געוואָרן פון יהוה. צו אונדז, די פאַרבליבענע, איז דאָס לאַנד איבערגעגעבן געוואָרן ווי אַ ירושה.

— דרום זאָג: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— הגם איך האָב זיי דערווייטערט צווישן די פעלקער, און הגם איך האָב זיי צעשפּרייט צווישן לענדער, דאָך וועל איך זיין פאַר זיי אַ קליין היילקטום אין די לענדער וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען.

— דרום זאָג: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— איך וועל אייך איינזאַמלען פון די פעלקער, און איך וועל אייך צונויפקלייבן פון די לענדער אין וועלכע איר זייט צעשפּרייט געוואָרן, און איך וועל אייך געבן די ערד פון ישראל. און זיי וועלן קומען אַהין, און זיי וועלן אָפּטאָן פון איר אַלע אירע מיאוסקייטן און אומווירדיקייטן. און איך וועל זיי געבן אַן אַנדער האַרץ, און אַ נייעם גייסט וועל איך אַריינגעבן אין זיי. און איך וועל אָפּטאָן דאָס שטיינערנע האַרץ פון זייער לייב, און איך וועל זיי געבן אַ האַרץ פון פלייש, כדי זיי זאָלן גיין אין מיינע געזעצן און אָפּהיטן מיינע געבאָטן. און זיי וועלן זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין זייער גאָט (74).

דער ווײַנשטאָק

פֿאַר די גולים איז געווען שווער אָנצונעמען אַז זיי, די פֿאַרטריבענע, זײַנען מער חשוב אין די אויגן פֿון גאָט ווי די פֿאַרבליבענע אין לאַנד. די ייִדן אין יהודה וואוינען דאָך אויף גאָטס נחלה. גאָט, ייִדן און זייער לאַנד זײַנען פֿאַרבונדן. ייִדן זײַנען גאָטס ווײַנשטאָק (75). ווי קענען זיי, די גולים, וואָס זײַנען דערווײַטערט פֿון גאָטס נחלה, זיך פֿאַרגלײַכן צו די פֿאַרבליבענע אין לאַנד?

און יחזקאל נעמט אָט דעם משל, וואָס פֿאַרגלײַכט ייִדן צו גאָטס ווײַנשטאָק, טײַטשט אים אויס אַנדערש און מאַכט נאָך קלאָרער דעם געדאַנק, אַז גאָט וועט פֿאַרטרײַבן יהודה און חרוב מאַכן ירושלים.

און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— דו מענטשנזון, מיט וואָס איז דאָס האָלץ פֿון ווײַנשטאָק בעסער פֿון אַלע אַנדערע ביימלעך אין וואַלד? צי ווערט פֿון זײַן האָלץ געמאַכט עפּעס אַ כּלי? אָדער נעמט מען פֿון אים אַ שטעקל אויפֿצוהענגען אויף אים אַ כּלי? ער איז צו דין אויף אַזעלכע זאַכן. הײַנט ווי נאָך איז ווען דעם ווײַנשטאָקס ביידע עקן האָט אָפּגעגעסן דאָס פֿײַער, און זײַן מיטן איז צעטריקנט געוואָרן פֿון דער היץ פֿון פֿײַער? זע, ווען ער איז געווען גאַנץ, האָט ער ניט געטויגט צו קיין זאַך, הײַנט ווי שוין, ווען דאָס פֿײַער האָט אים אַרומגעגעסן און צעברענט?

און דער נביא דערקלערט דעם משל:

— דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:

— אַזוי ווי דער ווײַנשטאָק צווישן די וואַלדביימער, וואָס איך האָב באַשטימט צום פֿײַער פֿאַר שפּײַז, אַזוי האָב איך באַשטימט די אײַנוואוינער פֿון ירושלים, און איך וועל אָנשיקן מײַן צאָרן אויף זיי. פֿון פֿײַער זײַנען זיי אַרויסגענומען געוואָרן אויף אַ ווײַלע, און דאָס פֿײַער וועט זיי פֿאַרצערן. און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט, ווען איך וועל אויסלאָזן מײַן צאָרן אויף זיי. און איך וועל מאַכן דאָס לאַנד אַ וויסטעניש, ווײַל זיי האָבן געפֿעלשט אין מיר און צעשטערט מײַן בונד. דאָס זײַנען די רייד פֿון גאָט דעם האַר (76).

דער גורל פֿון די קינדער

ביטער און מאויםדיק זײַנען געווען דעם נביאס רייד, וואָס ער האָט גערעדט צו די גולים (77). אַ סך פֿון די פֿאַרטריבענע האָבן דערפֿאַר אײַנ־

גאַנצן פאַרלוירן זייער גלויבן אין גאָט. זיי האָבן געזאָגט, אַז ווי באַלד ירושלים וועט חרוב ווערן, דער בית־המקדש וועט צעשטערט ווערן און די יידן וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות, איז ניטאָ מער קיין האָפענונג פאַרן פאָלק. יהוה האָט אָדער פאַרלאָזן זיין אויסדערווײלט פאָלק, אָדער ער האָט אים פאַרמיאוסט, אָדער ער איז ניט שטאַרק גענוג צו באַשיצן זיינע קינדער. די באַבילאָנישע געטער האָבן אים באַזיגט. דער אויספיר דערפון איז געווען, אַז יידן דאַרפן זיך אויסמישן מיט דער באַפעלקערונג אַרום, ווערן ווי אַלע אַנדערע אומות, ווי אַלע משפחות פון דער וועלט — און דינען האָלץ און שטיין (78). אַנדערע יידן האָבן געגלויבט דעם נביא, געגלויבט אין דעם פאַר־אויסגעזאָגטן חורבן און געגלויבט זיין צוזאָג פון גאולה. דאָס זיינען געווען די אמתע נאָכפאָלגער פון די נביאים.

עס איז אָבער געווען אַ דריטע גרופּע צווישן די גולים. זי האָט טאַקע געגלויבט אין אַלע פאַראויסזאָגונגען פון דעם נביא, זי האָט אויך געגלויבט, אַז יהוה וועט אומקערן די יידן צוריק צו זייער לאַנד, צום לאַנד פון ישראל. זיי האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז ביז גאָט וועט זיי אומקערן פון גלות, וועט דער יונגער דור אינגאַנצן פאַרגעסן גאָטס וועגן. אַרום און אַרום זיינען געצנדינער. ניטאָ קיין הייליקטום וואו צו ברענגען קרבנות צו גאָט און וואו אים צו דינען. וואָלט געווען גוט, ווען מען זאָל דאָ אין בבל, אין גלות, אויפ־שטעלן אַ מזבח צו גאָט. דאָס האָבן זיי געוואָלט טאָן ניט ווייל זיי האָבן ניט געגלויבט אין גאָט. נאָר, „מיר טוען עס בלויז צוליב דעם, ווייל מאָרגן וועלן אייערע קינדער זאָגן צו אונדזערע קינדער: וואָס קערט איר אייך אָן מיט יהוה דעם גאָט פון ישראל?" (79).

און אָט די וואָס האָבן געוויייטיקט איבער דעם גורל פון יונגן דור, זיינען געקומען צו יחזקאלן זיך האַלטן אַן עצה מיט אים און אים פרעגן, אויב בויען אַ מזבח אין בבל וועט געפינען חן אין גאָטס אויגן (80).

אַ זינגער פון תהילים ענטפערט מילד אָט דער גרופּע, וואָס האָט געוואָלט אויפשטעלן אַ מזבח אין גלות. ער זאָגט צו זיי:

— גאָט, מיינע ליפּן זאָלסטו עפענען, און זאָל מיין מויל זאָגן דיין לויב. דו ווילסט דאָך ניט קיין שלאַכט־אָפּפער, אַניט וואָלט איך עס געגעבן. דו פאַרלאַנגסט דאָך ניט קיין בראַנד־אָפּפער. דער שלאַכט־אָפּפער פון גאָט איז אַ געבראָכן געמיט, אַ געבראָכן און דערשלאָגן האַרץ וועסטו ניט פאַראַכטן. אָבער אַז דו וועסט גוטס טאָן מיט ציון און צוריקבויען די מויערן פון ירושלים, דענסטמאָל וועסטו פאַרלאַנגען שלאַכט־אָפּפער, בראַנד־אָפּפער און גאַנץ־אָפּפער. דענסטמאָל וועט מען ברענגען אָקסן אויף דעם מזבח (81).

יחזקאל גיט די זקנים דעם זעלביקן ענטפער: גאָט וויל ניט אַז מען זאָל פּאַר אים דאַ, אין גלות, אויפשטעלן אַ מזבח. אָבער מען מעג האָבן אַ קליין היילִיקטום, אַ מקדש מעט, וואָס לויט זיין אויסזען זאָל ער זיין אַ קאָפּיע פון בית־המקדש מיטן מזבח אין ירושלים (82). אין אָט דעם היילִיקטום, אין בית־הכנסת, פלעגן זיך די גולים שפּעטער, צונויפקומען שבת און יום טוב, און פאַר די פאַרזאַמלטע פאַרלייענען פּאַסיקע קאַפּיטלעך פון דער תורה און פון די נביאים.

אָבער דער כוהן נביא ענטפערט ניט די גולים אַזוי מילד ווי דער זינגער פון תהילים. יחזקאל ווענדט זיך ניט נאָר צו די געציילטע, וואָס זיינען געקומען צו אים פרעגן, ער ווענדט זיך צום גאַנצן פאָלק. ער האָט אַלעמאָל גערעדט צום גאַנצן פאָלק, קיינמאָל ניט צו איין גרופּע, אָדער צו איין טייל פון פאָלק (83).

די זקנים, וואָס זיינען געקומען צום נביא, האָבן אים געגעבן די געלעגנ־הייט צו רעדן וועגן דער זינדיקייט פון דער אומה (84). אַלעמאָל איז זי געווען ווידערשפּעניק. שוין גלייך פון אָנהויב, ווען גאָט האָט אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים, זיינען זיי געווען האַרטנאַקיק. דער נביא רעכנט־אויס די זינד פון די יידן פון דער צייט, וואָס זיי זיינען געוואָרן אַ פאָלק ביז דער איצטיקער צייט, אין בבל. אָבער גאָט האָט געהאַט אַ פּלאַן און ער וועט אים ניט ענדערן, צוליב זיין נאָמען. און דער נביא ווענדט זיך צו די יידן, וואָס ווילן זיך אָפּזאָגן פון גאָט, און זאָגט זיי, אַז מיט גוואַלד וועלן זיי בלייבן יידן. נאָכדעם ווענדט ער זיך צו די זקנים און זאָגט זיי, אַז גאָט וויל ניט קיין קרבנות אין גלות.

דערציילט יחזקאל (85):

— און עס איז געווען אין זיבעטן יאָר, אין פינפטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, זיינען געקומען צו מיר די עלטסטע פון ישראל צו פרעגן מיך די וועגן פון גאָט (86). און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן: מענטשנזון, רעד צו די עלטסטע פון ישראל און דו זאָלסט זיי זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— פרעגן ביי מיר זייט איר געקומען? אַזוי ווי איך לעב, צי זייט איר ווערט איך זאָל אייך ענטפערן. צי ווייסטו זייערע אַלע וועגן און טואונגען, אַז דו זאָלסט זיי קאָנען משפּטן? אויב דו ווייסט, לאָז זיי וויסן די אומווירדיקייטן פון זייערע עלטערן. דו זאָלסט זאָגן צו זיי, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— אין דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אויסדערוויילט און איך האָב

געשוואָרן צו די קינדער פון דעם הויז פון יעקב, און איך האָב זיך אַנטפּלעקט צו זיי אין דעם לאַנד מצרים, און איך האָב געשוואָרן צו זיי אַזוי צו זאָגן:

— איך בין יהוה אייער גאָט. אין יענעם טאָג האָב איך געשוואָרן זיי אַרויסצוציען פון מצרים אין אַ לאַנד וואָס איך האָב אויפגעזוכט פאַר זיי, אַ לאַנד פון מילך און האָניק, דאָס שענסטע פון אַלע לענדער. און איך האָב צו זיי געזאָגט:

— וואַרפט אַוועק די אומווירדיקייטן פון אייערע אויגן. מיט די אָפּגעטער פון מצרים זאָלט איר זיך ניט פאַראומרייניקן. איך בין יהוה אייער גאָט.

— אָבער זיי האָבן ווידערגעשפּעניקט קעגן מיר. זיי האָבן ניט געוואָלט זיך צוהערן צו מיר. זיי האָבן ניט אַוועקגעוואָרפן די אומווירדיקייטן, און די אָפּגעטער פון מצרים האָבן זיי ניט פאַרלאָזט. יעמאָלט האָב איך געטראַכט אויסצוגיסן מיין צאָרן אויף זיי און אויסצולאָזן מיין כעס אויף זיי אין מצרים (87). אָבער איך האָב צוריקגעצויגן מיין האַנט. איך האָב עס געטאָן פון מיין נאָמען וועגן, כדי ער זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן אין די אויגן פון די פעלקער. איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים און זיי געבראַכט אין דער מדבר. און איך האָב זיי געגעבן מיינע געבאָטן, און מיינע געזעצן האָב איך זיי געלאָזט וויסן, וואָס ווען אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער. און אויך מיינע שבתים האָב איך זיי געגעבן צו זיין פאַר אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, כדי זיי זאָלן וויסן אַז איך, יהוה הייליק זיי. אָבער דאָס הויז פון ישראל האָט ווידערגעשפּעניקט קעגן מיר אין דער מדבר. מיינע געבאָטן האָבן זיי ניט אָפּגעהיט, און מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט. מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט ביז גאָר. און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין צאָרן אויף זיי אין דער מדבר און זיי פאַרלענדן. אָבער איך האָב צוריק־געצויגן מיין האַנט. איך האָב עס געטאָן צוליב מיין נאָמען, כדי ער זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן אין די אויגן פון פעלקער (88).

— אָבער איך האָב געשוואָרן אין דער מדבר זיי ניט אַריינצוברענגען אין דעם לאַנד וואָס איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, דאָס שענסטע פון אַלע לענדער. אָבער מיין אויג האָט אויף זיי רחמנות געהאַט פון אומצוברענגען זיי, און איך האָב זיי ניט פאַרלענדט אין דער מדבר.

— און איך האָב געזאָגט צו זייערע קינדער אין דער מדבר: די גע־באָטן פון אייערע עלטערן זאָלט איר ניט אָפּהיטן, און זייערע געזעצן זאָלט איר ניט פאָלגן, און מיט זייערע אָפּגעטער זאָלט איר זיך ניט פאַראומרייניקן, איך, יהוה, בין אייער גאָט. מיינע געבאָטן היט, און מיינע געזעצן פאָלגט אויס

און טוט. און מײַנע שבתים האָבן זײ מחלל געװען, און זײ זאָלן זײַן אַ צײכן צװישן מיר און צװישן אײַך, כּדי איר זאָלט װיסן, אַז איך בין יהוה אײַער גאָט.

— און די קינדער האָבן אױך װידערגעשפּעניקט קעגן מיר. מײַנע געבאָטן האָבן זײ ניט געהיט, און מײַנע געזעצן, װאָס װען אַ מענטש טוט זײ לעבט ער דורך זײ, האָבן זײ ניט געפּאָלגט, און מײַנע שבתים האָבן זײ פֿאַרשװעכט. און איך האָב געטראַכט אױסצוגיסן מײַן גרימצאָרן אױף זײ, אױסצולאָזן מײַן כּעס אױף זײ אין מדבר. אָבער איך האָב צוריקגעצױגן מײַן האַנט און איך האָב עס געטאָן צוליב מײַן נאָמען, כּדי ער זאָל ניט פֿאַרשװעכט װערן אין די אױגן פֿון די פֿעלקער.

— דרום רעד צו דעם הױז פֿון ישׂראל, דו מענטשנזון, און זאָלסט זאָגן צו זײ:

— אַזױ האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— מיט די זינד האָבן אײַערע עלטערן מיך געלעסטערט און געפֿעלשט אַ פֿעלשונג קעגן מיר. װאָרום אַז איך האָב זײ געבראַכט אין דעם לאַנד, װאָס איך האָב געשװאָרן זײ צו געבן, איז װוּ נאָר זײ האָבן געזען אַ הױך בערגל און אַ געדיכטן בױם, האָבן זײ דאָרטן געקוילעט שלאַכט־אָפּפֿער און געבראַכט קרבנות װאָס האָבן מיך דערצאָרנט, און דאָרט געמאַכט געשמאַקע ריחות און געגאָסן גיס־אָפּפֿער.

יחזקאל דערפֿירט די געשיכטע ביז זײַן צײַט. אַלעמאָל זײַנען יידן געװען זינדיק. און ער װענדט זיך צו די, װאָס װילן אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פֿון גאָט:

— און דאָס װאָס עס קומט אײַך אױפֿן זינען, װעט קײנמאָל ניט זײַן. דאָס װאָס איר זאָגט: מיר װעלן זײַן אַזױ װי אַלע פֿעלקער, װי אַלע משפּחות פֿון דער װעלט, און מיר װעלן דינען האָלץ און שטײן, דאָס װעט קײנמאָל ניט זײַן. איך שװער, זאָגט גאָט דער האַר, אַז מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אױסגעשטרעקטן אָרעם און מיט אױסגעגאָסענעם גרימצאָרן װעל איך קעניגן איבער אײַך.

— און איך װעל אײַך אַרױסציִען פֿון די פֿעלקער, און איך װעל אײַך אײַנזאַמלען פֿון די לענדער, אין װעלכע איר זײַט צעשפּרײט, מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אױסגעשטרעקטן אָרעם און מיט אױסגעגאָסענעם גרימצאָרן. און איך װעל זיך משפּטן מיט אײַך פּנים־אל־פּנים, אַזױ װי איך האָב זיך גע־משפּט מיט אײַערע עלטערן, אין מדבר װאָס איז לעבן לאַנד מצרים, אַזױ װעל איך זיך משפּטן מיט אײַך. און איך װעל אײַך מאַכן דורכגײן אונטער דער רוט, און איך װעל אײַך פֿאַרקניפּן מיט אַ קנופּ פֿון בונד. און איך װעל אױסרײניקן

פון צווישן אייך די ווידערשפעניקע און די וואָס האָבן געזינדיקט קעגן מיר. פון דעם פרעמדן לאַנד וועל איך זיי אַרויסציען, אָבער אויף דער ערד פון ישראל וועלן זיי ניט קומען. און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה.

און איצט ווענדט זיך יחזקאל צו די זקנים, וואָס ווילן בויען אַ מזבח אין גלות:

— און איר, הויז פון ישראל, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— גייט דינט אייך אייערע אָפּגעטער, איר ווילט דאָך ניט צוהערן זיך צו מיר. אָבער מיין הייליקן נאָמען זאָלט איר ניט פאַרשוועכן מיט אייערע געשאַנקען און מיט אייערע אָפּגעטער. ווייל נאָר אויף מיין הייליקן באַרג, אויף דעם הויכן באַרג פון ישראל, זאָגט גאָט דער האַר, דאָרטן וועט דאָס גאַנצע הויז פון ישראל מיר דינען, דאָרטן וועל איך גלוסטן נאָך קרבנות, און דאָרטן וועל איך פאַרלאַנגען תרומה און דאָס בעסטע פון אייער תבואה, מיט אַלע אַנדערע הייליקע מתנות. מיט געשמאַקן ריח וועל איך עס אָננעמען ווען איך וועל אייך אַרויסציען פון אַלע פעלקער, און איך וועל אייך איינזאַמלען פון אַלע לענדער וואו איר זייט צעשפּרייט.

— און איך וועל געהייליקט ווערן דורך אייך אין די אויגן פון די פעלקער, און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה, וואָס איך ברענג אייך אויף דער ערד פון ישראל, אין דעם לאַנד וואָס איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט און געשוואָרן עס צו געבן צו אייערע עלטערן. און איר וועט זיך דאָרטן דערמאָנען אָן אייערע וועגן און אָן אַלע אייערע מעשים, וואָס איר האָט זיך מיט זיי פאַראומריייניקט, און איר וועט זיך מיאוסן פון זיך אַליין, צוליב אייערע שלעכטע מעשים, וואָס איר האָט געטאָן. און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה. איך האָב עס געטאָן צוליב מיין נאָמען וועגן, ניט לויט אייערע שלעכטע וועגן און ניט לויט אייערע פאַרדאָרבענע מעשים, איר הויז פון ישראל, זאָגט גאָט דער האַר.

דער משל מיטן גרויסן אָדלער

אין דער צייט, וואָס די גולים האָבן זיך געראַנגלט מיט זייער גורל אין גלות און געזוכט נייע וועגן צו דינען גאָט, איז אין ירושלים אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד קעגן בבל. אין דעם ניינטן יאָר פון צדקיהוס קעניגן האָט דער מלך געשלאָסן אַ בונד מיט מצרים. צדקיהו האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט מצרים קרוב צו פינף יאָר. יחזקאל האָט געהאַלטן די נבואה,

נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד קעגן בבל איז אויסגעבראָכן אין יהודה. און דאָס איז געווען אין ניינטן יאָר פון צדקיהוס קעניגן (89).

יחזקאל וואָרנט מער ניט. ער זאָגט פאָראויס אַ גרויזאַמע שטראָף פאַר ברעכן דעם בונד מיט בבל און פאַר פאַרשווועכן די שבועה, וואָס דער קעניג פון יהודה האָט געגעבן.

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— דער גרויסער אָדלער מיט גרויסע פליגל און לאַנגע פליגל־שפּיצן מיט פעדערן פיל, וואָס האָבן אָלערליי קאָלירן, איז געקומען צום באַרג לבנון און צוגענומען דעם שפּיץ פון דעם צעדערבוים. דאָס אויבערשטע פון די יונגע צווייגלעך האָט ער אָפּגעריסן און האָט עס געבראַכט אין לאַנד פון די סוחרים, אין אַ שטאָט פון האַנדלסלייט האָט ער עס אַריינגעזעצט. און ער האָט גענומען אַ שפּראָצלינג פון דעם שטאַם פון דעם צעדערבוים און עס פאַרפלאַנצט אין אַ פרוכטבאַרן פעלד לעבן אַ סך וואַסערן. ווי אַ ווערבע האָט ער עס איינגעפלאַנצט, כדי עס זאָל שפּראָצן און זאָל ווערן אַ וויינשטאָק פון אַ נידעריקן וואוקס, און זיינע צווייגן זאָלן זיך קערן צו אים, און זיינע וואָרצלען זאָלן בלייבן וואו מען האָט זיי פאַרפלאַנצט. און עס איז געוואָרן אַ וויינשטאָק און אַרויסגעשפּראָצט שטענגלעך און אַרויסגעבראַכט צווייגן.

— און עס איז געווען אַן אַנדער אָדלער מיט גרויסע פליגל און פיל פעדערן. און דער דאָזיקער וויינשטאָק האָט אויסגעבויגן זיינע וואָרצלען צו אים, און אויסגעשטרעקט זיינע צווייגן צו אים פון דער בייט פון זיין פלאַנצונג, כדי ער זאָל אים באַוואַסערן.

— זאָג: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— וועט ער באַגליקן? וועט יענער אָדלער ניט אויסרייסן זיינע וואָרצלען און אָפּהאַקן זיין פרוכט, און פאַרטריקנט וועלן ניט ווערן אַלע בלעטער פון זיין שפּראָצונג? און ניט מיט גרויס מאַכט וועט ער אים אויסרייסן מיט זיינע וואָרצלען?

— און אַפילו אַז ער וועט בלייבן איינגעפלאַנצט, וועט ער באַגליקן? ווי נאָר דער מזרח־ווינט וועט אים אָנרירן, אַזוי וועט ער טרוקן פאַרטריקנט ווערן.

און יחזקאל פאַרטייטשט דעם משל:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— זאָג אָקאָרשט צו דער ווידערשפּעניקער געמיינדע:

— ווייסט איר וואָס דאָס מיינט? עס איז געקומען דער מלך פון בבל קיין ירושלים און גענומען איר קעניג (90) און אירע האַרן און זיי געבראַכט

קיין בבל. און ער האָט גענומען איינעם פון קעניגלעכן שטאַם און געשלאָסן מיט אים אַ בונד און אים געגעבן אַ שבועה. ער האָט צוגענומען די פני, די געהויבענע פון לאַנד, כדי יהודה זאָל בלייבן אַ שפּלע מלוכה און זי זאָל ניט וואַגן צו ווידערשפּעניקן, זי זאָל היטן זיין בונד און זי זאָל אים דינען.

— אָבער דער קעניג האָט ווידערגעשפּעניקט קעגן אים און געשיקט זיינע שלוחים קיין מצרים מען זאָל אים געבן פערד און פיל פאָלק. וועט ער באַגליקן ? וועט אַנטרונען ווערן אָט דער, וואָס טוט דאָס דאָזיקע ? וועט דער, וואָס פאַרשטערט דעם בונד, זיך אויסדרייען פון שטראָף ?

— אַזוי ווי איך לעב, האָט געזאָגט גאָט דער האַר, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרשוועכט מיין שבועה און פאַרשטערט מיין בונד, וועל איך עס אויסלאָזן צו זיין קאָפּ. איך וועל פאַרשפּרייטן מיין נעץ איבער אים, ער וועט געפאַנגען ווערן אין מיין פאַסטקע, און איך וועל אים ברענגען קיין בבל, און איך וועל אים משפטן פאַר זיין פעלשונג, וואָס ער האָט געפעלשט אין מיר. אַלע בעסטע גיבורים און זיינע מחנות וועלן פאַלן דורך דער שווערד, און די איבעריקע וועלן צעשפּרייט ווערן אויף אַלע ווינטן. און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה (91).

די שווערד! די שווערד!

דער אויפשטאַנד קעגן בבל איז אויסגעבראָכן. יחזקאל זעט, אַז דער חורבן איז אומפאַרמיידלעך. ירושלים וועט חרוב ווערן, דער בית־המקדש וועט צעשטערט ווערן, און דאָס פאָלק וועט פאַרטריבן ווערן אין גלות. גאָט וועט ניט שאַנעווען דאָס זינדיקע פאָלק און די שטאָט, וואָס איז פול מיט אומווירדיקייטן.

דער נביא זעט, אַז דער חורבן קומט, ער וועט באַלד געשען, און זיינע רייד ווערן איין אויסגעשריי פון צאָרן, שטראָף און אויפגעברויזטן כעס אויף די גולים, וואָס זיינען בלינד און זעען ניט די סכנה. אָבער די צוהערער הערן אים אויס, שאָקלען מיטן קאָפּ און נעמען אים ניט ערנסט. זיי זאָגן:

— ער איז אַ משלים־זאָגער (92).

און דער נביא ווערט נאָך ביטערער. ער שפּילט פאַר זיי אָפּ נאָך אַ סימבאָלישע נבואה. ער זיפצט דערביי ביטער און שטאַרק.

— און דו, מענטשנזון, זיפץ. מיט ברעכעניש פון דיינע לענדן און מיט ביטערקייט זאָלסטו זיפצן פאַר זייערע אויגן. און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן זאָגן צו דיר: אויף וואָס זיפצסטו ? זאָלסטו זיי ענטפערן:

— אויף די שלעכטע בשורות, וואָס וועלן באַלד אָנקומען. ווען איר וועט הערן, וועט איטלעך האַרץ צעגיין און אַלע הענט וועלן שלאַף ווערן, און

איטלעך געמיט וועט באַטריבט ווערן, און אַלע קני וועלן ווערן שוואַך ווי וואַסער. די שלעכטע בשורה קומט, זי איז שוין דאָ, זאָגט גאָט דער האַר (93).

דער נביא וויל איבערצייגן זיינע צוהערער, אַז זיי זאָלן אים גלויבן און ער שטייט פאַר זיי און פאַטשט מיט די הענט און מאָלט אויס פאַר זיי דעם גרויסן בראַך:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן: מענטשנ־זון, זאָג נביאות און דו זאָלסט זאָגן, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— אַ שווערד, אַ שווערד איז אָנגעשאַרפט געוואָרן און אויסגעשלייפט געוואָרן, כדי צו שעכטן אַ שעכטונג איז זי אָנגעשאַרפט געוואָרן, כדי זי זאָל גלאַנצן, איז זי געשליפן געוואָרן. און ער האָט זי געגעבן אין דער האַנט פון דעם רוצח. שריי און יאָמער, דו מענטשנזון, ווייל זי איז אויף מיין פאָלק, זי איז אויף אַלע פירשטן פון ישראל. איבערגעגעבן צו דער שווערד זיינען זיי מיט מיין פאָלק. דערפאַר, דו מענטשנזון, פאַר גרויס טרויער, שלאָג אויף דיינע לענדן!

— און דו, מענטשנזון, זאָג נביאות! פאַטש מיט די הענט פון טרויער, ווייל די שווערד וועט פאַרטאָפּלט ווערן, פאַרדרייפאַכט ווערן. דאָס איז די שווערד פאַר די, וואָס דאַרפן געשלאָגן ווערן. די שווערד, וואָס וועט אויס־הרגענען אַ סך גרויסע הערן, די שווערד, וואָס וועט זיי דורכשטעכן. אויף זייערע אַלע טויערן האָב איך געבראַכט די שרעק פון דער שווערד, כדי דאָס האַרץ זאָל צעגיין און די געשטרויכלטע זאָלן זיך פאַרמערן. ווי, זי איז געשלייפט געוואָרן, געשאַרפט געוואָרן צו שעכטן. און די שווערד שניידט רעכטס, שניידט לינקס, וואוהין דו קערסט זיך נאָר. און אויך איך, גאָט, וועל פאַטשן מיט די הענט און טרויערן, אָבער מיין כעס ברענט אין מיר און איך וועל שטילן מיין צאָרן (94).

נבוכדנצר לאָזט זיך אויף ירושלים

נבוכדנצר האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין חייל אין וועג. ער ווייס ניט צי ער זאָל גיין אויף ירושלים אָדער עמון, וואָס האָט אויך ווידערגעשפעניקט קעגן אים. און דער נביא, ווי זיין שטייגער איז, שפּילט־אָפּ פאַר די גולים אַ סימבאָלישע נבואה. ער צייכנט מיט אַ שטעקן אין זאַמד, פאַר די אויגן פון די גולים, צוויי וועגן און אַ שייד־וועג. וואוהין וועט דער מלך פון בבל גיין (95)?

דער נביא דערציילט, ווי גאָט האָט אים באַפוילן:

— או דו, מענטשנזון, צייכן דיר אָן צוויי וועגן. פון איין לאַנד זאָלן זיי ביידע אַרויס. אויף דעם שייד־וועג פון ביידע וועגן שטעל־אויף אַ וועג־

צייגער. מאַך אַ וועג פאַר דער שווערד צו גיין אויף רבה פון די קינדער פון עמון, און אויף יהודה און ירושלים אין איר מיטן.

און דער נביא דערקלערט זיין סימבאָלישע נבואה:

— וואָרום דער מלך פון בבל איז געשטאַנען ביי דער שיידונג פון וועגן צו טרעפן מיט כישוף. ער האָט געוואָרפן גורל מיט פיילן, ער האָט געפרעגט ביי די תרפים, ער האָט געקוקט אין אַ לעבער. אין זיין רעכטער האַנט איז אַרויסגעקומען די פייל, וואָס האָט געצייגט ירושלים — אַנצושטעלן אויף איר שטורעמבעק, צו עפענען דאָס מויל מיט רציחה, אויפצוהויבן דאָס קול מיט אַ שאַל פון מלחמה, אַנצושטעלן שטורעמבעק אַנטקעגן די טויערן, אָנצו־שיטן ערדוואַלן און צו בויען אַ באַלאַגער־מויער.

און גאָט זאָגט:

—אין די אויגן פון די איינוואוינער פון יהודה וועט עס זיין ווי אַ פאַלשער כישוף, אָבער זאָלן זיי זיך ניט נאַרן, דאָס מאַכט זיי דערמאָנען זייער זינד. זיי וועלן געכאַפּט ווערן און ער וועט באַצווינגען די שטאָט (96).

יחזקאל זעט אין חורבן ירושלים גאָטס גערעכטיקייט. אָבער ביי די גולים איז ירושלים נאָך אַלץ די הייליקע שטאָט. און דער נביא מוז באַרעכ־טיקן פאַר זיי גאָטס צאָרן. ער דערציילט זיי, אַז גאָט האָט אים געהייסן לייענען דאָס באַשולדיקונג צעטל קעגן דער שטאָט און אויסרעכענען אירע פאַרברעכנס פאַר די איינוואוינער פון ירושלים. אַלע, אַלע זיינען זינדיק — פון דעם פרינץ ביז דעם פּויער אויפן לאַנד. דער נביא געפינט ניט קיין בּרעקעלע יושר, קיין פּיצעלע איינזעעניש ביי די איינוואוינער פון ירושלים. אויב נאָר אַ סימן פון גערעכטיקייט וואָלט געפונען געוואָרן אין דער שטאָט, וואָלט דער חורבן ניט געקומען. דערפאַר איז גאָטס שטראָף באַרעכטיקט.

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— און דו, מענטשנזון, ווילסטו משפּטן, ווילסטו משפּטן די בלוטיקע שטאָט? טאָ לאָז איר וויסן אירע אומווירדיקייטן, און דו זאָלסט זאָגן:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— ווי צו דער שטאָט, וואָס פאַרגיסט בלוט אין איר מיט. דערפאַר איז געקומען איר צייט. און זי מאַכט ביי זיך אָפּגעטער אומריין צו ווערן. מיט דיין בלוט, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן, האָסטו זיך פאַרשולדיקט. מיט דיינע אָפּגעטער, וואָס דו האָסט געמאַכט, האָסט זיך פאַראומרייניקט. און דו האָסט דערנענטערט דיין טאָג, און די צייט פון דיינע יאָרן איז געקומען. דרום האָב איך דיך געמאַכט צו שאַנד ביי אַלע פעלקער און ביי אַלע לענדער. נאָענטע און ווייטע וועלן שפּאָטן פון דיר. דו מיטן אומריינעם נאָמען, דו פילטומלדיקע.

— דיינע פרינצן האָבן, איטלעכער לויט זיין מאַכט, פאַרגאָסן בלוט.

פּאָטער און מוטער האָט מען פאַרשעמט אין דיר. דעם פרעמדן האָט מען באַרויבט אין דיין מיט. דעם יתום און די אַלמנה האָט מען געקריוודעט אין דיר. מיינע הייליקייטן האָסטו פאַראַכט, און מיינע שבתים האָסטו פאַר־שוועכט. רכילות־טרייבער זיינען געווען אין דיר, כדי בלוט צו פאַרגיסן, און אויף די בערג האָט מען געגעסן ביי דיר. שענדלעכקייטן האָט מען געטאָן אין דיין מיט. שוחד האָט מען גענומען אין דיר, כדי בלוט צו פאַרגיסן. פּראָצענט און ציינזן האָסטו גענומען, און מיט דעם רויב, וואָס דו האָסט אָנגעזאַמלט, האָסטו אונטערגעקויפט דיינע בונד־פריינד, און אָן מיר האָסטו פאַרגעסן, זאָגט גאָט.

— דרום זע, איך האָב געפּאַטשט מיט די הענט, מיט טרויער, אויף דער ניט־ערלעכער רייכקייט, וואָס דו האָסט אָנגעזאַמלט, און אויף דיין בלוטיקייט, וואָס איז אין דיר געווען. וועט דיין האַרץ אויסהאַלטן, וועלן דיינע הענט שטאַרק זיין אין דעם טאָג, וואָס איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט דיר? איך, גאָט, האָב גערעדט און איך וועל טאָן: איך וועל דיך פאַרטרייבן צווישן די פעלקער, איך וועל דיך צעשפּרייטן אין די לענדער, און איך וועל פאַרלענדן די אומריינקייטן פון דיר. און דו וועסט פאַרשוועכט ווערן דורך דיינע מעשים פאַר די אויגן פון די פעלקער, און דו וועסט וויסן, אַז איך בין גאָט (97).

פּסולת

יחזקאל זעט ניט קיין ברעקל גוטס אין פאָלק. ער פאַרגלייכט יהודה צו פּסולת צו אָפּפאַל פון מעטאַל, וואָס טויג ניט פאַר קיין זאַך און מען דאַרף עס צעשמעלצן, פאַרניכטן. ירמיהו האָט אויך פאַרגליכן דאָס פאָלק צו פּסולת (98). אָבער ער האָט געוואוינט אין ירושלים און ער האָט געפּרובירט לייטערן, לערנען, אויסבעסערן דאָס פאָלק. אים האָט זיך געדוכט, אַז אפשר איז נאָך דאָ גאָלד דאָ אין דעם אָפּפאַל. און ער קלאָגט: אומזיסט האָט דער בלאָז־זאַק געסאָפּעט, און אומזיסט האָט מען געלייטערט. די שלעכטע זיינען ניט אָפּגעשיידט געוואָרן. ביי ירמיהון זיינען דאָ גוטע צווישן די שלעכטע, גאָלד און זילבער אין דעם פּסולת. אַפילו ווען ער איז זיך מיאש פון זיי, רופט ער זיי פאַרמיאוסטער זילבער. אָבער יחזקאל האָט גערעדט צו די גולים, און ער האָט פאַר זיי באַדאַרפט פאַרמיאוסן זייער באַליבטע שטאָט, כדי צו באַרעכטיקן גאָטס צאָרן. ער וויים לכתחילה, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו לייטערן. ער רעדט נאָר פון צעשמעלצן דעם אָפּפאַל. ווי באַלד די שטראָף פון גאָט וועט זיכער קומען, מוז דאָך ירושלים זיין אינגאַנצן פאַרדאָרבן.

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— דאָס הויז פון ישראל איז געוואָרן ביי מיר פּסולת. זיי אַלע זיינען

קופּער, און צין, און אייזן, און בליי אין שמעלץ־אויוון. פּסולת פון זילבער זיינען זיי. דערפאַר האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:

— ווייל איר זייט אַלע געוואָרן פּסולת, דרום זעט, איך זאַמל אייך איין אין ירושלים, אַזוי ווי מען זאַמעלט איין זילבער, אייזן, און בליי, און צין אין אַ שמעלץ־אויוון צו בלאָזן דערויף פייער, כדי צו צעשמעלצן דעם זילבער, אַזוי וועל איך אייך איינזאַמעלן אין מיין כעס און אין מיין גרימצאָרן, און איך וועל אויף אייך בלאָזן און אייך צעשמעלצן. יאָ, איך וועל אייך צונויפ־זאַמלען און איך וועל בלאָזן אויף אייך מיט דעם פייער פון מיין צאָרן, און איר וועט צעשמאָלצן ווערן דערינען. און אַזוי ווי זילבער ווערט צעשמאָלצן אין אַ שמעלץ־אויוון, אַזוי וועט איר צעשמאָלצן ווערן אין איר, אין דער שטאָט, און איר וועט וויסן, אַז גאָט האָט אויסגעגאָסן זיין גרימצאָרן אויף אייך (99).

קיין איינעם ניט געפֿונען

האַרב און בייז רעדט דער נביא צו די גולים וועגן ירושלים. וואָס נענטער עס קומט דער סוף פון ירושלים, אַלץ שטורעמדיקער, בייזער און מאַוימדיקער ווערן זיינע שטראָף רייד: אַלע שטאַנדן: דער קעניג און זיינע פּרינצן, די האַרן, די נביאים, די כוהנים — אַלע זיינען זינדיק!

— מענטשנזון, זאָג צו איר:

— ביסט אַ לאַנד, וואָס איז ניט גערייניקט געוואָרן, ס'איז ניט גע־רעגנט געוואָרן אויף איר אין דעם טאָג פון צאָרן.

— די פּרינצן (100) אין איר, ווי אַ ברומענדיקער לייב, וואָס צערייסט רויב, אַזוי האָבן זיי פאַרצוקט נפשות אין איר. געלט, און דאָס, וואָס איז טייער, נעמען זיי צו. אירע אַלמנות האָבן זיי געמערט אין איר.

— אירע כוהנים האָבן געפּעלשט מיין תורה און געפּעלשט מיינע הייליקייטן. צווישן הייליק און ניט־הייליק האָבן זיי ניט אָפּגעשיידט. צווישן ריין און אומריין האָבן זיי ניט געלאָזט וויסן. פון מיינע שבתים האָבן זיי אָפּגעקערט זייערע אויגן, און איך בין פאַרשוועכט געוואָרן צווישן זיי.

— אירע האַרן אין איר זיינען ווי וועלף, וואָס פאַרצוקן רויב צו פאַרגיסן בלוט, אומצוברענגען נפשות כדי צו געווינען רייכקייט.

— און אירע נביאים? זיי האָבן פאַרשמירט די צאַמען מיט שלעכטן טינק. זיי זאָגן פאַלשע נביאות און פאַרכישופן מיט ליגן. זיי זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט, ווען גאָט רעדט ניט.

— און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט אויך געריבט רויב און געגזלט. דעם אָרעמאַן און דעם אביון האָבן זיי געקריוודעט, און דעם פרעמדן האָבן זיי געדריקט מיט אומרעכט.

— און איך האָב געזוכט צווישן זיי איינעם, וואָס זאָל אַרומצאַמען דעם צאַם און זיך שטעלן קעגן מיר אין דעם בראָך, אַז איך זאָל ניט פֿאַרדאַרבן דאָס לאַנד — און איך האָב ניט געפֿונען. דערפֿאַר האָב איך אויסגעגאָסן אויף זיי מיין צאָרן. מיט דעם פֿייער פֿון מיין גרימצאָרן האָב איך זיי פֿאַרלענדט. זייער וועג האָב איך אויסגעלאָזן צו זייער קאָפּ, זאָגט גאָט דער האַר (101).

דער טאָג פֿון באַלאַגערונג

נבוכדנצר האָט באַלאַגערט ירושלים. יחזקאל האַלט זיין לעצטע נבואה פֿאַרן חורבן. אָט די נבואה איז אפֿשר די האַרבסטע און די גרויליקסטע און גרויזאַמסטע פֿון אַלע זיינע צאָרן־נבואות.

אין דער צייט פֿון דער באַלאַגערונג פֿון ירושלים האָט ירמיהו געהאַלטן טרייסט־נבואות. ער האָט טאַקע פֿאַראויסגעזאָגט חורבן, אָבער ער האָט געטרייסט דאָס פֿאָלק, אַז גאָט וועט זיי צוריקקערן אַהיים, און ער האָט פֿאַראויסגעזאָגט אַ ליכטיקע צוקונפֿט פֿאַרן לאַנד. ירמיהו האָט געדאַרפֿט פֿאַרזיכערן די באַלאַגערטע באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט, אַז דאָס פֿאַלן פֿון ירושלים איז ניט דער סוף פֿון דער אומה.

יחזקאל האָט גערעדט צו די גולים, וואָס זיינען אַליין געווען זיכער פֿון סכנה, אָבער זיי האָבן געהאַט קרובים און אַפֿילו אייגענע קינדער אין דער באַלאַגערטער שטאָט (102). פֿאַר זיי האָט ער געדאַרפֿט באַרעכטיקן דעם חורבן און דעם גרויזאַמען צאָרן פֿון גאָט, וואָס וועט אויסגעגאָסן אויף דער אויסדערוויילטער שטאָט, נאָך וועלכער זיי בענקען אַזוי שטאַרק.

די גולים האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז גאָט וועט באַהיטן און באַשיצן זיין וואוינונג ירושלים, און דעם בית־המקדש זיין רו אָרט. די גולים האָבן נאָך אַלץ געגלויבט אין דעם שפּרוך, וואָס די איינוואוינער פֿון ירושלים האָבן איבערגעחזרט:

— זי איז דער טאָפּ,
און מיר זיינען דאָס פֿלייש (103).

און יחזקאל נעמט דאָס אַלטע ווערטל און טייטשט עס אויס גאָר אַנ־דערש. ער שפּילט־אָפּ פֿאַר די גולים אַ סימבאָלישע נבואה.

דער נביא דערציילט (104):

— און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר, אין ניינטן יאָר, אין צענטן חודש, אין צענטן טאָג פֿון חדש, אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, פֿאַרשרייב דיר דעם נאָמען פֿון היינטיקן טאָג: דער מלך פֿון בבל האָט אָנגעהויבן די באַלאַגערונג פֿון ירושלים גענוי אין היינטיקן טאָג. גיב דער ווידערשפּעניקער געמיינדע אַ משל:

— נעם אַ טאָפּ און שטעל אים אויפן פייער. גיס אָן וואַסער אין אים. לייג אַריין שטיקער פלייש אין אים, גוטע שטיקער פלייש: דעם פלאַנקען און דעם שולטער. און מיט געקליבענע קנאָכנס פיל אים אָן. דאָס פלייש פון די בעסטע שאָף זאָלסטו נעמען.

— און לייג־אונטער האָלץ אונטערן טאָפּ (105). זאָל דאָס פייער זיך אַזוי צעברענען, אַז דאָס וואַסער זאָל זידן, און די ביינער אין טאָפּ זאָלן זיך איינקאָכן (106).

און יחזקאל האָט אַזוי געטאָן און אויסגערופן:

— ווי צו דיר בלוטיקע שטאָט, טאָפּ, וואָס זיין ראָסט אין אים און דער קויט זיינען פון אים ניט אַרויס. שטיקערווייז, שטיקערווייז נעם אַרויס דאָס אָפּגעקאָכטע. ניט וואַרף קיין גורל ווער שפּעטער און ווער פריער, וואָרום דאָס אומשולדיקע בלוט, וואָס זי האָט פאַרגאָסן, איז אָפן פאַר אַלעמען (107). אויף אַ טרוקענעם פעלז האָט זי אַרויפגעטאָן דאָס בלוט, אַז עס זאָל ניט פאַרדעקט ווערן.

די איינוואוינער פון ירושלים האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט בפרהסיה. און דערפאַר, זאָגט דער נביא, האָט גאָט אין די צייטן פון יהויכין, אַרויסגענומען פון דער שטאָט די האַרן און אַלע מייַנסטערס (108). אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. די שמוץ איז אַלץ געבליבן אין טאָפּ — אין ירושלים. יהוהס שטראָף האָט ניט געווירקט. די איינוואוינער זיינען געבליבן זינדיק ווי פריער. דערפאַר האָט גאָט אַזוי געזאָגט:

— ווי צו דיר, בלוטיקע שטאָט, איך אויך וועל גרעסער מאַכן דעם פלאַקער, איך וועל מערן דאָס האָלץ און איך וועל אָנצינדן דאָס פייער, איך וועל איינקאָכן דאָס פלייש, איך וועל אויסזידן דאָס געקעכץ, ביז די ביינער וועלן פאַרברענט ווערן. און איך וועל לאָזן שטיין דעם ליידיקן טאָפּ אויף די קוילן, כדי ער זאָל אָנגעברענט (109) ווערן, אַזוי, אַז זיין קופּער זאָל צעשמאָלצן ווערן און זיין שמוץ און אומריינקייט זאָלן פאַרלענדט ווערן. זי האָט מיך פאַרמאַטערט, אָבער די שמוץ איז פון טאָפּ ניט אַרויס, דערפאַר וועט ער אין פייער פאַרברענט ווערן. איך האָב דיך געריייניקט פון דיין אומריינקייט און דו ביסט ניט ריין געוואָרן. דו וועסט שוין מער ניט ריין ווערן, ביז איך וועל ניט שטילן מיין גרימצאָרן אָן דיר. איך, גאָט, האָב גערעדט, און איך וועל ניט פאַרשטערן מיינע רייד. איך וועל ניט שאָנעווען און איך וועל ניט חרטה האָבן. לויט דיינע וועגן און לויט דיינע מעשים וועל איך דיך משפּטן, זאָגט גאָט דער האַר (110).

דער נביא ווערט אַנטשוויגן

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ירושלים איז באַלאַגערט געוואָרן, האָט יחזקאל ניט נביאות געזאָגט. דער נביא האָט געשוויגן. ער אַליין איז אויך

ווי פֿאַרשטיינט און פֿאַרשטומט געוואָרן פֿון דעם גרויסן אומגליק.

אין יענער צייט איז זיין פֿרוי פֿלוצלונג געשטאָרבן אין אַ מגפֿה. און דער נביא דערציילט (111):

— און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, זע, איך נעם אַוועק פֿון דיר די גלוסטונג פֿון דיינע אויגן, דורך אַ מגפֿה. אָבער דו זאָלסט ניט קלאָגן און ניט וויינען און קיין טרער זאָלסטו ניט לאָזן. זיפֿץ שטילערהייט, און פֿיר זיך ניט אויף ווי אַן אבל. דיין קאָפּבאַנד זאָלסטו אַרומוויקלען אַרום דיין קאָפּ, דיינע שיך זאָלסטו אָנטאָן אויף דיינע פֿיס, דיין אויבערשטע ליפּ זאָלסטו ניט פֿאַרדעקן, און דאָס ברויט פֿון אבלים, וואָס מען וועט דיר ברענגען, זאָלסטו ניט עסן. און רעד צום פֿאָלק אינדערפֿרי (112).

און יחזקאל דערציילט ווייטער:

— און מיין פֿרוי איז אין אָוונט געשטאָרבן, און איך האָב גערעדט צום פֿאָלק אינדערפֿרי.

— האָט דאָס פֿאָלק צו מיר געזאָגט:

— ווילסטו אונדז ניט זאָגן וואָס באַדייטן פֿאַר אונדז אָט די זאַכן, וואָס דו טוסט?

— האָב איך צו זיי געזאָגט:

— דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— זאָג צו דעם הויז פֿון ישראל, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— זע, איך פֿאַרשוועך מיין הייליקטום, די שטאָלץ פֿון אייער גרויסקייט, די גלוסטעניש פֿון אייערע אויגן און די בענקעניש פֿון אייער זעל, און אייערע זין און טעכטער, וואָס איר האָט דאָרטן איבערגעלאָזן, וועלן פֿאַלן דורך דער שווערד. און איר וועט טאָן ווי איך האָב געטאָן: די אויבערשטע ליפּ וועט איר ניט פֿאַרדעקן, דאָס ברויט פֿון אבלים וועט איר ניט עסן, אייערע קאָפּ־באַנדן זאָלן זיין אַרומגעוויקלט אַרום אייערע קעפּ, און אייערע שיך זאָלן זיין אויף אייערע פֿיס. ניט איר וועט קאָנען וויינען, און ניט איר וועט קאָנען קלאָגן. איר וועט איינגיין צוליב אייערע זינד, און איר וועט קרעכצן איינער צום אַנדערן. און יחזקאל וועט אייך זיין פֿאַר אַ ביישפּיל. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן וועט איר טאָן. און אַז עס וועט געשען, וועט איר וויסן, אַז איך בין גאָט.

— און דו, מענטשנזון, און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וואָס דער אַנטרונענער וועט קומען און לאָזן הערן אין דיינע אויערן, אַז איך האָב אַוועקגענומען זייער פֿעסטונג, די פֿרייד פֿון זייער שיינקייט, די בענקעניש פֿון זייער זעל, זייערע זין און טעכטער, אין יענעם טאָג וועט דיין מויל געעפֿנט ווערן צו רעדן, און דו וועסט מער ניט שטום זיין (113).

דער נביא האָט געשוויגן ביז דער פּליט האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. ער האָט געשוויגן כמעט פֿולע צוויי יאָר.

נאָך איין בייזע נבואה

אין ניינטן יאָר פון גלות יהויכין, אין צענטן חודש — אין חודש טבת — אין צענטן טאָג, האָט נבוכדנצר באַלאַגערט ירושלים. אַ יאָר און אַ האַלב שפּעטער איז ירושלים געפאַלן. זעקס חדשים נאָכן חורבן איז אָנגעקומען די ידיעה קיין בבל. און יחזקאל דערציילט (114).

— און עס איז געווען אין עלפטן יאָר (115), אין צענטן חודש, אין פינפטן טאָג פון חודש פון אונדזער גלות, איז געקומען צו מיר אַן אַנטרונענער פון ירושלים אַזוי צו זאָגן: די שטאָט איז געפאַלן.

— און די האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר אין אָוונט איידער דער אַנטרונענער איז אָנגעקומען. און גאָט האָט געעפנט מיין מויל, און מיין מויל איז געבליבן אָפן, און איך בין מער ניט שטום געווען.

דעם נביאס מויל איז געבליבן אָפן און ער איז מער ניט שטום געווען. אָבער ניט שטראָפן האָט ער געשטראָפט דאָס פאָלק און ניט קיין אומגליק האָט ער אים פאָראויסגעזאָגט. דער נביא פון צער און צאָרן איז געוואָרן דער נביא פון טרייסט און האָפענונג. דער נביא פון חורבן איז געוואָרן דער פאָראויסזאָגער פון אויפבוי. דער נביא, וואָס האָט ניט געזען קיין ברעקל ליכט, קיין שטראַל פון האָפענונג פאַר די איינוואוינער פון יהודה, האָט איצט געשטאַרקט די געמיטער פון די פאַרטריבענע, געמוטיקט די געפאַלענע און פאָראויסגעזאָגט דעם פאַרטריבענעם פאָלק אַ גליקלעכע צוקונפט אויף זיין לאַנד.

נאָר נאָך איין בייזע נבואה האָט ער געהאַלטן נאָכדעם ווי די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן. באַלד נאָכן חורבן האָבן זיך געמערט באַנדעס רויבער אין לאַנד. די באַנדעס האָבן געלעבט אויף דער שווערד. די באַנדעס האָבן אויך געהאַלטן, אַז זיי זיינען די יורשים פון פאָלק, די אויסדערוויילטע פון גאָט, ווייל זיי זיינען געבליבן אין לאַנד.

יחזקאל, וואָס זעט נאָר איין ציל פאַרן יידישן פאָלק — דערקענונג פון גאָטס גרויסקייט — ווערט דערפאַר זייער בייז אויף די פאַרבליבענע פאַטריאָטישע באַנדעס, וואָס האַלטן פון זיך, ווייל זיי זיינען פאַרבליבן אין לאַנד. ער ווענדט זיך צו זיי מיט אַ נבואה:

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, די וואָס זיינען געבליבן וואוינען אין די חורבות אויף דער ערד פון ישראל, זאָגן אַזוי צו זאָגן:

— אַברהם איז דאָך געווען איינער און ער האָט געירשנט דאָס לאַנד, און מיר זיינען פיל, איז דאָס לאַנד אוודאי געגעבן געוואָרן אונדז פאַר אַ ירושה.

— דרום זאָג צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— אייערע אויגן הויבט איר אויף צו אייערע אָפּגעטער, און אומשול־דיק בלוט פֿאַרגיסט איר, און אַלע אומווירדיקייטן טוט איר, און דאָס לאַנד ווילט איר ירשענען?

— אַזוי זאָלסטו זאָגן צו זיי:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— אַזוי ווי איך לעב, אַז די וואָס וואוינען אין די חורבות וועלן דורך דער שווערד פֿאַלן, און די וואָס זיינען אויפֿן פרייען פעלד, גיב איך איבער צו די חיות זיי צו פאַרצוקן. און די וואָס זיינען אין די פעסטונגען און אין די היילן, וועלן פון פעסט אויסשטאַרבן. און איך וועל מאַכן דאָס לאַנד וויסט און ליידיק, און פאַרשטערט וועט ווערן איר שטאָלץ. און די בערג פון ישראל וועלן זיין וויסט אָן אַ דורכגייער. און זיי וועלן וויסן, אַז איך, גאָט, האָב געמאַכט דאָס לאַנד וויסט און ליידיק פאַר אַלע זייערע אומווידריקייטן, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען (116).

אַ וועכטער

יחזקאלס נבואות וועגן חורבן זיינען מקוים געוואָרן. די גולים זיינען צו אים איצט ווייניקער געגנעריש ווי פריער. מער און מער מענטשן קומען אים הערן. באַכדעם ווי זיי הערן אויס זיינע נבואות, בלייבן זיי שטיין אין רעדלעך ביי די ווענט פון די הייזער, באַשיצט אין שאָטן פון דער שטאַרקער מזרח זון.
זיי שטייען אין רעדלעך און ריידן־אַרום זיינע נבואות. דער נביא איז אָבער אַלץ ניט צופרידן. יאָ, זיי קומען אים טאַקע הערן, אָבער וואָס איז די פּעולה פון זייער צוהערן זיך, אַז זיי ענדערן ניט זייערע וועגן און האָבן ניט חרטה אויף זייערע זינד? זיי קומען אים הערן, ווייל ער רעדט שיין און זינגט אויס זיינע נבואות מיט אַ שיינעם ניגון. זאָגט גאָט צום נביא (117):

— און דו, מענטשנזון, די קינדער פון דיין פאָלק רעדן וועגן דיר ביי די ווענט און אַריינגאַנגען פון די הייזער, און איינער זאָגט צום אַנדערן, איט־לעכער צו זיין חבר אַזוי צו זאָגן:

— קומט אַקאַרשט און הערט דאָס וואָרט וואָס גייט אַרויס פון גאָט.
און זיי קומען צו דיר ווי די זקנים פון פאָלק פלעגן קומען, און זיי זיצן פאַר דיר ווי כלומרשט זיי זיינען מיין פאָלק. זיי הערן זיך צו צו דיינע ווערטער, אָבער זיי פאָלגן זיי ניט אויס. מיט זייער מויל ווייזן זיי ליבשאַפט, אָבער גייציקייט איז אין זייער האַרצן. און דו ביסט ביי זיי ווי איינער, וואָס זינגט אַ ליבע־ליד — ווי איינער, וואָס האָט אַ שיין קול און שפּילט אויף אַ שפּיל אינסטרומענט. זיי הערן דיינע ווערטער, אָבער זיי פאָלגן דיך ניט. ערשט ווען דיינע רייד פון טרייסט וועלן מקוים ווערן, אַזוי ווי דיינע פאַראויס־

זאָגונגען פון חורבן זיינען מקוים געוואָרן, וועלן זיי וויסן, אַז אַ נביא איז געווען צווישן זיי (118).

יחזקאל האָט ניט געוואָלט זיין ביים פאָלק נאָר ווי איינער, וואָס רעדט שיין, האָט אַ זיס קול און זינגט פאַר זיי געזאַנגען. איצט נאָכן חורבן איז געקומען די צייט איבערצובויען דאָס גאַנצע יידישע לעבן. יידן טאָרן ניט אַריינפאַלן אין קיין יאוש. עס מוזן אָפּגעמעקט ווערן די ספקות, וואָס זיי האָבן וועגן גאָט און זיינע וועגן. ער איז צו זיי געשיקט פון גאָט צו טרייסטן זיי, מוטיקן זיי און פאַראויסזאָגן זיי די גליקלעכע צוקונפט, וואָס וואַרט אויף זיי. און דאָ אין גלות דאַרף געלייגט ווערן דער יסוד פאַר דער צוקונפטיקער יידישער געמיינדע. ער איז באַשטימט געוואָרן פון גאָט פאַר זייער פאַסטוך, זייער היטער.

שוין באַלד נאָך דער ערשטער אַנטפּלעקונג, ווען יחזקאל האָט ניט געוואָלט אָננעמען די שליחות, האָט גאָט געזאָגט צו אים, אַז ער האָט אים באַשטימט פאַר אַ וועכטער, אַן אויסקוקער — פאַר דעם היטער, וואָס דאַרף וואָרענען די זינדיקע פון ישראל. נאָכן חורבן קומט יחזקאל צו די גולים און דערציילט זיי פון דער פערזענלעכער אחריות וואָס גאָט האָט אויף אים אַרויפגעלייגט (119).

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, רעד צו די קינדער פון דיין פאָלק און דו זאָלסט זאָגן צו זיי:

— אַז איך ברענג אַ שווערד אויף אַ לאַנד, און דאָס פאָלק פון לאַנד נעמט אַ מאַן פון צווישן זיך און זיי מאַכן אים פאַר אַ וועכטער, און ער זעט די שווערד קומען אויפן לאַנד און ער בלאָזט אין שופר און וואָרנט דאָס פאָלק, און דער הערער הערט דאָס קול פון שופר און היט זיך ניט — זיין בלוט איז אויף זיין אייגענעם קאָפּ. ער האָט דאָך געהערט דאָס בלאָזן פון שופר און האָט זיך ניט געהיט, וואָרום ווען ער וואָלט זיך געהיט, וואָלט ער געראַטעוועט זיין נפש.

— אָבער אַז דער וועכטער זעט די שווערד קומען און ער בלאָזט ניט אין שופר, און דאָס פאָלק ווערט ניט געוואָרנט, און די שווערד איז געקומען און צוגענומען אַ נפש, איז דער, וואָס איז געטויט געוואָרן טאַקע צוגענומען געוואָרן פאַר זיינע זינד, אָבער זיין בלוט וועל איך מאָנען פון דעם וועכטערס האַנט.

— און דו, מענטשנזון, פאַר אַ וועכטער האָב איך דיך באַשטימט פאַר דעם הויז פון ישראל. ווען דו וועסט הערן פון מיין מויל אַ וואָרט, זאָלסטו זיי וואָרענען פאַר מיר. אַז איך וועל זאָגן צום רשע: „דו רשע, שטאַרבן וועסטו שטאַרבן", און דו האָסט ניט גערעדט צו וואָרענען דעם רשע פון זיין וועג, וועט ער, דער רשע, טאַקע שטאַרבן פאַר זיינע אייגענע זינד, נאָר זיין בלוט

וועל איך פון דיין האַנט מאָנען. אָבער אַז דו האָסט געוואָרנט דעם רשע פון זיין וועג, וועט ער שטאַרבן פאַר זיינע זינד, און דו האָסט געראַטעוועט דיין זעל (120).

די טאַטעס עסן זויערע ווינטרויבן און די ציין פון די קינדער זיינען אייליק

דער נביא פון צאָרן איז געוואָרן דער וועכטער פון זיין פאָלק. שוין אין דער נבואה, וואו ער דערציילט, אַז גאָט האָט אים געמאַכט פאַר אַ וועכטער, רעדט ער אַנדערש ווי פריער. פאַרן חורבן רופט ער די יידן „די ווידער־שפעניקע געמיינדע", אָבער איצט זאָגט ער צו די גולים, אַז גאָט האָט אים באַפוילן צו רעדן צו „די קינדער פון מיין פאָלק". נאָכדעם ווי זיי האָבן געקראָגן די פאַרדינטע שטראָף, זיינען יידן גאָטס קינדער.

אָבער דאָס פאָלק איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן יאוש. דער חורבן איז געקומען און אַלע פאָראויסזאָגונגען פון דעם נביא זיינען מקוים געוואָרן. איצט איז ניטאָ קיין האָפענונג פאַר זיי. זינדיק זיינען זיי. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז זיי זיינען פאַרלאָרענע.

— ווייל אונדזערע פאַרברעכנס און אונדזערע זינד זיינען אויף אונדז, און צוליב זיי גייען מיר איין, און ווי קענען מיר לעבן ? (121)

אַנדערע יידן האָבן געטענהט, אַז אַפילו אַז מיר וועלן זיין גוט און פרום, איז אויך ניטאָ קיין האָפענונג פאַר אונדז. אונדזערע עלטערן האָבן געזינדיקט, און מיר וועלן זיכער דערפאַר באַשטראָפט ווערן (122). גאָט איז דאָך אַ צאָרנ־דיקער גאָט, וואָס רעכנט זיך אָפּ פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער — „מיטן דריטן דור און מיטן פערטן דור פון די, וואָס האָבן מיך פיינט, רעכן איך זיך אָפּ" (123).

די גולים האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן ווי יהוה באַשטראָפט קינדער פאַר די זינד פון זייערע עלטערן. יאשיהו איז געווען אַ פרומער און גאָטספאָרכטיקער קעניג. „אַזאַ ווי ער איז ניט געווען קיין מלך פאַר אים, וואָס זאָל זיך אומקערן צו גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן און מיט זיין גאַנצער זעל און מיט זיין גאַנצער קראַפט לויט דער גאַנצער תורה פון משהן: און נאָך אים איז ניט אויפגעשטאַנען אַזאַ ווי ער" (124). און דאָך האָט אים גאָט באַ־שטראָפט, ווייל גאָטס צאָרן האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון יהודה צוליב די אַלע אומווירדיקייטן מיט וועלכע מנשה האָט אים דערצאָרנט (125). יאשיהו האָט געליטן צוליב די זינד פון זיין טאַטן מנשה, און יהואחז, דער זון פון פרומען קעניג יאשיהו, איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט פון פרעה און איז געשטאָרבן אין גלות. פאַרוואָס ? צוליב די זינד פון זיין זיידן.

און אַפילו ווען דאָס פאָלק זאָל זיין פרום, וועט ער ניט אַנטרינען פון

גאָטס שטראָף. האָט דען ניט געזאָגט ירמיהו: און איך וועל מאַכן דאָס פאָלק צום שוידער צווישן אַלע קעניגרייכן פון דעם לאַנד, צוליב מנשה, דעם זון פון חזקיהו, פאַר דעם, וואָס ער האָט געטאָן אין ירושלים (126)? און האָט ער דען אויך ניט געזאָגט: איך וועל זיך קריגן מיט אייך און מיט אייערע קינדס־קינדער וועל איך זיך קריגן (127)?

די נביאים האַלטן אין איין דערמאָנען יידן, אַז זיי זיינען זינדיק. בייע זינד, אַלטע זינד, איצטיקע עבירות, אַמאָליקע עבירות, אַפילו די עבירות, וואָס די אור־עלטערן זיינען באַגאַנגען, ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים, און זיינען ערשט געוואָרן אַ פאָלק (128). די יידן זיינען געווען זיכער, אַז זיי קענען ניט געפינען קיין חן אין די אויגן פון גאָט, אַפילו ווען זיי זאָלן גיין אין זייערע וועגן. זיי וועלן אַלצאיינס באַשטראָפט ווערן פאַר די זינד פון זייערע עלטערן, אָדער אור־עלטערן. דאָס פאָלק האָט געהאַט אַ ווערטל: „די פאָטערס האָבן געגעסן זויערע, ניט קיין צייטיקע וויינטרויבן, און די ציין פון די קינדער זיינען איילִיק".

צווישן די נביאים זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן דעם געדאַנק פון באַשטראָפן איינעם פאַר די זינד פון אַן אַנדערן. זיי האָבן געזאָגט: פאָטערס זאָלן ניט געטויט ווערן פאַר קינדער, און קינדער זאָלן ניט געטויט ווערן פאַר די זינד פון זייערע פאָטערס (129). יעדער איינער פאַר זיין אייגענער זינד זאָל געטויט ווערן. ירמיהו זאָגט אויך, אַז אין דער צו־קונפט (130), אין יענע טעג, וועט מען שוין ניט זאָגן: די פאָטערס האָבן געגעסן זויערע וויינטרויבן, און די ציין פון די קינדער וועלן זיין איילִיק. אָבער איצט איז יעדער איינער פאַראַנטוואָרטלעך ניט נאָר פאַר די זינד פון זיין דור נאָר פאַר די זינד פון די פריערדיקע דורות.

יחזקאל האָט געזען, אַז די גולים האָבן געגלויבט, אַז ווי באַלד דער חורבן איז געקומען, איז איצט ניטאָ קיין האָפענונג פאַרן פאָלק, ווייל ווי קאָנען זיי, די פאַרטריבענע, אָפּמעקן די זינד פון זייערע עלטערן און אור־עלטערן? און דער נביא טרייסט זיי און גיט זיי האָפענונג. ער זאָגט, אַז דער אומגליק איז געקומען, ניט ווייל די טאַטעס זיינען געווען זינדיק, נאָר ווייל די איינוואוינער פון יהודה זיינען געווען זינדיק. יעדער איינער ווערט באַשטראָפט נאָר פאַר זיינע אייגענע זינד. גאָט פרייט זיך ניט, ווען דער מענטש זינדיקט. גאָט באַגערט ניט צו באַשטראָפן דעם רשע. גאָט וויל, אַז דער רשע זאָל זיך אומקערן פון זיין שלעכטן וועג. דער נביא פרעגט־אָפּ דעם געדאַנק פון דעם יחידס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל. שוין איצט, (ניט אין דער ווייטער צוקונפט, ווי ירמיהו האָט פאַראויסגעזאָגט), יאָ, שוין איצט, איז יעדער איינער פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר זיינע אייגענע זינד.

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן (131):

— וואָס מיינט איר, וואָס איר זאָגט נאָך דאָס ווערטל וואָס גייט אַרום אין לאַנד פון ישראל: די פאָטערס עסן זויערע ווייַנטרויבן און די ציין פון די קינדער זייַנען איילִיק!

— אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר, אויב עמיצער וועט זאָגן דאָס דאָזיקע ווערטל אין ישראל. זעט, אַלע נפשות זייַנען מייַנע; דער נפש פון דעם פאָטער, אַזוי ווי דער נפש פון דעם זון, איז מייַנער. דער וואָס זינ־דיקט יענער וועט שטאַרבן (132).

— און אויב אַ מאַן איז אַ צדיק, ער טוט רעכט און גערעכטיקייט; ער האָט ניט געגעסן פון די קרבנות וואָס מען האָט מקריב געווען אויף די בערג (133), און זייַנע אויגן האָט ער ניט אויפגעהויבן צו די אָפּגעטער פון דעם הויז פון ישראל; קיין מענטשן האָט ער ניט געקריוודעט; אַ משכון האָט ער אומגעקערט, ווען דער אָרעמאַן האָט עס געדאַרפט נוצן; גזלענען האָט ער ניט געגזלט; זייַן ברויט האָט ער געגעבן צו אַ הונגעריקן, און דעם נאַקעטן האָט ער צוגעדעקט מיט אַ קלייד; געלט אויף פּראָצענטן האָט ער ניט געגעבן; מער תבואה, וויפל ער האָט אַנטליען דעם אָרעמען פויער, האָט ער ניט גענומען; פון אומרעכט ציט ער שטענדיק צוריק זייַן האַנט; אמתע גערעכטיקייט טוט ער צווישן מאַן און ווייב: מייַנע געבאָטן טוט ער און מייַנע געזעצן היט ער אָפּ — אָט דער מענטש איז אַ צדיק. לעבן וועט ער לעבן, זאָגט דער האַר.

— און אַז דער צדיק האָט געבאָרן אַ זון אַ רויבער, אַ בלוט־פאַרגיסער, און ער האָט ניט געטאָן אָט די אַלע זאַכן וואָס זייַן פאָטער האָט געטאָן; פון די קרבנות וואָס מען האָט מקריב געווען אויף די בערג האָט ער געגעסן; דעם אָרעמאַן און דעם אביון האָט ער געקריוודעט; גזלענען האָט ער געגזלט; אַ משכון האָט ער ניט אומגעקערט, ווען דער אָרעמאַן האָט עס געדאַרפט נוצן; צו די אָפּגעטער האָט ער אויפגעהויבן זייַנע אויגן; אומווירדיקייטן האָט ער געטאָן; געלט אויף פּראָצענט האָט ער געגעבן; מער תבואה, וויפל ער האָט אַנטליען דעם אָרעמען פויער האָט ער גענומען — וועט ער בלייבן לעבן? ער וועט ניט לעבן. די אַלע אומווירדיקייטן האָט ער געטאָן, וועט ער זיכער שטאַרבן. זייַן בלוט זאָל זייַן אויף אים.

— און אַז דער רשע האָט געבאָרן אַ זון, וואָס האָט צוגעזען אַלע זינד פון זייַן פאָטער, וואָס ער האָט געטאָן, און ער האָט מורא געקראָגן (134) און ער האָט אַזוינס ניט געטאָן; פון די קרבנות, וואָס מען האָט מקריב געווען אויף די בערג האָט ער ניט געגעסן. און זייַנע אויגן האָט ער ניט אויפגעהויבן צו די אָפּגעטער פון דעם הויז פון ישראל; קיין מענטשן האָט ער ניט גע־קריוודעט און קיין משכון האָט ער ניט גענומען; גזלענען האָט ער ניט געגזלט; זייַן ברויט האָט ער געגעבן צום הונגעריקן, און דעם נאַקעטן האָט ער צוגעדעקט מיט אַ קלייד; פון אומרעכט (135) האָט ער צוריקגעצויגן זייַן

האָנט; פראָצענט האָט ער ניט גערעכנט, מער תבואה, וויפיל ער האָט אנטליען, האָט ער ניט גענומען; מיינע געבאָטן האָט ער געטאָן און מיינע געזעצן האָט ער אָפּגעהיט — ער וועט ניט שטאַרבן פאַר די זינד פון זיין פאָטער, לעבן וועט ער לעבן. זיין פאָטער, וואָס דריקן האָט ער אונטער־דריקט און גזלענען האָט ער געגזלט פון זיין ברודער, און טאָן האָט ער געטאָן, אַלץ וואָס עס איז ניט־גוט אין זיין פאָלק — ער איז געשטאָרבן פאַר זיין זינד.

— און אַז איר וועט פרעגן: פאַרוואָס ליידט ניט דער זון פאַר די זינד פון זיין פאָטער? איז דער ענטפער: ווייל דער זון האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקייט, אַלע מיינע געזעצן האָט ער געהיט און זיי געטאָן — דערפאַר לעבן דאַרף ער לעבן. דער נפש, וואָס האָט געזינדיקט, דער וועט שטאַרבן. **אַ זון וועט ניט ליידן פאַר די זינד פון זיין פאָטער, און אַ פאָטער וועט ניט ליידן פאַר די זינד פון דעם זון. די גערעכטיקייט פון דעם צדיק וועט זיין אויף אים אַליין, און די אומרעכט פון דעם רשע וועט זיין אויף אים אַליין** (136).

— און אַז דער רשע וועט זיך אָפּקערן פון אַלע זיינע זינד, וואָס ער האָט געטאָן, און ער וועט אָפּהיטן אַלע מיינע געזעצן און ער וועט טאָן רעכט און גערעכטיקייט — וועט ער לעבן, ער וועט ניט שטאַרבן. אַלע זיינע פאַר־ברעכנס, וואָס ער האָט געטאָן, וועלן אים ניט דערמאָנט ווערן. ווייל, צי דען באַגער איך דעם טויט פון דעם רשע? איך וויל נאָר, ער זאָל זיך אומקערן פון זיינע וועגן און בלייבן לעבן.

— און אַז דער צדיק קערט זיך אָפּ פון זיין גערעכטיקייט און טוט אומרעכט, אַלץ, וואָס דער רשע האָט געטאָן, טוט ער, וועלן אַלע גערעכטיקייטן, וואָס ער האָט געטאָן פריער, ניט דערמאָנט ווערן. פאַר זיין פעלשונג, וואָס ער האָט געפעלשט, און פאַר זיינע זינד, וואָס ער האָט געזינדיקט, פאַר זיי וועט ער שטאַרבן.

ווי עס ווייזט אויס, זיינען געווען גאַר אַ סך צווישן די גולים, וואָס האָבן זיך שטאַרק געהאַלטן אָן די אַלטע מנהגים און פירונגען. דער יחיד, האָבן זיי געגלויבט, איז ניט וויכטיק. די משפחה, דער שבט, איז דער עיקר (137). פון די גאַר אַלטע צייטן איז געווען אָנגענומען, אַז די גאַנצע משפחה טראָגט די שולד פון אירן אַ מיטגליד. און יחזקאל זאָגט צו די, וואָס גלויבן אין די אַלטע מנהגים (138):

— וועט איר זאָגן, הויז פון ישראל: עס איז ניט ריכטיק דער וועג פון גאָט. זיינען דען מיינע וועגן ניט ריכטיק, הויז פון ישראל? אייערע וועגן זיינען ניט ריכטיק. איטלעכן לויט זיינע וועגן וועל איך משפטן, הויז

פון ישראל, זאָגט גאָט דער האַר. קערט זיך אָפּ פון אַלע אייערע פאַרברעכנס, און זאָלן אייערע זינד ניט זיין פאַר אַ שטרויכלונג. וואַרפט־אַראָפּ פון אייך אַלע אייערע פאַרברעכנס, וואָס איר זייט באַגאַנגען קעגן מיר (139), און מאַכט אייך אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט. נאָך וואָס זאָלט איר שטאַרבן, הויז פון ישראל? איך באַגער ניט דעם טויט פון דעם, וואָס עס קומט אים טויט (140). קערט זיך אום, און בלייבט לעבן.

נבואות אויף אַרומיקע פעלקער

נאָכן חורבן האָט יחזקאל געהאַלטן אַ צאָל נבואות אויף די שכנישע פעלקער פון יהודה. ער האָט פאַראויסגעזאָגט זייער אונטערגאַנג, ווייל זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס יהודה איז געפאַלן. עמון האָט נאָך חורבן ירושלים פאַרכאַפּט די שטאָט גלעד. די עמונים האָבן זיך געפרייט, וואָס דער בית־המקדש איז פאַרברענט געוואָרן, און וואָס די איינוואוינער פון יהודה זיינען אַוועק אין גלות. מואב איז געווען צופרידן, וואָס יידן זיינען געוואָרן ווי אַלע אַנדערע פעלקער, און יהודה איז מער ניט גאָטס אויסדערוויילט פאָלק (142). צור און צידון האָבן זיך געפרייט מיט יהודהס מפלה, ווייל די סוחרים פון די קאַראַוואַנען וועלן מער ניט דאַרפן צאָלן קיין צינזן צו יהודה (143).

יחזקאל האָט געהאַלטן נבואות אויף זיבן פעלקער: עמון, מואב, אדום, פלישתים, צור, צידון און מצרים (144). די אַלע מדינות וועלן חרוב ווערן, ווייל ניט נאָר האָבן זיי אָפּגעשפּאָט פון יהודה, נאָר אויך דער גאָט פון ישראל איז דערנידעריקט געוואָרן ביי זיי אין די אויגן. זיי האָבן געמיינט, אַז יהוה איז באַזיגט געוואָרן. דערפאַר, זאָגט דער נביא, וועט אויף זיי קומען אַ טאָג פון משפט (145). גאָט וועט פון זיי נעמען גרויסע נקמות מיט שטראָפן און צאָרן, און זיי וועלן וויסן, אַז יהוה איז גאָט און וועט פון זיי נעמען נקמה.

אין די אַלע נבואות איז ניטאָ קיין איין נבואה, וואָס זאָגט פאַראויס דאָס פאַלן פון בבל.

אַ קלאָג־ליד

נאָכן חורבן טיילט זיך יחזקאל מיט די גולים מיט זייער צער און ווייטיק. פריער איז ער בייז אָנגעפאַלן אויף דעם הויז פון דוד (146). איצט באַקלאָגט ער און באַדויערט דעם וויסטן גורל פון דער מוטער־קעניגין חמוטל, יאשיהוס ווייב און מוטער פון צדקיהו און יהואחז. איר מאַן, דער גרויסער קעניג יאשיהו, איז געהרגעט געוואָרן פון פרעה נכה. איר זון יהואחז איז געפאַנגען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט קיין מצרים און איר צווייטן זון, צדקיהו, האָט דער

קעניג פון בבל בלינד געמאַכט. אין דעם קלאָג־ליד זיינען ניטאָ קיין טענות קעגן זייערע שלעכטע וועגן, און ס׳איז ניטאָ קיין באַרעכטיגונג פון גאָטס שטראָף. ס׳איז אַ קלאָג־ליד אָנגעפילט מיט צער, ווייטיק און רחמנות אויף דער אומגליקלעכער מוטער־מלכה חמוטל.

— און דו הייב־אויף אַ קלאָג־ליד אויף דעם פירשט פון ישראל און דו זאָלסט זאָגן:

— וואָס איז געווען דיין מוטער ? אַ לייבינטע צווישן לייבן; און צווישן יונגע לייבן האָט זי געהויערט און אירע קינדער דערצויגן.

— און זי האָט אויפגעבראַכט איינעם פון אירע לייבעלעך, און ער איז געוואָרן אַ יונגער לייב, און ער האָט זיך אויסגעלערנט רויב צו פאַרצוקן. האָבן זיך איינגעזאַמלט אויף אים פעלקער, און אין זייער גרוב איז ער געפאַנגען געוואָרן, און זיי האָבן אים אין קייטן געבראַכט אין לאַנד מצרים. און זי האָט געזען, אַז זי האָט אומזיסט געוואַרט און זי האָט פאַרלאָרן איר האָפענונג, אַז ער זאָל זיך אומקערן, האָט זי ווידער גענומען איינעם פון אירע גאָר יונגע לייבעלעך און פאַר אַ יונגן לייב אים געמאַכט. און ער האָט זיך אויסגעלערנט רויב צו פאַרצוקן. האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים פעלקער, רונד אַרום אים, מדינות, און אויסגעשפּרייט זייער נעץ אויף אים, אין זייער גרוב איז ער געפאַנגען געוואָרן. און זיי האָבן אים אין קייטן געבראַכט צום מלך פון בבל. כדי זיין קול זאָל מער ניט געהערט ווערן אויף די בערג פון ישראל (147).

און דער נביא נוצט ווידער דעם פאָלק־משל פון וויינשטאָק. אָבער דאָ איז אויך ניטאָ קיין באַרעכטיגונג פון גאָטס משפט, אָדער דערמאָנונג פון ישראלס זינד, וואָס האָבן געבראַכט דעם בראָך. פאַרקערט, עס הערט זיך אין דעם נביאס רייד אַ שטילער טרויער און פאַרדרוס, וואָס פריער איז דער וויינשטאָק געווען פאַרפלאַנצט ביי אַ וואַסער, און איצט איז ער פאַרפלאַנצט אין מדבר.

— דיין מוטער איז געווען אַ וויינשטאָק אין וויינגאָרטן פון מלך, פאַר־פלאַנצט ביים וואַסער. פרוכטבאַר און צווייגהאַפטיק איז ער געווען פון פיל וואַסער. און ער האָט געהאַט שטאַרקע צווייגן, גוט אויף צו מאַכן צעפּ־טערס פאַר הערשער. זייער וואוקס האָט זיך געזען צווישן אַלע דיקע צווייגן. און דער וויינשטאָק האָט זיך אָנגעזען מיט זיין הויך, מיט די פיל צווייגן זיינע. אָבער ער איז אויסגעריסן געוואָרן מיט צאָרן. צו דער ערד איז ער אַנידער־געוואָרפן געוואָרן. און דער ווינט פון מדבר האָט פאַרטריקנט זיינע פרוכט. צעבראָכן און צעטריקנט געוואָרן זיינען זיינע שטאַרקע צווייגן. אַ פייער האָט אים פאַרצערט. און איצט איז ער אין מדבר פאַרפלאַנצט, אין אַ לאַנד פון טריקעניש און דורשטיקייט. און אַ פייער איז אַרויס פון זיין צווייגשטאָק,

זיין פרוכט פֿאַרצערט, און ס׳איז ניט געבליבן אין אים קיין שטאַרקער צווייג צו מאַכן פֿון אים אַ צעפּטער פֿאַר אַ הערשער.

קאַנטיק, אַז לאַנג, לאַנג האָט מען די נבואה גענוצט ווי אַ קלאָג־ליד, געזונגען פֿון אַלעמען, ווייל דער אַראָפּשרייבער גיט צו:

— אַ קלאָג־ליד איז דאָס
און איז געבליבן אַ קלאָג־ליד (1948).

די פּאַסטוכער פֿון ישראל

יחזקאל האָט אָנגעהויבן איבערצובויען דאָס יידישע לעבן אין גלות. ער האָט פֿאַרזיכערט די יידן, אַז זיי וועלן ניט בלייבן צעשפּרייט צווישן פֿעלקער. יהוה וועט ניט דערלאָזן, אַז זיין נאָמען זאָל פֿאַרשעמט ווערן.

און אַז גאָט וועט אומקערן די יידן פֿון גלות, וועט געשאַפֿן ווערן גאָר אַן אַנדער לעבן אין לאַנד. אַ נייַ פֿאָלק וועט עס זיין, אַ פֿאָלק, וואָס וועט אים דינען מיטן גאַנצן האַרצן. ער וועט ניט דערלאָזן, אַז אַ קעניג פֿון פֿלייש און בלוט זאָל געוועלטיקן איבער זיי. ער אַליין וועט זיין זייער פֿירער, זייער וועכטער און זייער פּאַסטוך. ער וועט מער ניט לאָזן די האַרן געוועלטיקן איבערן פֿאָלק. און ער וועט אויך אַכטונג געבן, אַז צווישן פּראָסטן פֿאָלק זאָל הערשן יושר און משפּט — דער שטאַרקער זאָל ניט דריקן דעם שוואַכן. אַ נייע אָרדענונג און אַ נייַ לעבן וועלן איינגעפֿירט ווערן אין לאַנד. ס׳וועט הערשן פֿרידן. די פֿעלקער וועלן ניט וואַגן אָנצורירן די יידן. רעגן וועט גיין אין צייט,ביימער וועלן געבן פּרוכט, און די ערד תבואה. דאָס פֿאָלק וועט זיצן זיכער און קיינער וועט אים ניט שרעקן. די גאַנצע אַמאָליקע אָרדענונג וועט אומגעביטן ווערן.

— און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן (149):

— מענטשנזון, זאָג נביאות אויף די פּאַסטוכער פֿון ישראל, זאָג נביאות און דו זאָלסט זאָגן:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— ווי צו אייך, פּאַסטוכער פֿון ישראל, וואָס פּיטערן זיך אַליין. דאַרפֿן ניט פּאַסטוכער פּיטערן די שאָף? און איר וואָס טוט? דאָס מילכיקס עסט איר אויף אַליין, מיט דער וואָל באַקליידט איר זיך. די פֿעטע טוט איר שעכטן, און די שאָף פּיטערט איר ניט. די שלאַפֿע האָט איר ניט געפּלעגט, און די קראַנקע האָט איר ניט געהיילט. די, וואָס האָט צעבראָכן אַ ביין, האָט איר ניט פֿאַרבונדן. די פֿאַרטריבענע האָט איר ניט אומגעקערט, די פֿאַרלאָרענע האָט איר ניט אָפּגעזוכט, און אויף די געזונטע האָט איר געוועלטיקט

מיט האַרטקייט. און זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן, ווייל זיי זיינען אָן אַ פּאַסטוך, און זיי זיינען געוואָרן צו שפּייז פאַר יעטווידער חיה אין פעלד. עס בלאָנדזשען מיינע שאָף אויף אַלע בערג און אַלע הויכע ערטער, איבער דעם גאַנצן געזיכט פון דער ערד זיינען צעשפּרייט מיינע שאָף, און ס׳איז ניטאָ קיין מאַנער און ס׳איז ניטאָ קיין זוכער.

— דרום איר פּאַסטוכער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— איך וועל קומען צו די פּאַסטוכער און איך וועל מאַנען מיינע שאָף פון זייערע הענט. איך וועל זיי אָפּשטעלן פון פיטערן מיינע שאָף, און איך וועל אַרויסראַטעווען מיינע שאָף פון זייער מויל, און זיי וועלן מער ניט זיין זיי צו שפּייז.

— ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— איך אַליין וועל נאָכפרעגן אויף מיינע שאָף און איך וועל זיי אויפ־זוכן. אַזוי ווי אַ פּאַסטוך זוכט זיין סטאַדע אין דעם טאָג, ווען זיינע שאָף זיינען צעשפּרייט, אַזוי וועל איך זוכן מיינע שאָף, און איך וועל זיי אַרויס־נעמען פון אַלע ערטער וואוהין זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן אין דעם טאָג פון וואָלקן און נעבל. און איך וועל זיי אַרויסציען פון צווישן די פעלקער, און איך וועל זיי איינזאַמלען פון די לענדער, און איך וועל זיי ברענגען אין זייער אייגן לאַנד, און איך וועל זיי פיטערן אויף די בערג פון ישראל, ביי די שטראָמען און אַלע גוט־באַוואוינטע ערטער פון לאַנד. אויף גוטער פיטערונג וועל איך זיי פיטערן, אויף די הויכע בערג פון ישראל וועט זיין זייער פיטער־אָרט. איך אַליין, זאָגט גאָט דער האַר, וועל פיטערן מיינע שאָף און מאַכן זיי הויערן. די פאַרלאָרענע וועל איך אויפזוכן, די פאַרטריבענע וועל איך אומקערן. די צעבראָכענע וועל איך ארומבינדן, די קראַנקע וועל איך שטאַרקן און די פעטע און די שטאַרקע וועל איך היטן. מיט גערעכטיקייט וועל איך זיי פיטערן.

— און איר, מיינע שאָף, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— איך וועל משפּטן צווישן אַ לאַם און אַ לאַם, און צווישן די ווידערס און די בעק. ווינציק איז אייך וואָס איר פיטערט זיך אויף דער בעסטער פיטערונג, צעטראַמפּלט איר דעם איבערבלייב מיט אייערע פיס? קלאָר וואַסער טרינקט איר און דאָס איבעריקע צעבלאָטיקט איר מיט אייערע פיס? און מיינע שאָף פיטערן זיך אויף דעם, וואָס אייערע פיס האָבן צעטראַמפּלט און זיי טרינקען דאָס, וואָס אייערע פיס האָבן צעבלאָטיקט? דרום האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט צו זיי:

— איך וועל משפּטן צווישן דעם פעטן לאַם און דעם מאָגערן לאַם, און איך וועל אויפשטעלן איבער זיי איין פּאַסטוך, וואָס וועט זיי פיטערן — מיין קנעכט דוד. ער וועט זיי פיטערן און ער וועט זיין זייער פּאַסטוך, און איך

וועל זיין זייער גאָט, און מיין קנעכט דוד וועט זיין אַ פירשט צווישן זיי. און איך וועל שליסן פאַר זיי אַ בונד פון שלום, און איך וועל ניט איבערלאָזן קיין בייזע חיה אין לאַנד, און זיי וועלן זיצן אין מדבר אין זיכערקייט, און שלאָפן אין די וועלדער. און איך וועל זיי און אַלע פלעצער אַרום מיין באַרג מאַכן פאַר אַ בענטשונג. און איך וועל מאַכן נידערן דעם רעגן אין זיין צייט, רעגנס פון ברכה וועלן דאָס זיין. און דער בוים פון פעלד וועט געבן זיין פרוכט, און די ערד וועט געבן איר תבואה, און זיי וועלן זיצן אויף זייער ערד אין זיכערקייט, און קיינער וועט ניט שרעקן. און אין לאַנד וועלן מער ניט זיין קיין אויסגעצאַנגענע פון הונגער, און זיי וועלן מער ניט טראָגן די שאַנד פון די פעלקער, און זייווילן וויסן, אַז איך יהוה זייער גאָט בין מיט זיי, און דאָס הויז פון ישראל איז מיין פאָלק, איר זייט מיינע שאָף, און איך בין אייער גאָט, זאָגט גאָט דער האַר.

צו די בערג, צום לאַנד און צום פאָלק

פאַרן חורבן, ווען יחזקאל האָט געדאַרפט פאַרמיאוסן דאָס לאַנד אין די אויגן פון פאָלק, האָט ער זיך געווענדט צו די בערג פון ישראל און געזאָגט, אַז גאָט וועט זיי פאַרוויסטן (150). יחזקאל האָט יעמאָלט ניט אַרויסגעוויזן קיין ברעקל צובונד צו זיין היימלאַנד. אָבער איצט, נאָכן חורבן, האָט זיך באַפרייט זיין באַהאַלטענע ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו די בערג, צום לאַנד און צום פאָלק. גאָט וועט זיך אויף זיי דערמאָנען, און ווען די גאולה וועט קומען, וועט גאָט אַראָפּנעמען זיין קללה פון די בערג, און דאָס לאַנד וועט צוריק פרוכטבאַר ווערן, און טאָן וועט דאָס גאָט טאָן, ווייל עס וויל גרויסן זיין נאָמען צווישן פעלקער. גאָט האָט די יידן באַשטראָפט פאַר זייערע זינד, און איצט מיינען די פעלקער אַרום, אַז דאָס איז דער סוף פון דער יידישער אומה, און אַז זיי וועלן ווערן די יורשים פון לאַנד ישראל. גאָטס נאָמען איז פאַרשוועכט געוואָרן, ווייל די יידן זיינען צעשפּרייט געוואָרן צווישן פעלקער און פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד. גאָט וועט דערפאַר צוריקקערן די יידן, כדי צו ווייזן זיין גרויסקייט און מאַכט.

— און דו, מענטשנזון, זאָג נביאות אויף די בערג פון ישראל, און דו זאָלסט זאָגן:

— בערג פון ישראל, הערט דאָס וואָרט פון גאָט. אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— ווייל דער שונא האָט געזאָגט: אַהאַ, די אייביקע הויכן זיינען געוואָרן אונדזער ירושה, דערפאַר זאָג נביאות און דו זאָלסט זאָגן:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר, ווייל מען האָט אייך פאַרוויסט,

און איר זייט ביי אַלעמען אויף דער צונג, און אַלע מענטשן בארעדן אייך, דרום, איר בערג פון ישראל, הערט דאָס וואָרט פון גאָט דעם האַר: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו די בערג, צו די גראָבנס, צו די טאָלן, צו די וויסטע חורבות און צו די פאַרלאָזענע שטעט, וואָס זיינען געוואָרן צו רויב און צו שפּאָט ביי די געבליבענע פעלקער ארום און אַרום:

— איך הייב אויף מיין האַנט און שווער, אויב די פעלקער, וואָס זיינען רונד אַרום אייך, אויב זיי אַליין וועלן ניט טראָגן זייער שאַנד. און איר, בערג פון ישראל, צווייגן וועלן אויף אייך שפּראָצן, און פרוכט וועט איר טראָגן פאַר מיין פאָלק ישראל, ווייל זיי וועלן אינגיכן צוריקקומען. וואָרום אָט קום איך צו אייך, און איך וועל זיך קערן צו אייך, און איר וועט געאַקערט ווערן און וועט פאַרזייט ווערן. און איך וועל מערן אויף אייך מענטשן, און די שטעט וועלן באַזעצט ווערן, און די חורבות וועלן אויפגעבויט ווערן. און איך וועל מערן אויף אייך מענטשן און בהמות. און זיי וועלן זיך מערן און פרוכפּערן, און איך וועל אייך באַזעצן ווי אין די פריערדיקע צייטן. און איך וועל מיט אייך גוטס טאָן נאָך מער ווי פריער, און איר וועט וויסן, אַז איך בין גאָט.

דערנאָך ווענדט זיך יחזקאל צו יהודה:

— און אַזוי זאָגט גאָט דער האַר:

— ווייל מען זאָגט צו דיר: אַ מענטשפרעסערין ביסטו, אַן אומברענגערין פון פעלקער ביסטו, דרום וועסטו מער קיין מענטשן ניט עסן און דיינע פעלקער וועסטו מער ניט אומברענגען. און דו וועסט מער ניט הערן די שאַנד פון פעלקער, און די חרפּה פון די אומות וועסטו מער ניט טראָגן (151).

פאַרוואָס די גאולה מוז קומען

און אַזוי ווי איידער ירושלים איז חרוב געוואָרן, האָט יחזקאל געהאַלטן אין איין איבערחזרן אויף אַלערליי אופנים, אַז גאָט מוז באַשטראָפן די יידן פאַר זייערע זינד, אַזוי האַלט ער איצט, נאָכן חורבן, איין נבואה נאָך דער אַנדערער, אַז גאָט מוז אויסלייזן די יידן פון גלות. ער קאָן דאָך זיי ניט פאַרלאָזן אויף אייביק. און ניט נאָר ווייל ער האָט אַ בונד מיט יידן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס אויב ער זאָל זיי ניט אויסלייזן, וועט זיין נאָמען פאַרשוועכט ווערן צווישן די פעלקער. אָט דער חורבן פון בית־המקדש און דער יידישער גלות זיינען אַ באַווייז, אַז די גאולה מוז קומען. אַזוי ווי פריער האָט ער געמוזט באַשטראָפן יידן, ווייל זיי האָבן פאַרשוועכט זיין נאָמען, אַזוי מוז ער זיי איצט אויסלייזן, ווייל זייער גלות, זייער צעשפּרייטונג צווישן פעלקער, פאַרשוועכט זיין נאָמען.

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— מענטשנזון, ווען דאָס הויז פון ישראל איז געזעסן אויף זייער ערד, האָבן זיי פאַראומרייניקט דאָס לאַנד מיט זייער וועג און זייערע מעשים. און איך האָב אויסגעגאָסן אויף זיי מיין גרימצאָרן, און איך האָב זיי צעשפּרייט צווישן לענדער. לויט זייער וועג און לויט זייערע מעשים האָב איך זיי באַשטראָפט. און אַז זיי זיינען געקומען צו די פעלקער, וואוהין זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן, איז פאַרשוועכט געוואָרן מיין הייליקער נאָמען, ווייל מען האָט געזאָגט אויף זיי:

— אָט דאָס איז יהוהס פאָלק, און פון זיין לאַנד קומען זיי אַרויס.

— און איך שאָנעווע מיין הייליקן נאָמען, וואָס דאָס הויז פון ישראל האָט אים פאַרשפּרייט צווישן די פעלקער, צווישן וועלכע זיי זיינען געקומען. און דערפאַר האָט גאָט דער האַר אַזוי געזאָגט:

— ניט פון אייערטוועגן וועל איך עס טאָן, הויז פון ישראל, נאָר פון מיין הייליקן נאָמען וועגן, וואָס איר האָט פאַרשוועכט צווישן די פעלקער. איך וועל הייליקן מיין גרויסן נאָמען, וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן צווישן די פעלקער. און די פעלקער וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט, זאָגט גאָט דער האַר, ווען איך וועל געהייליקט ווערן דורך אייך פאַר זייערע אויגן.

— און איך וועל אייך צונויפנעמען פון צווישן די פעלקער, און איך וועל אייך איינזאַמלען פון אַלע לענדער, און איך וועל אייך ברענגען אויף אייער ערד. און איך וועל אויף אייך שפּריצן ריינע וואַסער, און איר וועט ריין ווערן. פון אַלע אייערע אומריינקייטן און פון אַלע אייערע אָפּגעטער וועל איך אייך רייניקן. און איך וועל אייך געבן אַ ניי האַרץ, און אַ נייעם גייסט וועל איך אַריינגעבן אין אייך. איך וועל אָפּטאָן דאָס האַרץ פון שטיין פון אייער לייב, און איך וועל אייך געבן אַ האַרץ פון פלייש. און מיין גייסט וועל איך אַריינגעבן אין אייך, און איך וועל מאַכן, אַז איר זאָלט אויספאָלגן מיינע געבאָטן, און מיינע געזעצן זאָלט איר היטן און טאָן. און איר וועט זיצן אינם לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן, און איר וועט זיין מיין פאָלק, און איך וועל זיין אייער גאָט.

— און איך וועל אייך אַרויסהעלפן פון אַלע אייערע אומריינקייטן. און איך וועל רופן צו דער תבואה און וועל זי פאַרמערן, און איך וועל מער ניט אָנשיקן קיין הונגער אויף אייך. און איך וועל פאַרמערן די פרוכט פון בוים און די תבואה פון פעלד, כדי איר זאָלט מער ניט דאַרפן אויסשטיין די חרפּה פון הונגער צווישן די פעלקער. און איר וועט זיך דערמאָנען אָן אייערע שלעכטע וועגן און אייערע ניט־גוטע מעשים, און איר וועט זיך מיאוסן פון זיך אַליין, פון אייערע זינד און אייערע אומווירדיקייטן. ניט פון אייערטוועגן טו איך עס, זאָגט גאָט דער האַר, ווייסט עס!

— און אין דעם טאָג, וואָס איך וועל אייך רייניקן פון אַלע אייערע

זינד, וועל איך באַזעצן די שטעט, און איך וועל אויפבויען די חורבות, און דאָס פאַרוויסטע לאַנד וועט באַאַרבעט ווערן. און מען וועט זאָגן:

— דאָס דאָזיקע פאַרוויסט לאַנד איז געוואָרן ווי אַ גן־עדן, און די חרובע, פאַרוויסטע און צעשטערטע שטעט זיינען באַפעסטיקטע און באַזעצטע. און וויסן וועלן די פעלקער, וואָס זיינען איבערגעבליבן אַרום אייך, אַז איך, גאָט, האָב אויפגעבויט די צעשטערטע ערטער און פאַרפלאַנצט דאָס פאַרוויסטע. איך, יהוה, האָב גערעדט און געטאָן (152).

דער טאָל מיט טרוקענע ביינער

יחזקאל האָט געטרייסט, געמוטיקט און געשטאַרקט דאָס פאָלק, אָבער די גולים האָבן זיך ניט געלאָזן אַזוי גרינג טרייסטן. דער אומגליק איז געווען גרויס און דער איבערברוך אַזוי טיף, אַז די הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן ביי דער גרויסער מערהייט פון פאָלק. דער „מקדש מעט", דאָס קליינע הייליקטום, וואוהין די פאַרטריבענע פלעגן זיך צונויפקומען און לייענען קאַפּיטלעך פון די נביאים, האָט ניט געקאָנט פאַרנעמען דאָס אָרט פון בית־המקדש.

אַ גרויסער יאוש האָט אַרומגעכאַפּט דאָס פאָלק. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז גאָט האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אַז ער האָט פאַרגעסן אָן זיין פאָלק. גאָט וויל מער ניט באַשיצן זיינע אויסדערוויילטע קינדער. און אפשר קאָן ער זיי ניט באַשיצן. די באַבילאָנישע געטער זיינען שטאַרקער. צווישן די גולים איז אַרומגעגאַנגען דאָס ווערטל:

— פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער
פאַרלאָרן איז אונדזער האָפענונג,
פאַרשניטן זיינען מיר (153).

עס קאָן זיין, אַז די גולים פון יהודה האָבן אין בבל אָנגעטראָפן דעם איבערבלייב פון די צען שבטים, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות מיט העכער הונדערט יאָר פריער. די נייע גולים האָבן געזען, וואָס עס איז געוואָרן מיט די ערשטע גולים, זיי האָבן געזען, אַז זיי האָבן זיך ס׳רוב אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און אַז זיי זיינען געוואָרן ווי די פעלקער אַרום זיי. זיי האָבן אין די פריערדיקע גולים געזען זייער אייגענעם סוף.

יחזקאל גלויבט אָבער, אַז גאָט וועט ניט לאָזן, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אונטערגיין. ער קאָן טאָן דאָס, וואָס פאַר אַ מענטשן קאָן אויסקוקן אוממעגלעך. גאָט וועט אויסלייזן דאָס גאַנצע פאָלק: יהודה און שומרון. ער וועט אויפלעבן דאָס פאָלק ישראל, וואָס אַלע מיינען, אַז עס איז טויט.

יחזקאל מאַכט עס קלאָר פאַר די גולים אין דער נבואה וועגן דעם טאָל מיט די טרוקענע ביינער (154).

— און די האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר, און דער גייסט פון גאָט האָט מיך אַרויסגעטראָגן, און ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן פון דעם טאָל. און ערשט דער טאָל איז פול מיט ביינער (155). און ער האָט מיך אַרומגעפירט אַרום זיי רונד אַרום. און זיי זיינען געווען זייער אַ סך, און זיי זיינען געווען זייער פאַרטריקנט. און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— מענטשנזון, קאָנען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?

— האָב איך געענטפערט: גאָט, דו האַר, דו ווייסט דאָך.

— און ער האָט געזאָגט צו מיר: זאָג נביאות צו די דאָזיקע ביינער און זאָג צו זיי:

— איר טרוקענע ביינער, הערט דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— זעט, איך ברענג אַריין אין אייך אַן אָטעם, און איר וועט לעבעדיק ווערן. איך וועל אויף אייך אַרויפלייגן אָדערן, און איך וועל אַרויפטאָן אויף אייך פלייש, און איך וועל אַרויפציען אויף אייך אַ הויט, און אַריינברענגען אין אייך אָטעם, און איר וועט לעבעדיק ווערן. און איר וועט וויסן, אַז איך בין גאָט.

— און איך האָב נביאות געזאָגט אַזוי ווי עס איז מיר אָנגעזאָגט געוואָרן. און ווי איך האָב נביאות געזאָגט, איז געוואָרן אַ גערויש, די ערד האָט געציטערט, און די ביינער האָבן זיך גענעענט אַ ביין צו זיין ביין. און איך האָב געזען ערשט אָדערן זיינען אויף זיי, און פלייש איז אָנגעוואָקסן אויף זיי, און אַ הויט האָט זיך אַרויפגעצויגן איבער זיי פון אויבן. אָבער קיין אָטעם איז נאָך אין זיי ניט געווען.

— האָט ער צו מיר געזאָגט:

— זאָג נביאות צו דעם אָטעם, זאָג נביאות, דו מענטשנזון, און דו זאָלסט זאָגן צום אָטעם: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— פון די פיר זייטן פון דער וועלט קום, דו אָטעם, און גיי אַריין (156) אין די דאָזיקע הרוגים, און זאָלן זיי לעבעדיק ווערן.

— און איך האָב נביאות געזאָגט אַזוי ווי ער האָט מיר אָנגעזאָגט. און דער אָטעם איז אין זיי אַריין. און זיי זיינען לעבעדיק געוואָרן. און זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף זייערע פיס — אַ גאַר, גאַר גרויסע מחנה.

און יחזקאל פאַרטייטשט די וויזיע פאַר די גולים.

— און ער האָט געזאָגט צו מיר: מענטשנזון:

— די דאָזיקע ביינער, זיי זיינען דאָס גאַנצע הויז פון ישראל. זע, זיי זאָגן:

פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער,
פאַרלאָרן איז אונדזער האָפענונג,
פאַרשניטן זיינען מיר.

— דרום זאָג נביאות און זאָג צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— זע, איך עפן־אויף אייערע קברים, און איך וועל אייך, מיין פאָלק, אַרויסנעמען פון אייערע קברים, און איך וועל אייך ברענגען אויף דער ערד פון ישראל, און איר וועט וויסן, אַז איך בין גאָט. און איך וועל אַריינטאָן מיין גייסט אין אייך, און איר וועט לעבעדיק ווערן. און איך וועל אייך באַזעצן אויף אייער ערד, און איר וועט וויסן, אַז איך, גאָט, האָב גערעדט, און איך וועל עס טאָן, זאָגט גאָט.

אַלע קינדער פון ישראל — איין פאָלק

און אַז גאָט וועט אומקערן די יידן צוריק צו זייער לאַנד, וועט ער אויסלייזן ניט נאָר יהודה, נאָר די לאַנג פאַרטריבענע יידן פון דער מלוכה ישראל, שומרון. און ביידע מלוכות וועלן ווערן איין פאָלק, און זיי וועלן מער ניט זיין צעטיילט. און גאָט וועט פאַרשניידן אַ בונד פון שלום, אַן אייביקן בונד מיט זיין פאַראייניקט פאָלק. גאָט וועט עס טאָן, ווייל ער וויל הייליקן זיין נאָמען צווישן פעלקער.

און ווי אַלעמאָל, ווען יחזקאל האָט געוואָלט באַווירקן זיינע צוהערער, האָט ער אויך דאָס מאָל געהאַלטן אַ סימבאָלישע נבואה (157).

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגן:

— און דו, מענטשנזון, נעם אַ שטעקן און שרייב אָן אויף אים: יהודה. און נעם אַן אַנדער שטעקן און שרייב אָן אויף אים: יוסף. און לייג צו איינעם צום אַנדערן און זיי זאָלן ווערן איינס אין דיין האַנט.

— און אַז די קינדער פון דיין פאָלק וועלן זאָגן צו דיר אַזוי צו זאָגן:

— ווילסטו אונדז ניט זאָגן, וואָס דאָס מיינט? רעד צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— זעט, איך נעם דעם שטעקן פון יוסף און איך וועל אים צולייגן צום שטעקן פון יהודה. און זיי וועלן ווערן איינס אין מיין האַנט. און די שטעקנס, וואָס דו וועסט אויף זיי אָנשרייבן, זאָלסטו האַלטן פאַר זייערע אויגן (158), ווען דו וועסטריידן צו זיי. און זאָג צו זיי:

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— זע, איך נעם צונויף אַלע קינדער פון ישראל פון צווישן די פעלקער, וואָס זיי זיינען אַוועק אַהין, און איך וועל זיי איינזאַמלען פון אומעטום, און

איך וועל זיי ברענגען אויף זייער ערד. און איך וועל זיי מאַכן פאַר איין פאָלק אין מיין לאַנד, אויף די בערג פון ישראל. און איין מלך וועט זיין איבער זיי אַלעמאָל. און זיי וועלן מער ניט זיין קיין צוויי פעלקער, און זיי וועלן מער ניט צעטיילט ווערן אין צוויי מלוכות. און זיי וועלן זיך מער ניט פאַראומ־רייניקן מיט זייערע אָפּגעטער און מיט זייערע אומווירדיקייטן (159) און מיט זייערע אַלע פאַרברעכנס. און איך וועל זיי העלפן פון אַלע זייערע אָפּקערונגען, וואָס זיי האָבן געזינדיקט. איך וועל זיי רייניקן, און זיי וועלן זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין זייער גאָט. מיין קנעכט דוד וועט זיין אַ מלך איבער זיי. און איין פאַסטוך וועט זיין איבער זיי אַלעמען. און מיינע געזעצן וועלן זיי פאָלגן, און מיינע געבאָטן וועלן זיי היטן און טאָן. און זיי וועלן זיצן אויף דעם לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן צו מיין קנעכט יעקב, און זיי וועלן זיצן דערויף, זיי און זייערע קינדער און זייערע קינדס־קינדער ביז אייביק. און מיין קנעכט דוד וועט זיין זייער פירשט אויף אייביק. און איך וועל שליסן מיט זיי אַ בונד פון שלום — אַן אייביקער בונד וועט עס זיין מיט זיי. און איך וועל זיי איינפלאַנצן, און איך וועל זיי מערן, און איך וועל מאַכן מיין הייליקטום צווישן זיי אויף אייביק. און איך וועל זיין זייער גאָט, און זיי וועלן זיין מיין פאָלק, און די פעלקער וועלן וויסן, אַז איך, גאָט, הייליק די יידן, ווען מיין הייליקטום וועט זיין צווישן זיי אויף אייביק.

די מלחמה פון קעניג גוג פון דעם לאַנד מגוג

יידן וועלן זיצן רואיק אויף זייער לאַנד און ניט באַפאַלן ווערן פון די פעלקער אַרום. יהוה האָט באַשטראָפט זיין אויסדערוויילט פאָלק און עס געריייניקט. נאָך דער רייניקונג וועט גאָט אַליין זיי באַשיצן און פאַרהיטן. אַלע שכנישע פעלקער, וואָס זיינען באַפאַלן די יידן, און די אַלע פעלקער צווישן וועלכע די יידן זיינען געווען צעשפּרייט, וועלן דערקענען די גרויסקייט פון גאָט פון ישראל.

אָבער ניט נאָר די שכנישע פעלקער זיינען באַפאַלן גאָטס נחלה (160). דער פרידן אין לאַנד איז געשטערט געוואָרן פון אַ סך שטאַרקערע פעלקער ווי עמון, מואב, אדום, פלישתים צור און צידון. ערגעץ ווייט אין דעם פאַרבאָרגענעם צפון לאַנד זיינען פאַרשטעקט ווילדע געצנדינערישע פעלקער, וואָס זיינען באַפאַלן די וועלט און זי אויסגערויבט, און אויך טיילן פון יהודה האָבן זיי ניט געשאָנעוועט. אָט די דאָזיקע ווילדע פעלקער מוזן אויך דערקענען די גרויסקייט פון גאָט. ער וועט זיי אָנגלערנען. און דורך דעם גרויסן זיג איבער די ווילדע פעלקער וועט די וועלט וויסן, אַז גאָט האָט פאַרטריבן זיין באַליבט פאָלק ניט ווייל יהוה האָט ניט געהאַט די מאַכט צו

באַשיצן אים און העלפן אים, נאָר צוליב זייערע זינד זיינען די יידן פאַרטריבן געוואָרן. זיי האָבן געפעלשט אין גאָט, און ער האָט פאַרבאָרגן זיין פנים פון זיי און זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון זייערע שונאים.

דורך דעם גרויסן זיג, וואָס יהוה וועט האָבן איבער די געצנדינערישע פעלקער, וועט יהוה אויך פאַרווירקלעכן די נבואות פון די פריערדיקע נביאים, וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט די פאַרניכטונג פון יידישע שונאים (161). ניט אַלעמאָל זיינען די נבואות מקוים געוואָרן. זאָגט יחזקאל, אַז דער קעניג גוג, וואָס איז פון לאַנד מגוג, איז דאָס דער שונא וועגן וועמען גאָט האָט אָנגעזאָגט אין די פריערדיקע טעג דורך זיינע קנעכט, די נביאים פון ישראל. איצט איז עס געקומען און עס איז געשען, זאָגט דער האַר, דאָס איז דער טאָג, וועגן וועלכן איך האָב גערעדט.

אָט די גרויסע מפלה, וואָס גאָט וועט ברענגען אויף די ווילדע פעלקער, וועט ניט נאָר רעכטפערטיקן אים אין די אויגן פון דער וועלט, און אַלע אומות וועלן דערקענען זיין גרויסקייט, נאָר דאָס וועט אויך זיין די לעצטע שלאַכט, וואָס די געצנדינערישע פעלקער וועלן קעמפן קעגן ישראל.

— און דאָס וואָרט פון גאָט איז געוועזן צו מיר אַזוי צו זאָגן (162):

— מענטשנזון, טו אַ קער דיין פנים צו גוגן אין לאַנד פון מגוג, דעם אויבערפירשט פון משך און תובל, און זאָג נביאות אויף אים:

— זע, איך קום אויף דיר גוג. דו אויבערפירשט פון משך און תובל. איך וועל דיך איבערריידן (163), און איך וועל אַריינטאָן רינגען אין דיינע קינבאַקן, און איך וועל דיך אַרויסציען מיט דיין גאַנצן חייל, פערד און רייטער, אַלע אָנגעטאָן אין פול געווער. אַ גרויס געזעמל אין פאַנצערס און שילדן, אַלע האַלטן שווערדן. פרס, כוש און פוט מיט זיי, אַלע מיט שילדן און קיווערס. גומר און אַלע אירע מחנות, דאָס הויז פון תוגרמה, וואָס איז אין ווייטסטן לאַנד פון צפון, מיט אַלע זייערע מחנות און אַ סך אַנדערע פעלקער מיט דיר.

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועלן דיר געדאַנקען אַרויפקומען אויפן זינען, און דו וועסט טראַכטן אַ בייזע טראַכטונג, און דו וועסט זאָגן:

— איך וועל אַרויפגיין אויף דעם לאַנד פון די ניט־באַפעסטיקטע שטעט. איך וועל אַרויפקומען אויף די רואיקע, וואָס זיצן אין זיכערקייט, וואָס זיצן אָן אַ מויער־וואַנט אַרומגערינגלט, אָן טויער און אָן ריגל. איך וועל קומען צו רויבן רויב און צו פּלינדערן פאַרמעגן, צו לייגן דיין האַנט אויף געוועזענע חורבות, וואָס זיינען איצט באַזעצט, און אויף אַ פאָלק, וואָס איז איינגעזאַמלט געוואָרן פון צווישן פיל פעלקער, וואָס האָדעוועט פי און שעפסן און זיצט אין דער מיט פון דער וועלט.

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר:

— פאַרוואָר אין יענעם טאָג, ווען מיין פאָלק וועט זיצן אין זיכערקייט, וועסטו זיך רירן און דו וועסט אַרויסקומען פון דיין אָרט, פון די ווייטסטע ערטער פון צפון, דו און פיל פעלקער מיט דיר. רייטער און פערד, אַ גרויס געזעמל און אַ סך חייל. און דו וועסט אַרויפגיין אויף מיין פאָלק ישראל ווי אַ וואָלקן צו באַדעקן די ערד. דאָס וועט דאַך זיין אין דעם סוף פון די טעג, איך וועל דיך ברענגען אויף מיין לאַנד, כדי די אומות פון דער וועלט זאָלן מיך דערקענען, און דורך דיר וועל איך געהייליקט ווערן אין זייערע אויגן.

— אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר צו גוגן:

— דו ביסט דאָך דער, וועגן וועלכן איך האָב אָנגעזאָגט אין די אַמאָ־ליקע, אַלטע צייטן דורך מיינע קנעכט די נביאים פון ישראל, וואָס האָבן נביאות געזאָגט יאָרן נאָכאַנאַנד, אַז איך וועל דיך ברענגען אויף זיי.

— און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, אין דעם טאָג, וואָס גוג וועט קומען אויף דער ערד פון ישראל, זאָגט גאָט דער האַר, וועט אויפגיין מיין גרימצאָרן. און אין מיין אייפערזיכטיקייט און אין דעם פייער פון מיין כעס האָב איך גערעדט: אויב אין יענעם טאָג וועט ניט זיין קיין גרויסע ערדציטערניש אויף דער ערד פון ישראל. און ציטערן וועלן פאַר מיר די פיש אין ים, די פייגלען אין הימל און די חיות אין פעלד, און יעטווידער שרץ, וואָס קריכט אויף דער ערד, און יעטווידער מענטש, וואָס איז אויפן געזיכט פון דער ערד. און די בערג וועלן צעפאַלן, און די הויכע ערטער וועלן איינפאַלן, און יעטווידער געמויערטע וואַנט וועט צו דער ערד פאַלן. און אויף אַלע מיינע בערג וועל איך רופן קעגן אים אַ שווערד. אַ שווערד פון אַ ברודער קעגן אַ ברודער וועט עס זיין. און איך וועל זיך אויסטענהן מיט אים מיט פעסט און מיט בלוט. און אויף זיינע מחנות און אויף די פיל פעלקער, וואָס זיינען מיט אים, וועל איך מאַכן רעגענען אַ גוס רעגן, האָגלשטיינער, פייער און שוועבל. און איך וועל געגרויסט ווערן און געהייליקט ווערן, און איך וועל אַנטפּלעקט ווערן פאַר די אויגן פון די פיל אומות, און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט.

גוג וועט פאַרניכטעט ווערן, און דאָס געווער פון דעם שונא און די פגרים פון דער מחנה, וואָס איז באַפאַלן ישראל, וועלן זיך וואַלגערן איבער דער ערד. עס וועט געדויערן גאָר, גאָר אַ לאַנגע צייט ביז מען וועט אָפּרייניקן דאָס לאַנד פון די פגרים און פון דעם געווער (164).

— און די איינוואוינער פון די שטעט פון ישראל וועלן אַרויסגיין צו דעם אָרט, וואו די מחנות פון דעם פיינט זיינען געווען, און וועלן פון דאָרטן ברענגען שילדן, פאַנצערס, בויגנס, פיילן, האַנט־שטעקנס און שפּיזן, און זיי וועלן מיט דעם הייצן זייערע אויוונס. זיבן יאָר וועלן זיי הייצן מיטן געווער, און זיי וועלן ניט דאַרפן טראָגן קיין האָלץ פון פעלד, און זיי וועלן ניט דאַרפן האַקן קיין וועלדער, ווייַל מיט די וואָפן וועלן זיי הייצן. און זיי וועלן

פלינדערן זייערע פלינדערער און זיי וועלן בארויבן זייערע רויבער, זאָגט גאָט דער האַר.

— און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועל איך געבן גוגן אַן אָרט פאַר אַ קבר. אין דעם טאָל פון די דורכגייער, וואָס איז צו דער מזרח זייט פון ים. דאָרטן וועט מען באַגראָבן גוגן און זיין גאַנצן המון. און מען וועט דעם טאָל רופן: „גי המון גוג" — דער טאָל פון גוגס המון. און דאָס גאַנצע פאָלק פון לאַנד וועט זיי באַגראָבן. זיבן חדשים וועט געדויערן, ביז מען וועט זיי באַגראָבן און אויסרייניקן דאָס לאַנד. און מען וועט אָפּטיילן מענטשן, וואָס ווילן דורכגיין דאָס לאַנד, און זיי וועלן באַגראָבן די איבערגעבליבענע, וואָס מען האָט פאַרזען. און אַז עמיצער פון די, וואָס זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן דורכצוגיין דאָס לאַנד, וועט דערזען אַ ביין פון אַ מענטשן, וועט ער אויפשטעלן אַ צייכן דערביי, ביז די באַגרעבער וועלן קומען און באַגראָבן דעם ביין אין „גי המון גוג". און אַזוי וועט מען רייניקן דאָס לאַנד.

— און איך וועל לאָזן וויסן מיין גרויסקייט צווישן די פעלקער. און אַלע פעלקער וועלן זען מיין שטראָף מיט וועלכער איך האָב זיי באַשטראָפט, און מיין האַנט, וואָס איך האָב אַרויפגעלייגט אויף זיי. און דאָס הויז פון ישראל וועט וויסן, אַז איך יהוה בין זייער גאָט פון יענעם טאָג און ווייטער. און די פעלקער וועלן וויסן, אַז דאָס הויז פון ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן צוליב זייערע זינד, ווייל זיי האָבן געפעלשט אין מיר און איך האָב פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי. דערפאַר האָב איך זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון זייערע שונאים, און זיי זיינען געפאַלן דורך דער שווערד. לויט זייער אומרייניקייט און לויט זייער פאַרברעכן, האָב איך זיי באַשטראָפט און פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי.

די צוקונפטיקע יידישע מלוכה

אַ צוועלף, דרייצן יאָר נאָכדעם ווי יחזקאל האָט געהאַלטן זיין לעצטע נבואה (165), האָט ער אויסגעמאָלט פאַר די גולים די צוקונפטיקע יידישע מלוכה.

דאָס וועט זיין נאָכדעם, ווי גאָט וועט האָבן איינגעזאַמלט די יידן פון אַלע פעלקער און לענדער און האָט זיי געבראַכט קיין ארץ ישראל. גאָט האָט פון זיי אָפּגעטאָן דאָס האַרץ פון שטיין און זיי געגעבן אַ האַרץ פון פלייש, און ער האָט אין זיי אַריינגעגעבן אַ נייעם גייסט. די יידן גייען אין גאָטס וועגן און היטן אָפּ זיינע געזעצן און געבאָטן. זיי וואוינען אין דעם לאַנד פון זייערע עלטערן, זיי זיינען גאָטס פאָלק און יהוה איז זייער גאָט. אָבער אַפילו יעמאָלט איז נאָך ניט קיין באַוואָרעניש, אַז יידן זאָלן ניט אָנהויבן זינדיקן

פון דאָס ניי. די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז דאָך שלעכט פון זיין יוגנט אָן (166). גאָט וועט דערפאַר איינשטעלן אַזאַ סדר אין דער צוקונפֿטיקער יידישער מלוכה, אַז זיינע אויסדערוויילטע יידן וועלן מער ניט קאָנען זינדיקן (167). דאָס וועט זיין ניט קיין מלוכה, אַנגעפירט פון אַ מענטשן, נאָר אַ מלוכה, געפירט פון גאָט אַליין. דער קעניג וועט זיין ניט מער ווי אַ פירשט, אַ נשיא און זיין מאַכט וועט זיין שטאַרק באַגרענעצט.

פערצן יאָר נאָכן חורבן בית־המקדש (168), פונקט אין דעם טאָג, ווען ירושלים איז חרוב געוואָרן, האָט יחזקאל געהאַט אַן אַנטפּלעקונג: — ער איז געבראַכט געוואָרן קיין ירושלים און דאָרטן האָט אים אַ מלאך פון גאָט געוויזן, ווי די צוקונפטיקע ירושלים וועט אויסזען.

דער נייער בית־המקדש וועט שטיין אויף אַ הויכן באַרג. און וועט געבויט ווערן אויף דעם אָרט און לויט דעם פּלאַן פון דעם אַלטן בית־המקדש, וואָס איז חרוב געוואָרן (169); אָבער אַנשטאָט איין הויף, איין חצר, וועלן זיין צוויי הויפן — אַן אינוועניקסטער און אַ דרויסנדיקער. דער אַריינגאַנג אין אינווייניקסטן הויף איז פאַרבאָטן פאַרן גאַנצן פאָלק, חוץ פאַר די כוהנים און לוויים. אַפילו דעם נשיא, דעם מלך, איז ניט דערלויבט אַהין אַריינצוגיין. ער מעג נאָר שטיין אין טויער און צוקוקן, ווי מען איז מקריב זיין קרבן. אויך די מלכים וועלן מער ניט באַגראָבן ווערן אויפן הר־הבית, ווי עס האָט זיך געפירט אַמאָל. יחזקאל זאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פון גאָטס הייליקייט.

און נאָך אַן אַלטער מנהג וועט אָפּגעשאַפט ווערן. די יידישע מלכים פלעגן שענקען קנעכט צום בית־המקדש. די קנעכט זיינען געווען קריגס־געפאַנגענע אָדער געקויפטע. זיי פלעגן טאָן די שווערע אַרבעט אין בית־המקדש. אָט די קנעכט פלעגן אַפילו זיין ניט קיין געמלטע. אין דעם צוקונפטיקן בית־המקדש וועט אַ ניט־געמלטער ניט קאָנען אַריינקומען. און די עבודה אין בית־המקדש וועט געטאָן ווערן פון די כוהנים. די שווערע אַרבעט וועט געטאָן ווערן פון די לוויים. קיין פרעמדער וועט ניט טאָרן טאָן קיין טייל פון דער עבודה. די קינדער פון די כוהנים, וואָס האָבן געדינט אויף במות, וועלן ווערן לוויים. די כוהנים וועלן דאַרפן זיין מער אָפּגעהיט אין זייער עסן ווי דאָס פאָלק. געוויסע שפייזן, וואָס דאָס פאָלק מעג עסן, וועלן די כוהנים ניט טאָרן עסן. אין דער צייט פון דער עבודה וועלן די כוהנים דאַרפן טראָגן לייוונטענע קליידער.

דער בית־המקדש וועט גערייניקט ווערן אַלע זעקס חדשים, און די כוהנים וועלן דאַרפן ברענגען אַ באַזונדערן קרבן, ווייל טאָמער האָט אייגער פאַראומרייניקט דעם בית־המקדש ניט־ווילנדיק.

דער נשיא וועט זיין באַגרעניצט אין זיין מאַכט. גענוג האָבן די פירשטן פון ישראל געטאָן אומרעכט און גערויבט און גערודפט די אָרעמע. דער

נשיא טאָר ניט נעמען די נחלה פון איינעם פון פאָלק און זי אַוועקגעבן צו זיינע זין, כדי קיינער פון פאָלק זאָל ניט אויסגעריסן ווערן פון זיין נחלה. דאָס לאַנד וועט צעטיילט ווערן פון דאָס ניי צווישן די צוועלף שבטים. יעדער שבט וועט האָבן זיין טויער אין דער שטאָט. אויפן טויער וועט זיין אָנגעשריבן דער נאָמען פון שבט. און די גאַנצע שטאָט זאָל זיך רופן „יהוה שמה" — „גאָט איז דאָרטן".

די שבטים וועלן באַזעצט ווערן פון צוויי זייטן פון בית־המקדש און פון די אַנדערע צוויי זייטן וועט זיין דעם נשיאס נחלה. דער בית־המקדש וועט זיין אַרומגערינגלט מיט אַ דיקער וואַנט, צען פוס די הויך.

אין אָט דער מלוכה וועט ניט זיין קיין וויסט שטיקל לאַנד. אפילו דער טויטער ים וועט אָנגעפילט ווערן מיט קוואַליקע זיסע וואַסערן. אַ קוואַל וועט אַרויסשטראָמען פון בית־המקדש. אָט דער קוואַל וועט, אַביסל ווייטער פון גאָטס הויז, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן טייך, און דער טייך וועט אַריינ־פליסן אין ים המלח. דער טייך וועט זיס מאַכן די וואַסערן פון דעם טויטן ים און אַלץ אַרום אים וועט אָנהויבן צו וואַקסן און בליען. פיש וועלן אַרומ־שווימען אין טויטן ים, און דאָס לאַנד ביי די ברעגן וועט זיין פרוכטבאַר. אָבער די זומפּן אַרום וועלן בלייבן, כדי עס זאָל זיין זאַלץ פאַר דער באַפעלקערונג.

♦

אין זיין וויזיע זעט יחזקאל דאָס לאַנד, די שטאָט און דעם בית־המקדש. ער זעט דעם טויער פון מזרח זייט, פון וואַנען גאָטס פראַכט האָט זיך אָפּגע־טאָן איידער דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איצט האָט דער כבוד פון גאָט זיך צוריקגעקערט, און זיין קול איז געווען זי דער גערויש פון גרויסע וואַסערן, און די ערד האָט אויפגעלויכטן פון זיין פראַכט.

— און די זעאונג, וואָס יחזקאל האָט געזען, איז געווען אַזוי ווי די זעאונג, וואָס ער האָט געזען, ווען ער איז געקומען צו דער צעשטערונג פון דער שטאָט. און די זעאונגען זיינען געווען אַזוי ווי די זעאונגען, וואָס ער האָט געזען ביים טייך כבר. און די פראַכט פון גאָט איז אַריין אין הויז דורך דעם טויער, וואָס איז געווען צו מזרח. און אַ ווינט האָט אויפגעהויבן דעם נביא און אים געבראַכט אין אינווייניקסטן הויף, ערשט די פראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דאָס הויז. און אַ מאַן איז געשטאַנען לעבן דעם נביא און האָט צו אים געזאָגט:

— מענטשנזון, דאָס איז דאָס אָרט פון מיין טראָן און דאָס אָרט פון מיינע פוס־טריט, וואו איך וועל רוען צווישן די קינדער פון ישראל אויף אייביק (170).

סוף

צוויי און צוואַנציק יאָר איז יחזקאל געווען נביא. ער האָט געהאַט דעם שווערסטן גורל פון אַלע נביאים. ער האָט נביאות געזאָגט אין גלות און אין אַ צייט פון דעם גרעסטן איבערברוך אין יידישן לעבן. זיינע צוהערער, די גולים, זיינען געווען ווייט פון ירושלים, אָפּגעריסן פון בית־המקדש, און געגלויבט האָבן זיי, אַז זיי זיינען פאַרשניטן פון גאָטס נחלה און פאַרלאָזן פון גאָט. זייער איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז דער גלות וועט לאַנג ניט דויערן און באַלד וועט גאָט זיך דערבאַרעמען, זיי אומקערן צוריק אַהיים און אויך צוריקקערן קיין ירושלים די כלים פון בית־המקדש, וואָס נבוכדנצר האָט צוגענומען פון ירושלים און געבראַכט קיין בבל.

יחזקאל איז ניט געקומען צו טרייסטן די גולים און זיי געבן האָפענונג, אַז דער גלות וועט לאַנג ניט דויערן. ניין, ער האָט פאַראויסגעזאָגט, אַז דער בית־המקדש וועט חרוב ווערן, דאָס לאַנד וועט פאַרוויסט ווערן, און די איבער־געבליבענע יידן וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות.

ווי ירמיהו, איז ער געקומען צו זיי מיט נייע השגות פון גאָט, לאַנד און בונד צווישן גאָט און יידן. גאָט, האָט ער זיי געזאָגט, איז ניט צוגעבונדן צום בית־המקדש און צום לאַנד פון ישראל. גאָט קאָן זיך אויך באַווייזן דאָ, אין דער פרעמד, אין חוץ־לאַרץ, אין אַ טמא לאַנד. ארץ־ישראל איז אומריין, ווייל די יידן האָבן זי טמא געמאַכט מיט זייערע אומווירדיקייטן. די בערג פון יהודה זיינען פאַרשאָלטן פון גאָט, ווייל יידן האָבן געזינדיקט אויף זיי. ירושלים איז אַ בלוטיקע שטאָט, וואָס איר שמוץ איז פון איר קיינמאָל ניט אַרויס. גאָט וועט זי פאַרברענען, אַז דער איינגעגעסענער שמוץ זאָל אויס־געברענט ווערן פון איר. גאָט מוז באַשטראָפן די יידן פאַר זייערע זינד, ווייל אויב ניט, וועט זיין נאָמען פאַרשוועכט ווערן צווישן פעלקער.

דער נביא האָט אַרויסגעריסן יעדן ברעקל רחמנות, יעדן פיצל ליב־שאַפט פון זיין האַרצן. אָפילו אין דעם טאָג, ווען נבוכדנצר האָט באַלאַגערט ירושלים, האָט יחזקאל געהאַלטן אַ גרויזאַמע נבואה, וואָס האָט פאַראויס־געזאָגט אונטערגאַנג, שחיטה און שטראָף, וואָס וועלן קיינעם ניט שאַ־נעווען.

אָבער אין זיין פאַראויסזאָגן אומגליק צו יידן פאַר זייערע זינד איז געווען גרויס בטחון אין דער צוקונפט פון דער אומה. גאָט קאָן קיינמאָל ניט פאַר־לאָזן זיין פאָלק. גאָטס בונד מיטן פאָלק קאָן קיינמאָל ניט צעשטערט ווערן, ווייל אַזוי ווי ער מוז יידן באַשטראָפן פאַר זייערע זינד, כדי זיין הייליקער נאָמען זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן צווישן די פעלקער, אַזוי מוז ער די יידן צונויפנעמען פון צווישן די פעלקער און זיי צוריקברענגען אין לאַנד פון

ישראל. אויב ער וועט עס ניט טאָן, וועט זיין הייליקער נאָמען פאַרשוועכט ווערן. די פעלקער פון דער וועלט וועלן זאָגן, אַז ער קאָן ניט אויסלייזן זיין באַליבטע אומה.

דער כוהן נביא האָט געשטראָפט, געדראָעט און פאַראויסגעזאָגט גלות, און שוין פאַרן חורבן האָט ער אָנגעהויבן איבערצובויען דאָס יידישע לעבן און עס צוזופאַסן צו די אומשטענדן פון גלות. ער האָט איינגעפירט דעם „מקדש מעט”, דאָס קליינע הייליקטום, דעם בית־כנסת, וואו יידן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט תפילה צו טאָן און צו לייענען פון דער תורה און פון די נביאים. ער האָט אויך געלייגט גרויס געוויכט אויף שבת, אויף מילה און אַנדערע מצוות.

נאָכן חורבן פון בית־המקדש, ווען ער האָט געהאַלטן נבואות פון טרייסט און געשטאַרקט און געמוטיקט דאָס פאָלק, האָט ער אויך געדאַרפט איינ־ברעכן אַלטע גלויבנס און אויסוואָרצלען אָנגענומענע טראַדיציעס. די גולים האָבן געגלויבט, אַז זיי זיינען פאַרלאָזן פון גאָט. זיי האָבן אויך געגלויבט, אַז זיי קאָנען קיינמאָל ניט אויסגעלייזט ווערן פון זייערע זינד. אויב זיי וועלן אַפילו ווערן פרום און גאָטספאַרכטיק, וועט עס זיי אויך ניט העלפן, ווייל יעדער איינער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן כלל, און יעדער דור טראָגט די זינד פון פריערדיקע דורות. יחזקאל לערנט דעם פאָלק נייע וועגן פון גאָט און נעמט פון אים אַראָפּ די שרעק. ער וואָרצלט איין דעם גלויבן אין פאָלק, אַז גאָט באַגערט ניט דעם טויט אַפילו פון דעם, וואָס עס קומט אים טויט. גאָט וויל אַז דער רשע זאָל זיך אומקערן פון זיינע שלעכטע וועגן, און אַז דער זינדיקער טוט תשובה, טראָגט ער ניט די זינד פון זיינע עלטערן. און זאָלן יידן ניט מיינען, אַז זיי זיינען טויט ווי אַ פאָלק, ווייל קיין זאַך איז ניט פאַרמידן פון גאָט. ער קאָן אַפילו פאַרטריקנטע, טויטע ביינער צוריקברענגען צום לעבן. און גאָט וועט ניט פאַרגעסן אָן די יידן. אַפילו ווען זיי וועלן בלייבן זינדיק, וועט ער זיי אויסלייזן. ער וועט אין זיי אַריינטאָן אַ נייעם גייסט און אָפּטאָן זייער האַרץ פון שטיין, און זיי געבן אַ האַרץ פון פלייש. גאָט מוז עס טאָן, ווייל פאַרבונדן איז ער מיט זיין פאָלק ישראל, און נאָר דורך דער גאולה פון יידן קאָן ער אַנטפּלעקן זיין גרויסקייט צווישן די פעלקער.

און שפּעטער, אַז די גולים האָבן זיך צוגעפּאַסט צום נייעם לעבן, האָט יחזקאל זיי געגעבן אַ וויזיע פון אַ צוקונפט, אויף וועלכער זיי קאָנען האָפן. ער האָט פאַר זיי אויך אויסגעמאָלן אַ פּלאַן פון דער צוקונפטיקער יידישער מלוכה — אַ פּלאַן, וואו וואָר און חלום זיינען צוזאַמענגעקניפּט.

יחזקאל האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט אים באַשטימט פאַר אַ וועכטער, פאַר אַ פּאַסטוך איבערן פאָלק. יאָ, ער איז געווען אַ גוטער וועכטער און אַ געטרייער פּאַסטוך. ער האָט געהיט די איבערגעבליבענע, צוריקגעבראַכט

די פֿאַרשטויסענע און אויפגעזוכט די פֿאַרלאָרענע. ער האָט קאָנקרעטיזירט אַ סך פֿון די אידעאַלן פֿון די פֿריעדריקע נביאים און געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דעם צוקונפטיקן יידישן לעבן. ניט אומזיסט ווערט ער פֿון פֿאָרשער פֿאַררעכנט פֿאַר דעם פֿאָטער פֿון יידישקייט. פֿאַראַן אַפּילו אַזעלכע, וואָס האַלטן אים פֿאַר איינעם פֿון די וויכטיקסטע געשטאַלטן אין דער אַלטער יידישער געשיכטע.

***

עמוס

הושע

מיכה

צפניה

דער פּאַסטוך פֿון תקוע

דאָס איז געווען מיט צוויי טויזנט און זיבן הונדערט יאָר צוריק אין ארץ ישראל. אין אונדזער לאַנד זיינען דעמאָלט געווען צוויי יידישע מלוכות. די צפון מלוכה האָט געהייסן ישראל, איר הויפּטשטאָט איז געווען שומרון, און איר הייליקסטער טעמפּל איז געווען אין בית אל. די דרום מלוכה איז געווען אַ קלענערע און זי האָט געהייסן יהודה. איר הויפּטשטאָט איז געווען ירושלים און דאָרט איז געשטאַנען דער בית־המקדש.

צוועלף מייל פֿון ירושלים, אין דעם דאָרף תקוע, האָט געוואוינט אַ פּאַסטוך מיטן נאָמען עמוס. ער האָט געשטאַמט פֿון אַן אָרעמער משפּחה און איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. דאָס לעבן פֿון אַ פּאַסטוך איז געווען אַ שווער לעבן. ארץ־ישראל איז אַמאָל געווען פֿול מיט ווילדע חיות — וועלף, לייבן, לעמפּערטן און בערן. דער פּאַסטוך האָט געדאַרפט היטן זיין סטאַדע מיט זיבן אויגן. ער האָט ניט געקאָנט אָפּטרעטן פֿון די שעפּסן, ניט אין דער היץ פֿון טאָג און ניט אין דעם פֿראָסט פֿון דער נאַכט (1). איז אַ לייב אָדער אַ בער באַפֿאַלן אַ שעפּסעלע, האָט דער פּאַסטוך אָפֿט איינגעשטעלט זיין לעבן אָפּצוראַטעווען אַ פּאָר פֿיסלעך, אַ שטיקל אויער (2), צו קאָנען וויַזן דעם באַלעבאָס, אַז דאָס שעפּסעלע איז טאַקע מיט אַן אמת פֿאַרצוקט געוואָרן. אויב דער פּאַסטוך האָט ניט געקאָנט ברענגען אַזאַ סימן, האָט ער געדאַרפט באַצאָלן פֿאַר דעם פֿאַרצוקטן שעפּסעלע. דער פּאַסטוך האָט געדאַרפט דעקן פֿון זיין אָרעמען פֿאַרדינסט, אויב אַ שעפּסעלע איז צוגעגנבעט געוואָרן ביינאַכט, אָדער אַוועקגערויבט געוואָרן בייטאָג.

עמוס האָט ניט פֿאַרדינט גענוג פֿון פּאַשען שאָף, האָט ער געהאַט נאָך אַ פּרנסה: ער האָט צורעכט געמאַכט ווילדע פֿייגן. די אַרבעט איז געווען נאָך אַ שווערערע ווי שאָף היטן און זי האָט זיך נאָך ערגער באַצאָלט. פֿון די ווילדע, טרוקענע פֿייגן האָט מען געמאַכט פּראָסטע מעל (3), און פֿון דער פּשוטער מעל האָט מען געבאַקן ברויט פֿאַרן אָרעמען פֿאָלק.

ווי אַן אָרעמאַן אַן אַ שטיקל ערד, איז עמוס געווען גוט באַקאַנט מיטן פֿינצטערן לעבן פֿון אָרעמען פּויער אין דאָרף (4). ער איז אויך געווען באַקאַנט מיט דעם רייכן לעבן פֿון די גרויסע שטעט. אָפֿט האָט ער געטריבן אַ סטאַדע שאָף אין דער גרויסער שטאָט אַריין, און ניט זעלטן האָט ער געפֿירט וואָל אָדער ווילדע פֿייגן אין דער רייכער הויפּטשטאָט שומרון, אָדער קיין דמשק — די הויפּטשטאָט פֿון ארם (5). דער אָרעמער פּאַסטוך האָט אין די גרויסע

טומלדיקע שטעט זיך צוגעקוקט צום לוקסוס און צו דער צעלאָזנקייט פון די רייכע. די געהויבענע מלוכה לייט און די רייכע סוחרים און די גרויסע לאַנד באַזיצער זיינען אַרומגעגאַנגען פוסטעפּאָס. זיי האָבן נאָר געגעסן, געטרונקען און זיך אָנגעטאָן פאַרגעניגן. דער אָרעמער פּויער אין דאָרף האָט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט און ניט געהאַט קיין ברויט צו זאַט.

אין אַ יאָר, ווען ס'איז ניט געגאַנגען גענוג רעגן, האָט דער פּויער ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן די צינזן, און דער רייכער האָט ביי אים צוגעצומען דאָס פעלד פאַרן חוב. ניט זעלטן איז דאָס געלט, וואָס איז אַריינגעקומען פאַרן פעלד, ניט געווען גענוג צו באַצאָלן דעם חוב און די הויכע צינזן, וואָס זיינען אָנגעוואַקסן, האָט דער רייכער ייד פאַרקויפט דעם אָרעמען ברודער זיינעם פאַר אַ קנעכט (6).

פאַר די אָנגערויבטע געלדער האָבן די הויכע רעגירונגס באַאַמטע און רייכע לאַנד באַזיצער געפּלאַנצט גלוסטיקע וויינגערטנער און געבויט הייזער פון געהאַקטע שטיינער — ווינטער־היימען און זומער־היימען (7). זיי האָבן באַפּוצט די הייזער מיט העלפאַנטביין. געגעסן האָבן זיי פעטע לעמער און געשטאָפּטע קעלבער, געטרונקען וויין פון שפּרענגבעקנס און געשפּילט אויף גיטאַרעס כדי עס זאָל זיי פריילעך זיין. די אָרעמע לייט האָבן געהאָרעוועט און געצאָלט שווערע צינזן צו דער רעגירונג און צו די לאַנד באַזיצער.

די פייערונג אין בית־אל

צוויי און צוואַנציק מייל פון תקוע איז געשטאַנען דער טעמפּל פון בית־אל. אין דעם טעמפּל האָבן זיך געפונען צוויי גאָלדענע עקסלעך (8).

דער הייליקער טעמפּל האָט געהאַט אַ גרויסן פאָרהויף. אויף אַ יום־טוב פלעגן זיך דאָרטן צונויפקלייבן טויזנטער עולה־רגלניקעס. זיי האָבן געבראַכט קרבנות, געגעסן פלייש, געטרונקען וויין און זיך געפרייט. די אָרעמע האָבן געבראַכט אַ ביסל מעל, אַ קריגעלע בוימל, אָדער אַ ביטל וויין, אָבער די רייכע האָבן געבראַכט געשטאָפּטע אָקסן, פעטע שעפּסן. די כּוהנים האָבן פאַרברענט אַ טייל פון דעם פלייש און געגאָסן וויין אויפן מזבח. אַנדערע כּוהנים האָבן געשפּילט אויף אַלערליי אינסטרומענטן און געזונגען תפילות. די איינוואוינער פון ישראל האָבן געמיינט, אַז ווי באַלד אַז זיי היטן אָפּ גאָטס יום־טובים, ברענגען קרבנות און זינגען תפילות, געפינען זיי חן אין די אויגן פון גאָט, און ער פאַרגיט אַלע זייערע זינד.

עמוס האָט זיך אָפּט צוגעקוקט צו די פייערונגען אין טעמפּל פון בית־אל און האָט זיי ניט געקענט פאַרליידן. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז גאָט וועט פאַרגעבן די זינד פון די גרויסע לאַנד אייגנטעמער, רייכע

סוחרים און געהויבענע מלוכה לייט, נאָר דערפאַר, וואָס זיי ברענגען קרבנות און זינגען תפילות צו אים. יהוה איז דאָך דער גאָט פון גערעכטיקייט. קאָן ער פאַרליידן די, וואָס פאַרוואַנדלען גערעכטיקייט אין אומרעכט, טרעטן אויפן אָרעמאַן, נעמען ביי אים צינזן פון תבואה, און טוען שלעכטס אין טויער פון דער שטאָט? (9)

דאָס דאָרף תקוע איז געווען פאַרשטעלט פון צוויי זייטן מיט הויכע, גרויע קאַלך־בערג. פון די אַנדערע צוויי זייטן האָט זיך געצויגן אַ וויסטע שטיינערנע פלאַך אַזש ביזן טויטן ים, דעם ים המלח. אין דעם רואיקן פאַרוואָרפענעם דאָרף, ווייט פון שטאָטישן טומל, האָט עמוס געקאָנט טראַכטן וועגן גאָט, וועגן דער אָרדענונג פון דער וועלט און וועגן דער שלעכטסקייט און זינדיקייט פון די שטאַרקע און רייכע.

ס'איז געווען רואיק אין לאַנד. אָבער אַ וואַכזאַמער אויער האָט שוין געקאָנט הערן דעם ווייטן אַנקומענדיקן שטורעם. אַשור האָט איינגענומען איין מלוכה נאָך דער אַנדערער. עמוס האָט דערפילט, אַז אַן אומגליק רוקט זיך אויף דער וועלט. קיינער זעט עס ניט און קיינער פאַרשטייט עס ניט, אָבער דער חורבן איז נאָענט.

און פאַרוואָס קומט דער חורבן אויף דער וועלט? עמוס האָט געוואוסט פאַרוואָס: יהוה איז דער גאָט פון גערעכטיקייט און ער קומט שטראָפן די מענטשן פאַר זייער פאַרדאָרבנקייט און זייערע זינד.

פיר זעאונגען

איינמאָל, ווען עמוס איז צוריקגעקומען פון שומרון, איז זיין האַרץ אין אים געווען שווערער ווי אַלעמאָל. ער האָט געזען, אַז די רייכע הוליען און פרייען זיך און ווייסן ניט, אַז באַלד וועט קומען אַן אומגליק אויף דער וועלט. זיי דריקן דעם אָרעמאַן, און זיי זעען ניט, אַז גאָטס צאָרן וועקט זיך.

עמוס האָט געפאַשעט די שאָף אין פעלד. ס'איז געווען אָנהויב זומער. דער פויער האָט נאָר וואָס אָראָפּגענומען זיין שניט. אָבער דער ערשטער שניט געהערט אינגאַנצן צום קעניג און דער פויער טאָר ניט אָנרירן די תבואה. עמוס איז געשטאַנען און געקוקט אויף די צונויפגענומענע גאַרבן. ער האָט געוואוסט וויפיל מי, וויפיל שוויס, וויפיל טעג פון אַרבעט דער פויער האָט אַריינגעלייגט אין פעלד, און געניסן פון זיין האָרעוואַניע קאָן ער ניט. אָבער עמוס האָט זיך געטרייסט — באַלד וועט קומען דער שפּעט־וואוקס. אמת, די רייכע וועלן אָנקומען ווי אַ היישעריק און וועלן צונעמען דעם גרעסטן טייל פון דער תבואה פאַר צינזן, דאָך וועט פאַר דעם פויער עפּעס וואָס בלייבן.

מיטאַמאָל האָט עמוס געזען אַ זעאונג:

די פעלדער זיינען שוין באַדעקט מיטן שפּעט וואוקס. גרין זיינען די פעלדער, ווי ווייט דאָס אויג קאָן נאָר כאַפּן. אָבער פּלוצלים איז דער הימל פינצטער געוואָרן, אַ היישעריק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די פעלדער און אָפּגעפרעסן דאָס גראָז פון לאַנד (10).

עמוס ווייס, אַז דאָס איז אַ וואָרנונג פון גאָט. יהוה שיקט אַ היישעריק, אַ שטראָף, אַז יידן זאָלן זען, אַז זיי זיינען זינדיק און זיך אומקערן פון זייערע שלעכטע וועגן (11). אָבער די שטראָף איז אַ גרויזאַמע, דאָס פאָלק וועט דאָך הונגערן, און ביי עמוסן רייסט זיך אַרויס אַ תפילה, אַ געבעט צו גאָט:

— גאָט, דו האַר, פאַרגיב מיר וואָס איך בעט דיך,
ווי קאָן עס יעקב באַשטיין, ער איז דאָך אַזוי קליין?

און באַלד הערט עמוס גאָטס שטים:

— עס וועט ניט געשען!

עמוס באַרואיקט זיך, אָבער ניט אויף לאַנג. דאָס פאָלק איז דאָך זינדיק, מוז דאָך דער אומגליק קומען. אַזאַ זינדיקייט מוז באַשטראָפט ווערן. און באַלד טאַקע זעט ער אַ צווייטע זעאונג:

— גאָט שטייט מיט אַ ריזיקן פייער, וואָס איז גרייט צו פאַרניכטן דאָס לאַנד און אויסטריקענען אַפילו די אונטערערדישע וואַסערן.

און עמוס בעט ווייטער ביי גאָט:

— גאָט, דו האַר, הער אויף, איך בעט דיך.
ווי קאָן דאָס יעקב באַשטיין, ער איז דאָך אַזוי קליין?

און באַלד הערט עמוס גאָטס שטים:

— דאָס אויך וועט ניט געשען!

גאָט האָט פאַרגעבן די זינד פון פאָלק, אָבער עמוס קאָן זיך ניט באַרואיקן. טיף אין האַרצן האָט ער געוואוסט, אַז גאָטס צאָרן האָט זיך אָפּגעטאָן ניט אויף לאַנג, ווייל דאָס לאַנד איז דאָך נאָך אַלץ זינדיק, און זינד מוז באַשטראָפט ווערן. באַלד זעט ער טאַקע אַן אַנדער זעאונג. אים איז ניט קלאָר וואָס די זעאונג באַדייט, אָבער די שטים פון גאָט טייטשט זי אים אויס (12):

עמוס דערציילט:

— גאָט האָט מיר געוויזן, ווי ער שטייט אויף אַ מויער, און אין זיין האַנט איז אַ בליי־שנור. און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

—וואָס זעסטו, עמוס?

— האָב איך געענטפערט: אַ בליי־שנור.

האָט גאָט געזאָגט: ווי מיט אַ בליי־שנור וועל איך מעסטן מיין פאָלק ישראל. לויט מידת הדין וועל איך אים משפּטן, און איך וועל אים מער ניט פאַרגעבן.

עמוס שווייגט. ער ווייס, אַז עס איז אומזיסט דאָס בעטן, אומזיסט דאָס תפילה טאָן. די שטראָף מוז קומען. און ער הערט ווייטער גאָטס שטים:

— די במות פון יצחק וועלן פאַרוויסט ווערן, די הייליקטימער פון ישראל וועלן חרוב ווערן, און איך וועל אויפשטיין אויפן הויז פון ירבעם מיט אַ שווערד (13).

אָבער דער נביא האָפט נאָך אַלץ, אַז גאָט וועט אפשר נאָך צוריקהאַלטן זיין צאָרן. באַלד אָבער זעט עמוס אַ פערטע וויזיע. ער זעט אַ קאָרב זומער־אויבסט און ער הערט גאָטס שטים:

— וואָס זעסטו, עמוס?

און עמוס ענטפערט: אַ קאָרב זומער־אויבסט. (אַ קאָרב זומער־אויבסט מיינט אין העברעאיש: „כלוב קיץ" — „קיץ" מיינט אויך דער סוף).

און גאָטס שטים פאַרטייטשט אים די זעאונג:

— געקומען איז דער סוף אויף מיין פאָלק ישראל, איך וועל אים מער ניט פאַרגעבן (14).

עמוס ווייס שוין איצטער אויף זיכער, אַז קיין זאַך קאָן ניט פאַרמיידן דעם אומגליק פון זיין פאָלק.

אָבער אַ נייע פראַגע הויבט אים אָן עגבערן:

— וועט גאָט ברענגען אַ חורבן אויף זיין פאָלק, און אים ניט וואָרענען? גאָט איז דאָך דער גאָט פון גערעכטיקייט, און ער וועט ניט באַגיין קיין עולה אַנטקעגן קיינעם. ער וועט פריער וואָרענען. דערפאַר האָט ער דאָך אויפגעשטעלט נביאים צווישן יידן; גאָט דער האַר טוט קיין זאַך, סיידן ער אַנטפּלעקט זיין סוד צו זיינע קנעכט די נביאים (15).

גאָטס רוף

טעג און נעכט וואַנדערט דער נביא מיט זיין סטאַדע אין די בערג פון תקוע. דאָס האַרץ איז אים שווער — אַ חורבן דערנענטערט זיך, און קיינער זעט ניט זיין אָנקומען. ווער וועט גיין און וואָרענען דאָס פאָלק? ווער?

אָפט פאַלט אים איין, אַז אפשר איז ער אַליין דער שליח פון יהוה, אָבער עס קאָן דאָך ניט זיין. ער איז דאָך ניט קיין נביא און ער געהערט ניט צו די בני הנביאים. ער איז אַ פּראָסטער פאַסטוך און אַן אָרעמער צורעכט־מאַכער פון פייגן. פּאַסט ער פאַר אַזאַ גרויסער, וויכטיקער שליחות?

אָבער איינמאָל ביינאַכט, אין דער שטילקייט פון מדבר, האָט ער דערהערט דאָס ברומען פון אַ לייב, און ער האָט באַלד דערפילט, אַז דאָס איז אַ צייכן פון גאָט:

— דער לייב האָט געברומט,
ווער ווערט ניט דערשראָקן ?
גאָט דער האַר האָט גערעדט,
ווער וועט ניט נביאות זאָגן ? (16)

עמוס פאָלגט גאָטס רוף. ער נעמט זיין פאַסטוך שטעקן אין האַנט, לייגט אַריין אַ פּאָר געטריקנטע פייגן אין פאַסטוך זאַק, און באַהאַרצט מיט גאָטס וואָרט לאָזט ער זיך קיין בית־אל — צום הייליקטום פון ישראל. דאָרט וועט ער לערנען יידן צו פיינט האָבן שלעכטס און ליב האָבן גוטס, און איינ־צושטעלן גערעכטיקייט אין טויער. אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן אויף דעם איבערבלייב פון יוסף.

אין בית אל

ער איז אָנגעקומען קיין בית־אל ערב סוכות. סוכות איז געווען דער פריילעכסטער און טומלדיקסטער יום־טוב פון יאָר. טויזנטער עולה־רגלניקעס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. דער מאַרק פּלאַץ אַרום טויער פון שטאָט איז געווען געפּאַקט.

עמוס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק און אָנגעהויבן נביאות זאָגן. ער האָט געוואוסט, אַז ווי אַ פרעמדער, אַן איינוואוינער פון דער קליינער, ניט לאַנג צוריק באַזיגטער יהודה, קאָן ער ניט קומען און אָנהויבן גלייך שטראָפן און פאָראויסזאָגן אומגליק און חורבן. מען וועט אים אויס־לאַכן. מען וועט אים ניט לאָזן ריידן. האָט ער צוערשט אָנגעהויבן ריידן וועגן די יידישע שונאים (17). ער האָט אָנגעהויבן נביאות זאָגן וועגן ארם, מיט וועמען די יידן האָבן ניט לאַנג צוריק געפירט אַ מלחמה, און אויך וועגן די פלישתים — די אַלטע שונאים פון יידן. גאָט וועט ברענגען אַ וועלט חורבן, האָט עמוס געזאָגט. ער וועט שיקן אַ שטראָף אויף די פעלקער — ווייל זיי זיינען זינדיק. ער וועט באַשטראָפן ארם, ווייל זי איז געווען גרויזאַם צו אירע שונאים. ער וועט שיקן אַ פייער און פאַרברענען די פּאַלאַצן פון בן הדד, דעם קעניג פון ארם, ער וועט אויסראָטן די איינוואוינער פון דמשק, און דאָס פאָלק פון ארם וועט פאַרטריבן ווערן אין גלות.

די יידן, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין מאַרק פּלאַץ, זיינען געווען צופרידן מיט די רייד פון דעם נביא. ער שטראָפט די יידישע שונאים. ער איז דאָך אַ יידישער נביא, ער רעדט אין נאָמען פון גאָט, פון יידישן גאָט, וואָס ער איז גרעסער פון אַלע אַנדערע געטער. אוודאי וועט ער נעמען נקמה פון די שונאים פון די קינדער פון ישראל. דאָס זיינען גוטע נבואות. זיי וועלן זיכער מקוים ווערן. עס וועט קומען אַ חורבן אויף עזה, די הויפּטשטאָט פון די

פלישתים, און עמון און מואב וועלן אויך פאַרטריבן ווערן. מען הערט זיך צו צו אים, און דער נביא האָפט, אַז מען וועט זיך אויך צוהערן צו זיין וואָרנונג. ער וועט זיי דערקלערן, אַז אַן אומגליק קומט אויף אַלע פעלקער, וועט דען ישראל אַנטרונען? אויב די פעלקער, וואָס גאָט האָט זיך צו זיי ניט אַנטפלעקט, וועלן באַשטראָפט ווערן פאַר זייערע זינד, וועלן דען די יידן, וואָס זיינען גאָטס אויסדערוויילטע, ניט באַשטראָפט ווערן נאָך האַרבער?

און עמוס הויבט אָן נביאות צו זאָגן אויף יהודה. גאָט וועט ניט פאַרגעבן די פאַרברעכנס פון יהודה, ווייל די יידן פון יהודה האָבן פאַרוואָרפן גאָטס געבאָטן און היטן ניט אָפּ זיינע געזעצן. גאָט וועט שיקן אַ פייער אויף יהודה, און דאָס פייער וועט פאַרברענען די פּאַלאַצן פון ירושלים! (18)

דער עולם איז נאָך אַלץ צופרידן. יהודה איז אויך אַ שונא. די איינוואוינער פון ישראל ווייסן פאַרוואָס יהודה איז קליין. די יידן היטן דאָרט ניט אָפּ גאָטס תורה. אָבער זיי אין בית־אל פאָלגן אויס גאָטס געבאָטן. און וואָס זיינען גאָטס געבאָטן? אָפּהיטן יום־טובים, ברענגען קרבנות, פאַרזאַמלען זיך אין טעמפּל אויף יום טוב און זיך פרייען פאַר גאָט. זיי טוען די אַלע זאַכן, און גאָט האָט דערפאַר גרויס געמאַכט די גרעניצן פון ישראל. ירבעם איז אַ מעכטיקער קעניג און זיין ציטער איז אויף אַלע שכנים. אמת, וויפיל מען היט אָפּ גאָטס געבאָטן איז אַלץ ווייניק. גאָט איז אַ שטרענגער. ער וויל אַ סך קרבנות און תפילות. דער פרעמדער נביא וועט מסתמא אויך זיי שטראָפן און וואָרענען, אַז זיי זאָלן זיין מער פרום. נו, וועלן זיי מקריב זיין נאָך קרבנות, זינגען מער תפילות אין טעמפּל און זיך פרייען שטאַרקער אום יום טוב פאַר גאָט.

אָבער דער עולם האָט דערהערט אַזעלכע רייד, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער וועט עס הערן.

עמוס ווענדט זיך צו די פאַרזאַמלטע און רעכנט אויס די זינד פון ישראל:

— זיי פאַרקויפן פאַר געלט דעם גערעכטן,
דעם אָרעמען פאַר אַ פּאָר שיך.
זיי טרעטן אויפן קאָפּ פון דעם אָרעמאַן
און דעם משפט פון די שוואַכע פאַרדרייען זיי.
אויף פאַרמשכונטע קליידער
ציען זיי זיך אויס לעבן איטלעכן מזבח,
און ווייַן פון באַשטראָפטע
טרינקען זיי אין גאָטס הויז (19).

גאָט וועט ניט פאַרשווייגן אַזעלכע זינד, זאָגט דער נביא.

— איך וועל מאַכן, די ערד זאָל קרעכצן אונטער אייך.
דער שטאַרקער וועט ניט אָנהאַלטן זיין כוח,

דער גיבור וועט ניט ראַטעווען זיין לעבן,
דער בויגנשיסער וועט ניט בלייבן שטיין,
דער מוטיקסטער צווישן די גיבורים
וועט אַ נאַקעטער אַנטלויפן אין יענעם טאָג (20).

דער עולם איז געבליבן געפּלעפּט, אָבער ער האָט זיך ניט אונטער־געגעבן מען האָט אָנגעהויבן טענהן צום נביא:

— און דאָס וואָס מיר ברענגען קרבנות איז גאָר נישט? דאָס וואָס מיר פרייען זיך פאַר גאָט, טוען תפילה צו אים, איז גאָרנישט ווערט?

און דער נביא ענטפערט, אַז גאָט האָט פיינט קרבנות און תפילות אָן גערעכטיקייט און יושר. ניין, קרבנות און תפילות פון די, וואָס טוען אומרעכט, איז גאָר אַ זינד.

— איך האָב פיינט, איך פאַראַכט אייערע יום־טובים,
איך פאַרטראָג ניט דעם ריח פון אייערע פאַרזאַמלונגען.
אייערע מעל־אָפּפער וויל איך ניט,
און די פריד־אָפּפער פון אייערע געשטאָפּטע בהמות
וויל איך ניט אָנקוקן.
נעמט אַוועק פון מיר דעם ליארם פון אייערע געזאַנגען,
דאָס שפּילן פון אייערע האַרפעס וויל איך ניט הערן (21).

איז וואָס וויל גאָט?

— זאָל נאָר קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט,
און רעכטפאַרטיקייט ווי אַ מעכטיקער שטראָם (22).

און דער עולם איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט:

— אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. ווי קאָן מען דינען גאָט אָן קרבנות?

האָט דער נביא זיי געפרעגט:

— האָט איר מיר געבראַכט שלאַכט־אָפּפער און מעל־אָפּפער פאַר פערציק יאָר אין מדבר, איר הויז פון ישראל? (23)

אָבער די יידן האָבן אַלץ ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי גאָט וועט באַשטראָפן זיי, זיינע אויסדערוויילטע קינדער, ווי אַלע אַנדערע פעלקער? גאָט האָט דאָך די יידן אַרויסגענומען פון מצרים, זיי געבראַכט אין צוגעזאָגטן לאַנד. ער האָט פאַרטיליקט דעם אמורי פאַר זיי. ווי קאָן גאָט פאַרלאָזן זיינע קינדער? (24)

און דער נביא ענטפערט:

— הערט דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס גאָט האָט גערעדט צו אייך, קינדער פון ישראל, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מצרים, אַזוי צו זאָגן:

— ווייל נאָר אייך האָב איך דערקענט
פון אַלע משפחות פון דער ערד,

דערפֿאַר וועל איך אייך מער שטראָפֿן
פֿאַר אַלע אייערע זינד (25).

זאָלן זיך יידן ניט גרויסן, וואָס גאָט האָט זיי ארויסגעצויגן פֿון מצרים. דאָס האָט זיי ניט געמאַכט פֿאַר דעם אויסדערוויילטן פֿאָלק פֿון גאָט. יהוה האָט אויך אַרויסגעצויגן די פּלישתים פֿון כפתור, און ארם פֿון קיר, און זיי זיינען ניט די אויסדערווײלטע פֿעלקער פֿון גאָט. נאָר ווען ישׂראל טוט גערעכטיקייט און גייט אין יהוהס וועגן, איז ער אַן אויסדערוויילט פֿאָלק. אָבער אַז יידן זינדיקן, זיינען זיי אין די אויגן פֿון גאָט ניט בעסער פֿון די קינדער פֿון די כושים, די שוואַרצע קנעכט (26).

אין טעמפּל

יידן זיינען געווען צוגעוואוינט צו שטראָף רייד פֿון נביאים. אין די טעמפּלען איבער גאַנץ ישׂראל און יהודה האָבן זיך געפֿונען די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די בני נביאים. אין פֿאָלקס געדעכעניש האָבן זיכער נאָך געלעבט די בייזע רייד פֿון דעם נביא נתן צו מלך דוד. אוודאי זיינען אין גאַנץ ישׂראל און יהודה געווען באַקאַנט די מעשׂות פֿון אליהו און די שטראָף רייד פֿון דעם נביא אין האַריקן מאַנטל צום מלך פֿון ישׂראל — אחאב. אָבער ביז די טעג פֿון עמוס איז קיין נביא ניט געקומען מיט אַזעלכע תביעות און טענות צום פֿאָלק. ביז עמוסן האָט נאָך קיין נביא ניט פֿאַראויסגעזאָגט קיין שטראָף פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק.

אָבער דאָס איז נאָר געווען אַן אָנהויב. באַלד האָבן די יידן געהערט נאָך גרויזאַמערע רייד: עמוס האָט פֿאַראויסגעזאָגט גלות און אונטערגאַנג פֿון פֿאָלק (27).

ס'איז געווען דער ערשטער טאָג סוכות. דער פֿאַרהויף פֿון טעמפּל איז געווען געפּאַקט. יידן זיינען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. דער כוהן איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין רייכע פּורפּורנע קליידער, גרייט מקריב צו זיין אַ קרבן. פֿון דער טיפֿעניש פֿון טעמפּל האָט זיך געהערט אַ שטיל געזאַנג. אַ הייליקע שטילקייט האָט געהערשט אין פֿאַרהויף.

עמוס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ זייל פֿון טעמפּל און געקוקט אויפֿן מזבח. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ זעאונג. ער האָט געזען ווי גאָט שטייט איבערן מזבח און גיט אַ באַפֿעל צו אַ מלאך (28). עמוס האָט אָנגעהויבן נביאות זאָגן:

— איך האָב געזען גאָט שטייט איבערן מזבח
און ער האָט געזאָגט:
טו אַ קלאַפּ די זיילן קעפּ,

אַזש די שוועלן זאָלן אַ ציטער טאָן,
צעשמעטער זיי איבער אַלעמענס קעפּ (29).

דער עולם איז פאַרציטערט געוואָרן פון דעם נביאס רייד. ס'איז נאָך שטילער געוואָרן. און עמוס האָט ווייטער נביאות געזאָגט:

— די, וואָס וועלן ניט צעדריקט ווערן פון דעם איינפאַלנדיקן טעמפּל, וועלן ניט אַנטרינען. אַן ערגערער סוף וואַרט אויף זיי. קיינער וועט ניט אַנטלויפן און קיינער וועט זיך ניט ראַטעווען. גאָט וועט אַלע רייכע און אַלע שררות אויסהרגענען מיט דער שווערד. אויב איינער וועט זיך באַהאַלטן אונטער דער ערד, וועט גאָטס האַנט אים אַרויסנעמען פון דאָרטן. וועט עמיצער פון זיי אַרויפשטייגן צום הימל, וועט גאָט אים אויפזוכן און אים אַראָפּשליידערן. און אויב זיי וועלן זיך פאַרבאָרגן פון מיינע אויגן אויפן גרונט פון ים, וועל איך באַפעלן דער שלאַנג און זי וועט זיי איינבייסן. אַז זיי וועלן גיין אין געפאַנגענשאַפט, וועל איך דאָרטן באַפעלן דער שווערד און זי וועט זיי אויסהרגענען (30).

פאַרוואָס וועט גאָט אַזוי גרויזאַם שטראָפן זיין פאָלק?

און עמוס ענטפערט:

— הערט איר, וואָס ווילט איינשלינגען דעם אביון און פאַרטיליקן די אָרעמע פון לאַנד. איר זאָגט: ווען וועט שוין אַריבער דער ראש חודש, אַז מיר זאָלן שוין קאָנען פאַרקויפן תבואה; און דער שבת, אַז מיר זאָלן עפענען די שפּייכלערס קאָרן צו פאַרקויפן מיט אַ פאַרקלענערטער מאָס, מיט אַ פאַרגרעסערטן שקל און מיט אַ פאַלשער וואָג! געשוואָרן האָט גאָט ביי דעם שטאָלץ פון יעקב, אַז ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַלע אייערע מעשים (31).

אָבער יידן האָבן געגלויבט, אַז באַלד וועט קומען גאָטס טאָג און דער געגאַרטער טאָג פון גאָט וועט ברענגען יידן גליק. די יידישע שונאים וועלן באַזיגט ווערן, און גאָטס קינדער וועלן דערהייבן ווערן.

עמוס זאָגט צו זיי:

— וויי צו די, וואָס גלוסטן דעם טאָג פון גאָט. צו וואָס דאַרפט איר גאָטס־טאָג? ער וועט זיין פינצטער און ניט ליכטיק. פינצטער וועט זיין דער טאָג פון גאָט און ניט ליכטיק, פינצטער אָן אַ שימער פון ליכט (32).

אָבער דער עולם האָט ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס עס קומט די יידן אַזאַ שטראָף. זיינען זיי ניט עולה רגל צו די הייליקע ערטער אין בית־אל, אין גילגל?

און דער נביא ענטפערט:

— איר גייט קיין בית־אל און איר — זינדיקט. איר זייט עולה רגל קיין גילגל, און זינדיקט נאָך מער (33). איר ברענגט קרבנות, ווייל איר ווילט זיך

פרייען, איר האָט ליב מאַכן סעודות. ניין, דאָס איז ניט קיין אמתע פרומקייט. זינדיק איז שומרון. רויב און אונטערדריקונג איז אין איר. גזילה און רויב זיינען אָנגעזאַמלט אין די רייכע פּאַלאַצן.

און דער נביא שטורעמט ווייטער:

— איר האָט פיינט דעם, וואָס שטראָפט אייך אין טויער פון שטאָט, און דעם, וואָס רעדט אמת, פאַרמיאוסט איר. איר טרעט אויפן אָרעמאַן. אַן אָפּצאָל פון תבואה נעמט איר פון אים. איר האָט געבויט הייזער פון געהאַקטע שטיינער, אָבער איר וועט ניט וואוינען אין זיי. גלוסטיקע ווייגערטנער האָט איר פאַרפלאַנצט, אָבער איר וועט ניט טרינקען זייער וויין (34).

און עמוס הויבט אויף אַ קלאָג ליד אויף ישראל:

— זי איז געפאַלן, זי וועט מער ניט אויפשטיין
די יונגפרוי פון ישראל.
זי ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד,
ניטאָ ווער עס זאָל זי אויפהויבן (35).

— איז גאָר ניטאָ קיין האָפענונג פאַר ישראל?

און דער נביא ענטפערט:

— זוכט גאָט, און לעבט. גייט ניט קיין בית־אל, און קומט ניט קיין גילגל מקריב צו זיין קרבנות. גילגל וועט אַוועק אין גלות, און בית־אל וועט חרוב ווערן. ס'איז דאָ נאָר איין האָפענונג: (36)

— זוכט גוטס און ניט קיין שלעכטס,
כדי איר זאָלט לעבן.
האָט פיינט שלעכטס און האָט ליב גוטס
און שטעלט אויף אין טויער גערעכטיקייט,
אפשר וועט גאָט פון די חיילות
זיין לייטזעליק צום איבערבלייב פון יוסף (37).

ווי עס ווייזט אויס, איז אַ גרויסן טייל פון עולם זייער געפעלן געוואָרן עמוסעס שטראָף רייד צו די רייכע. אויב ס'וואָלט ניט געווען אַזוי, וואָלט מען אים אינמיטן דער יום־טוב פייערונג ניט געלאָזט ריידן אַזעלכע שרעק־לעכע רייד קעגן די רייכע און פאַראויסזאָגן אַ חורבן אויף שומרון.

דער פּריסטער אמציה

אויף מאָרגן, אָדער אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט אמציה, דער הויפּט פּריסטער פון טעמפּל בית־אל, פאַרמסרט עמוסן פאַרן קעניג. אמציה איז געווען ניט נאָר דער הויפּט פּריסטער פון טעמפּל בית־אל, נאָר אויך אַ באַ־

אַמטער אין דער מלוכה. ער איז געווען זייער רייך. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשווייגן עמוסן. דער פרעמדער פּאַסטוך נביא גראָבט אונטער די יסודות פון דער מלוכה און פאַרשוועכט מיט זיינע רייד אַלע הייליקייטן פון פאָלק. דערצו בונטעוועט ער די אָרעמע קעגן די רייכע. דער פּריסטער האָט אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום קעניג פון ישראל, אַזוי צו זאָגן:

— אַ בונט האָט עמוס געמאַכט אויף דיר צווישן די קינדער פון ישראל. דאָס לאַנד קאָן ניט פאַרטראָגן זיינע רייד. וואָרום אַזוי האָט געזאָגט עמוס (38): דורכן שווערד וועט שטאַרבן ירבעם, און ישראל וועט פאַרטריבן ווערן פון זיין לאַנד (38).

דערווייל האָט אמציה געוואָלט ווירקן מיט גוטן אויפן נביא. פאַר דעם שטאָלצן, רייכן פּריסטער איז עמוס געווען ניט מער ווי נאָך איינער פון דער גרויסער צאָל נביאים, וואָס נביאות זאָגן איז ביי זיי אַ מיטל צו פאַרדינען זייער חיונה. האָט דער פּריסטער געזאָגט צו עמוסן:

— צו וואָס ביסטו געקומען אַהער פון יהודה קיין בית־אל, צו זאָגן נביאות אין הייליקטום, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן פון קעניג? זעער, גיי, אַנטלויף דיר אין לאַנד יהודה און עס דאָרט ברויט, און דאָרטן זאָלסטו נביאות זאָגן. אָבער אין בית־אל זאָלסטו מער ניט נביאות זאָגן, ווייל עס איז אַ הייליקטום פון קעניג און אַ טעמפּל פון דער מלוכה.

עמוס אַנטלויפט ניט. ער ענטפערט אים שטאָלץ און צאַרנדיק:

— ניט איך בין אַ נביא און ניט איך בין פון די בני הנביאים, וואָס לעבן פון נביאות זאָגן. איך בין אַ פּאַסטוך און אַ צורעכטמאַכער פון ווילדע פייגן. און גאָט האָט מיך גענומען פון הינטער די שאָף, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

— גיי זאָג נביאות צו מיין פאָלק ישראל. און אַז גאָט באַפעלט, מוז מען פאָלגן (39).

— דער לייב האָט געברומט,\
ווער וועט ניט דערשראָקן?\
גאָט דער האַר האָט גערעדט,\
ווער וועט ניט נביאות זאָגן? (40)

אָט די מוטיקע רייד זיינען נאָך געווען ווייניק פאַר עמוסן. דער פרעמדער, אָרעמער נביא ווענדט זיך צו אמציהן, דעם רייכן הויפּט פּריסטער און שטאָלצן מלוכה מאַן, און זאָגט צו אים:

— דו זאָגסט, איך זאָל ניט נביאות זאָגן אויף ישראל און זאָל ניט ריידן צו דעם הויז פון יצחק, דרום הער די רייד פון גאָט:

— דיינע זין און טעכטער וועלן פאַלן דורך דער שווערד, דיין לאַנד

וועט מיט אַ מעסט שנור צעטיילט ווערן, דו וועסט שטאַרבן אין אַן אומריינעם לאַנד, און ישראל וועט אַוועק אין גלות (41).

עס ווערט אין ערגעץ ניט דערציילט, וואָס עס האָט אים געענטפערט דער כוהן אמציה, אָדער וואָס דער קעניג ירבעם האָט געטאָן מיטן פאַסטוך נביא. האָט אים דער קעניג געטויט? האָט ער אים פאַרטריבן קיין יהודה? האָט ער אים געלאָזט צורו? מיר ווייסן ניט. מער הערן מיר ניט פון דעם פאַסטוך נביא.

♦

אָבער זיינע רייד זיינען געבליבן. זיי זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין אַ בוך, און דאָס בוך איז אויפגעהיט געוואָרן פאַר אונדז. ביי היינטיקן טאָג איז דאָס בוך „עמוס" הייליק ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט. און ביז היינטיקן טאָג האָט נאָך די וועלט ניט געהערט קיין מוטיקערע שטים פון פראָטעסט קעגן די אומרעכטן, וואָס די רייכע באַגייען אַנטקעגן די אָרעמע, און די שטאַרקע אַנטקעגן די שוואַכע.

מען רופט עמוסן — דער נביא פון גערעכטיקייט. אַז יהוה איז דער גאָט פון גערעכטיקייט, איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין האַרצן פון יידישן פאָלק, עמוס אַליין האָט ניט געהאַלטן, אַז ער ברענגט עפּעס וואָס ניי צו יידן. אָבער קיינער פאַר אים האָט ניט געוואָגט צו גלויבן, אַז דער וועג צו גאָט איז בלויז דורך גערעכטיקייט צום אָרעמען און צום אונטערדריקטן (42).

עמוס איז געווען דער ערשטער פון די שריפט נביאים — די נביאים, וואָס זייערע רייד זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין אַ בוך. גאָר אַ קורצע צייט נאָך אים איז אויפגעשטאַנען נאָך אַ נביא אין ישראל. הושע דער זון פון בארי.

הושע

אין גאָר אַ קורצער צייט נאָך עמוסן האָט דער נביא הושע אָנגעהויבן נביאות צו זאָגן. הושע איז געבאָרן געוואָרן אין דער צפונדיקער יידישער מלוכה. ער האָט דאָרט געוואוינט זיין גאַנץ לעבן און דאָרט איז ער געווען נביא. די צפונדיקע מלוכה, ישראל, איז געווען גרעסער, רייכער און האָט געהאַט מער איינפלוס אויף די אַרומיקע פעלקער ווי יהודה, די יידישע מלוכה פון דרום. דאָך ווייסן מיר נאָר פון צוויי גרויסע נביאים, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן און געלעבט אין ישראל — אליהו און הושע. וועגן אליהון זיינען אונדז געבליבן אַ סך מעשות און לעגענדעס און נאָר עטלעכע קורצע רעדעס און נבואות זיינע. פון הושען איז געבליבן אַ גאַנצער ספר.

הושע איז געווען אן אריסטאקראט. זיין טאטע בארי, ווערט דערציילט אין מדרש, האט געשטאמט פון א קעניגלעכער משפחה (1). ער איז געווען א פירשט, א כוהן און אויך א נביא. פון אים איז געבליבן, זאגט ווייטער דער מדרש, א נבואה פון צוויי פסוקים (2). די נבואה איז געווען צו קורץ, צו מאכן דערפון א באזונדער ספר, האבן די חכמים זי אריינגעשטעלט אין ספר ישעיה.

עס ווערט אין ערגעץ ניט געזאגט בפירוש, אז הושע האט געהאט זעאונגען. אן אנדייט איז יא דא. אין הושע געפינט זיך א פסוק, וואס מען קאן אויסטייטשן ווי די ערשטע זעאונג, וואס דער נביא האט געהאט. גאט באווייזט זיך צו אים, און הושע הערט, ווי גאט באפעלט אים צוצולייגן א שופר צום מויל און אנזאגן דאס אנקומען פון שונא. א גרויזאמער שונא וועט קומען, א שונא, ווי א רויב פויגל וועט אראפנידערן אויף גאטס לאנד:

— צו דיין גומען לייג צו א שופר.
ווי א רויב פויגל נידערט אראפ (דער שונא)
אויף דעם הויז פון גאט.
ווייל זיי האבן איבערגעטראטן מיין בונד,
און קעגן מיין תורה האבן זיי פארבראכן (3).

הושע האט אנגעהויבן נביאות צו זאגן אין די לעצטע יארן פון ירבעם דעם צווייטן. אין דער אומארדענונג און הפקרות, וואס זיינען געקומען באלד נאך ירבעמס טויט, האט דער נביא געזען דעם אנקום פון ישראלס חורבן. עס איז אוועק איין דור, און עס איז טאקע געקומען דער סוף צו דער יידישער מלוכה פון ישראל.

אין אנהויב פון זיין נביאות זאגן איז הושע געווען נאך בייזער און צארנדיקער ווי דער נביא עמוס. עמוס האט געשטראפט נאר די רייכע, הושע האט געשטראפט אלעמען: דעם קעניג, די רעגירונגס באאמטע, די אדל-לייט, די כוהנים און דאס פראסטע פאלק (4).

דער נביא איז געווען זיכער, אז גאט וועט פארטיליקן זיין פאלק. ווייל זינדיק איז ישראל און ס'איז ניטא קיין האפענונג פאר אים. גאט קריגט זיך מיט די איינוואוינער פון ירושלים (5), זאגט הושע, ווייל ס'איז ניטא קיין אמת אין לאנד. מען שווערט פאלש, מען גנבעט, מען גזלט, מען רויבט און מ'פארגיסט אומשולדיק בלוט. דאס קאן ניט פארשוויגן ווערן. פארשניטן וועט ווערן יעדער איינוואוינער, אפילו די חיה אין פעלד, די פייגל אין הימל און די פיש אין ים וועלן אומקומען.

דער נביא זעט דעם כאאס און די הפקרות, וואס זיינען אין לאנד. בלוט אן בלוט רירט זיך אן. ווענדט ער זיך פריער צו די כוהנים, וואס דארפן זיין

די לערער פון פאָלק, און ער שטראָפט זיי. דערנאָך ווענדט ער זיך מיט האַרבע רייד צו די אדל־לייט, וואָס דאַרפן זיין די פירערס און וועג־ווייזער פון פאָלק, און גאָר צום לעצט — צום פאָלק אַליין.

זאָגט דער נביא:

— הערט צו כוהנים, פאַרנעמט הויז פון ישראל און הויז פון קעניג, לייגט צו דאָס אויער, ווארום אויף אייך אַלעמען וועט קומען דער משפט.

— איר כוהנים, וואָס האָט געדאַרפט זיין די לערער און וועג־ווייזער פון פאָלק, האָט אָנגעשטעלט אַ פאַסטקע אין מצפה, פאַרן פאָלק. איר האָט אויסגעשפרייט אַ נעץ אויפן תבור און אַ טיפע גרוב האָט איר געגראָבן אין שיטים—צו פאַנגען דאָס פאָלק צו געצנדינסט. איר כוהנים העלפט די פאַרשווערער פון דער מלוכה. איר פאַראייניקט זיך און לויערט אויף מענטשן ווי באַנדעס רויבער. איר מאָרדעט און פירט דורך בייזע פלענער. איר האָט ליב, אַז דאָס פאָלק זאָל ברענגען קרבנות. איר קוקט אויס, אַז דאָס פאָלק זאָל זינדיקן, כדי איר זאָלט עסן זיין זינד. און גאָט באַגערט גאָר גוטסקייט, און קענען גאָט איז בעסער פון בראַנד־אָפּפער. אָבער, ווי נאָר גאָט וויל היילן ישראל, אַזוי אַנטפּלעקט זיך די זינד פון אפרים און די שלעכטסקייט פון שומרון (6).

— און די פירער? אויף זיי וועט אויך קומען גאָטס משפט! זיי אַלע חנפענען דעם פירשט און דערפרייען דעם מלך מיט זייערע שלעכטע אויפ־פירונגען. אָפּן פאַר אַלעמען חנפענען זיי דעם פירשט, און באַהאַלטענערהייט וואַרטן זיי און לויערן צו דערמאָרדן זייער מלך.

די אַדל־לייט און הויפּטן פון דער מלוכה פירן די יידן אויף קרומע וועגן. יידן זיינען אַלעמאָל געווען אַן אָפּגעזונדערט פאָלק און האָבן זיך פאַרלאָזן אויף גאָט, אַז ער זאָל זיי שיצן. איצט זוכן זיי צו מאַכן אַ בונד מיט די שכנים. זיי שיקן שלוחים צו די אַרומיקע פעלקער, און זיי מיינען, אַז די אַלע פעלקער וועלן זיי אַרויסהעלפן צו ראַטעווען זיך פון דער סכנה, וואָס לויערט אויף זיי פון דעם קעניג אַשור. אָבער, זאָגט דער נביא, ישראל מישט זיך אויס מיט די פעלקער, און ער ווייס ניט, אַז פרעמדע עסן אויף זיין כוח. אַזוי ווי אַ נאַרישע טויב, וואָס קוקט זיך ניט אום וואוהין זי פליט, און זי פאַלט אַריין אין נעץ, אַזוי זיינען יידן. זיי בעטן הילף ביי מצרים און זיי גייען קיין אשור. אָבער וואוהין נאָר זיי גייען, שפרייט איך אויס אויף זיי מיין נעץ, און ווי פייגל פון הימל וועל איך זיי מאַכן אַראָפּנידערן. וויי צו די, וואָס זיינען אַוועק פון מיר, קלאָגט דער נביא, ווי זאָל איך זיי אויסלייזן, אַז זיי זאָגן ליגנס? (70)

די כוהנים, די לערער פון פאָלק, זיינען ווי באַנדעס רויבער, און די פירערס טראַכטן נאָר פון פאַרשווערונגען, היינט ווי קאָן דאָס פאָלק זיין בעסער? — בייזערט זיך דער נביא. דאָס פאָלק דינט געטשקעס. ער פרעגט

עצות ביי אַ שטיק האָלץ, און וואַרט אויף אַ באַשייד פון אַ שטעקן. אויף שפּיץ־בערג שעכטן זיי קרבנות און אויף בערגלעך רויכערן זיי ווייַרויך. ווי אַ ווילדע קו איז צעווילדעוועט ישׂראל (8).

אין דער ערשטער צייט פון זיין נביאות זאָגן ווערט דער נביא ניט מיד פון שטראָפן און פאַראויסזאָגן אומגליק פאַרן פאָלק. נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל רעכנט אויס דער נביא די זינד פון די פירשטן, פון די כוהנים און פון פאָלק. די פירער מאַכן מלכים אָן מיר, זאָגט גאָט. זיי זאָגן: — מיר האָבן ניט קיין מורא פאַר גאָט, וואָס קאָן אַ מלך טאָן פאַר אונדז? און די כוהנים ציטערן איבער די קעלבער פון בית־אל, מען זאָל זיי ניט דאַרפן אַוועקשיקן ווי אַ מתנה צום מלך אשור. און דאָס פאָלק פאַרמערט די מזבחות צו זינדיקן. און דער נביא זאָגט, אַז גאָט קלאָגט: ווען איך וויל העלפן ישׂראל, אַזוי אַנפּלעקט זיך זיין זינד און דאָס בייז פון שומרון. זיי באַגייען פאַלשקייטן און די דורכגייערס אין גאַס באַפאַלן רויבער. קיינמאָל טראַכטן זיי ניט, אַז איך געדענק זייערע פאַרברעכנס, און אַז זייערע אַלע שלעכטע מעשׂים זייַנען פאַר מיינע אויגן. גאָט וועט עס זיי ניט פאַרגעבן. ער וועט זיין גרויזאַם צו זיין פאָלק. ער וועט ווערן ווי אַ לייב צו אפרים, און ווי אַ בערנטע, וואָס איז באַרויבט פון אירע קינדער. ער וועט אויפרייסן דאָס שיידל פון זייער האַרצן, און ווי אַ חיה אין פעלד וועט ער זיי צעררייסן (9).

ניטאָ קיין האָפענונג פאַרן פאָלק. ער מעג וואַקסן צווישן טייך־גראָזן, וועט קומען גאָטס שטורעם פון מדבר און אויסטריקענען דעם קוואַל. ווייל פאַרשולדיקט איז שומרון, און דורך דער שווערד וועט זי פאַלן. גאָט וועט אַוועקוואַרפן די זין פון זיין פאָלק, ווייל זיי האָבן זיך צו אים ניט צוגע־הערט, און זיי וועלן אַרומוואָגלען צווישן פעלקער (10).

אַזוי האָט דער נביא געשטורעמט קעגן די זינד פון פאָלק. כדי זיינע רייד זאָלן בעסער ווירקן, האָט ער זיינע דריי קינדער געגעבן סימבאָלישע נעמען. יעדער נאָמען איז אַן אָנדייט, אַז גאָט האָט פאַרמיאוסט זיין פאָלק. זיין ערשטן זון האָט ער אַ נאָמען געגעבן יזרעאל:

— גאָט האָט צו אים געזאָגט, רוף זיין נאָמען יזרעאל, וואָרום אין גאַר אַ קורצער צייט וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט דעם הויז פון יהוא פאַר דעם בלוט פון יזרעאל, און איך וועל צעשטערן די מלוכה פון ישׂראל. איך וועל צעברעכן דעם בויגן פון ישׂראל אין טאָל יזרעאל (11).

ווי עס ווייזט אויס, איז דער זון געבאָרן געוואָרן אָדער צום סוף פון דעם קעניגן פון ירבעם דעם צווייטן, אָדער אין דער צייט, ווען זיין זון זכריה איז געזעסן אויפן טראָן. דער נביא דערמאָנט די יידן, אַז יהואס דינאַסטיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ בלוט באָד. יהוא האָט אויסגעראָטן דאָס הויז פון עמרי אין יזרעאל. אמת טאַקע, עמריס קינדער זיינען געווען זינדיק און

יהוא האָט איינגעפירט אַ סך רעפאָרמעס, אָבער גאָט איז ניט צופרידן מיט גוטס, וואָס קומט אַרויס דורך בלוט פאַרגיסונג.

דעם נביאס צווייטע קינד, אַ מיידל איז געבאָרן געוואָרן, ווי עס ווייזט אויס, אין שלמס אָדער מנחמס צייטן. די הפקרות און די בלוט־פאַרגיסונגען האָבן זיך פאַרמערט. גאָטס שטראָף דערנעענט זיך. און דער נביא הערט גאָטס שטים:

— רוף איר נאָמען לא רוחמה, די ניט־דערבאַרעמטע, וואָרום גאָט וועט מער ניט רחמנות האָבן אויף דעם הויז פון ישראל (12).

די מהומות אין לאַנד פאַרמערן זיך. די פירער און דאָס פאָלק ווערן אַלץ מער און מער זינדיק. דער נביא ווערט גרויזאַמער צו זיין פאָלק. און ווען אַ דריט קינד ווערט ביי אים געבאָרן, הערט ער גאָטס באַפעל:

— רוף זיין נאָמען לא עמי, ניט־מיין־פאָלק.

די שטראָף איז נאָענט, זי קומט. גאָט זאָגט זיך אינגאַנצן אָפּ פון זיין פאָלק. הושע מאַכט עס גאַנץ קלאָר:

— איר זייט ניט מיין פאָלק, און איך בין ניט אייער גאָט (13).

אָבער אין יענער צייט האָט פּאַסירט אַ גרויס אומגליק מיטן נביא, און ער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. הושע האָט אויסגעפונען, אַז זיין אייגענע געליבטע פרוי, גומר, איז אים ניט געטריי. די גמרא דערציילט, אַז דאָס האָט גאָט מיט אַ כיוון אַריינגעבראַכט אַ שלעכטן גייסט אין גומרס האַרץ, אַז זי זאָל ווערן זינדיק צו איר מאַן. פאַרוואָס האָט עס גאָט געטאָן? דער־ציילט די גמרא:

— גאָט האָט זיך באַוויזן צו הושען און צו אים געזאָגט: גיי שטראָף די יידן, ווייל זיי זיינען זינדיק. זאָג פאָראויס דעם חורבן פון שומרון.

הושע האָט באַלד געענטפערט: - - גאָט, דו ביסט דאָך דער האַר פון אַלע וועלטן. פאַרוואַרף דיין פאָלק ישראל, און דערווייל פאַר זיך אַן אַנדער פאָלק פון די פעלקער פון דער ערד.

האָט גאָט פאַרדראָסן הושעס רייד, און ער האָט אים געוואָלט אָנלערנען. האָט ער אים געהייסן חתונה האָבן מיט גומרן (14).

הושע האָט אַזוי געטאָן. אַ צייט שפּעטער איז זי אים געוואָרן אומטריי. יעמאָלט האָט זיך צו אים באַוויזן גאָט און צו אים געזאָגט:

— הושע, דו ביסט דאָך אַ כוהן, דער זון פון אַ כוהן, אַ נביא, דער זון פון אַ נביא, פאַרוואָס טרייבסטו ניט אַרויס פון שטוב דיין זינדיק ווייב, ווי דער דין איז?

און הושע האָט געענטפערט:

— גאָט מיין האַר, זי איז דאָך די מאַמע פון מיינע קינדער, און איך האָב זי ליב.

און גאָט האָט געזאָגט:

— דאָס האָב איך דיך באַשטראָפט, ווייל דיינע זינד זיינען גרויס. ווען די יידן האָבן אין מדבר געזינדיקט מיטן גאָלדענעם קאַלב, און איך האָב זיך באַוויזן צו משהן און צו אים געזאָגט: איך האָב געזען דאָס דאָזיקע פאָלק, עס איז אַ האַרטנאַקיק פאָלק. אַצינד לאָז מיך, און מיין צאָרן וועט ברענען אויף זיי, און איך וועל זיי אומברענגען, און דיך וועל איך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק. האָט משה געענטפערט: אויב דו וועסט ניט פאַרגעבן זייערע זינד, מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דיין בוך, וואָס דו האָסט געשריבן (15).

און גאָט האָט ווייטער גערעדט:

— און אַז איך האָב זיך באַוויזן אין זעאונגען צו עמוסן, און אים געוויזן, אַז איך וועל פאַרלענדן ישראל, האָט ער תפילה געטאָן און געבעטן צו מיר פאַרן פאָלק:

— גאָט, דו האַר, הער אויף, איך בעט דיך,
ווי קאָן עס יעקב באַשטיין?
ער איז דאָך אַזוי קליין (16).

— און דו? ניט נאָר האָסטו ניט געבעטן און תפילה געטאָן פאַרן פאָלק, נאָר דו האָסט מיר געהייסן אויסדערוויילן אַן אַנדער פאָלק. און איצט זע, אויב דו קענסט זיך ניט שיידן פון דיין זינדיק ווייב, ווי קאָן איך זיך אָפּזאָגן פון מיין פאָלק ישראל, די קינדער פון מיינע אויסדערוויילטע אַברהם, יצחק און יעקב?

דערווייל האָט גומר אינגאַנצן פאַרלאָזן הושען. ער האָט אַפילו ניט געוואוסט, וואו זי איז אַהינגעקומען. אַ צייט שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז זי איז אַזוי נידעריק געפאַלן, אַז מ׳וועט זי פאַרקויפן פאַר אַ שקלאַפין. הושעס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט רחמנות, און ער איז אַוועק אין שקלאַפן־מאַרק און זי אָפּגעקויפט פאַר זופצן זילבער־שטיק און אַ חומר און אַ לתך גערשטן. ער האָט זי צוריקגעבראַכט אַהיים, אַז זי זאָל ווידער זיין אַ מאַמע צו זיינע קינדער (17).

הושע האָט געזען אין דעם אַ צייכן פון גאָט: פּונקט ווי ער, הושע, האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן די זינדיקע גומר, אַזוי קאָן גאָט ניט פאַרגעסן זיין זינדיק פאָלק. און פונקט ווי ער, הושע, האָט צוריקגעבראַכט זיין פרוי און איר פאַרגעבן אירע זינד, אַזוי וועט אויך גאָט פאַרגעבן די זינד פון ישראל. גאָט איז ניט קיין בייזער, שלעכטער הערשער, וואָס איז ניט מוחל די קלענסטע זינד. ניין, גאָט איז אַ גוטער פאָטער, וואָס בענקט, גאַרט, גלוסט נאָך

זיינע קינדער, און ווארט, זיי זאָלן חרטה האָבן אויף זייערע שלעכטע מעשים. ס'איז דאָ אַ האָפענונג פאַרן פאָלק, און אַ גרויסע צוקונפט וואַרט אויף אים.

און דער נביא רעדט שוין צום פאָלק גאָר אַנדערע רייד:

— אמת, דאָס פאָלק איז זינדיק, און איז אַלעמאָל געווען זינדיק. ווען גאָט האָט אים ארויסגענומען פון מצרים און אים גערופן מיין זון, האָט אים געלערנט גיין, אים גענומען פאַר זיינע אָרעמס, ווי אַ טאַטע זיין קינד, אים פאַרהיט פון שטרויכלונג, האָט ישראל גענומען רויכערן צו געצן, און גע־בראַכט קרבנות צו אָפּגעטער. אָבער ווי קאָן איך דיך פאַרגעסן, אפרים? ווי קאָן איך דיך איבערגעבן אין די הענט פון דיינע פיינט? מיין האַרץ דערבאַרעמט זיך, און מיין רחמנות דערוועקט זיך אין מיר. ניין, זאָגט גאָט, איך וועל ניט אויספירן מיין גרימצאָרן, איך וועל ניט איבערגעבן אפרימען, ווייל איך בין גאָט און ניט קיין מענטש, וואָס וויל נעמען נקמה (18).

און דער נביא געפינט אַ נייעם טייטש פאַר די נעמען פון זיינע קינדער:

יזרעאל וועט מער ניט דערמאָנען בלוט פאַרגיסונג, עס וועט האָבן אַן אַנדער טייטש — יזרע־אל, גאָט וועט פאַרזייען. דער נביא זאָגט:

— און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועל איך אָפּענטפערן, זאָגט גאָט. איך וועל אָפּענטפערן די הימלען, און זיי וועלן אָפּענטפערן דער ערד. און די ערד וועט ענטפערן דעם קאָרן, דעם וויין, און דעם אייל, און זיי וועלן אָפּענטפערן יזרעאל. און איך וועל פאַרזייען דאָס פאָלק אין דעם לאַנד.

— לא רוחמה, די־ניט־דערמאַרעמטע, וועל איך דערבאַרעמען, און וועל זי רופן רוחמה.

— און צו לא עמי, צו ניט־מיין־פאָלק, וועל איך זאָגן עמי אתה — דו ביסט מיין פאָלק (19).

אַנשטאָט צו ריידן בייזע שטראָף רייד, בעט זיך דער נביא:

— קער זיך אום, ישראל, צו יהוה, דיין גאָט. אַשור וועט דיר ניט העלפן. אויף פערד זאָלסט ניט רייטן קיין מיצרים נאָך הילף, און צו די ווערק פון דיינע הענט זאָלסטו ניט רופן — גאָט. איך וועל דיך היטן פון דיינע זינד. איך וועל דיך האַרציק ליב האָבן, איצט, אַז מיין צאָרן האָט זיך אָפּגעווענדט פון דיר. איך וועל זיין ווי טוי צו ישראל, און מיין פאָלק וועט בליען ווי אַ ליליע, און שלאָגן וואָרצלען ווי די ביימער פון לבנון (20).

פריער האָט דער נביא געשטראָפט און פאָראויסגעזאָגט:

— איר מעגט וואַקסן צווישן טייך־גראָזן, וועט קומען גאָטס שטורעם פון מדבר און אויסטריקענען דעם קוואַל (12).

איצט אָבער זאָגט דער נביא:

— זיי וועלן זיך אומקערן און וואוינען אין גאָטס שאָטן. זיי וועלן זיין באַוואָסערט ווי אַ גאָרטן פון גרינס, און זייער דופט וועט זיין ווי דער וויין פון לבנון (22).

און דער נביא זאָגט פאָראויס, אַז אפרים וועט זיך צוריקקערן צו גאָט און וועט זאָגן:

— וואָס קער איך זיך אָן מיט געצנבילדער? (23)

און דער נביא זאָגט־צו, אַז גאָט וועט אייביק ליב האָבן זיין פאָלק ישראל. ער וואַרט, אַז זיינע קינדער זאָלן תשובה טאָן און יעמאָלט:

— איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר אויף אייביק,
איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר מיט גערעכטיקייט
און מיט ליבשאַפט און רחמנות,
איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר מיט געטריישאַפט
און דו וועסט דערקענען גאָט (24).

דער נביא, וואָס האָט אין אָנהויב פאָראויסגעזאָגט חורבן און גלות, איז שפּעטער אין זיין לעבן, ווען דער אומגליק פון פאָלק האָט זיך דערנעענט, געוואָרן דער נביא פון גאָטס ליבשאַפט, רחמנות און האָפנונג (25). זיין פּערזענלעכע טראַגעדיע האָט אים געמאַכט צאַרט, פול מיט ליבע און געטריישאַפט צום פאָלק. גאָט איז אַ גוטער פאָטער, וואָס האָט ליב זיינע קינדער, און וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן פון זיין פאָלק. גאָט איז פאַרבונדן מיט ישראל אויף אייביק.

פון בוך הושע איז קענטיק, אַז דער נביא איז געשטאָרבן איידער שלמנסר האָט פאַרטריבן די צען שבטים. אָבער די יידישע לעגענדע דערציילט, אַז הושע איז אַוועק אין גלות אינאיינעם מיטן פאָלק. ער איז געשטאָרבן אין בבל. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז זיינע ביינער זאָלן רוען אויף זיין באַליבטן באַרג אפרים. ער האָט געוואוסט, אַז די וועגן זיינען ניט קיין זיכערע און קיינער וועט ניט האָבן דעם מוט אים אַריבערצופירן קיין ארץ ישראל. האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אָנלאָדן זיין טויטן גוף אויף אַ קעמל און לאָזן דעם קעמל גיין וואוהין ער וויל. האָט מען אַזוי געטאָן. די שטומע חיה האָט זיך געלאָזן גיין גלייך קיין ארץ ישראל און איז אַהין אָנגעקומען בשלום, און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אָרט, אויף וועלכן עס שטייט די איצטיקע שטאָט צפת. דאָרטן האָט מען אים מקבר געווען (26).

מיכה

דער נביא מיכה איז געבאָרן געוואָרן אין מורשה, אַ דערפל ניט ווייט פון דער פלישתישער שטאָט גת. דער נביא האָט געשטאַמט פון אַ פּראָסטער, אָרעמער משפּחה (1). ער אַליין, ווייזט אויס, איז געווען אַ פּויער, וואָס האָט באַאַרבעט זיין קליינע נחלה.

ביי אַ דרייסיק יאָר איידער מיכה איז געבאָרן געוואָרן, האָט עזיהו, דער קעניג פון יהודה צעשטערט די פלישתישע פעסטונג גת (2) און באַזעצט די געגנט מיט יידישע פּויערים. מיכה האָט געשטאַמט פון יענע קאָלאָניסטן (3).

פּראָסטע, שטאַרקע, פאַרהאַרטעוועטע מענטשן האָבן געלעבט אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון יהודה. דאָס לאַנד איז געווען פּרוכטבאַר: פעטע פעלדער, באַוואַסערטע לאַנקעס און וועלדלעך פון איילבירט ביימער אויף די זייטן פון די בערג. אָבער די קאָלאָניסטן זיינען געווען אויסגעשטעלט צו געפאַר. די פיינטלעכע פלישתים זיינען געווען נאָענט. אויך זיינען אָפט אָנגעקומען פון דרום באַנדעס וואַנדערנדיקע אַראַבער, וואָס האָבן אויפגעשטעלט זייערע שוואַרצע געצעלטן אַרום די פּרוכטבאַרע פעלדער, און אַרויפגעלאָזן זייערע סטאַדעס אויף די גרינע לאַנקעס (4).

די פּויערים האָבן געלעבט אַ שווער לעבן. שווער איז געווען דער יאָך פון די צינזן, און די אונטערדריקונג פון די גרויסע לאַנד באַזיצער און רייכע סוחרים.

די רייכע האָבן געהאַט די מאַכט און זיי האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. האָבן זיי געגלוסט מער פעלדער, האָבן זיי אַוועקגעגזלט די פעלדער פון די אָרעמעלייט. האָט אַ רייכער סוחר געוואָרפן אַן אויג אויף דעם הויז פון אַן אָרעמאַן, האָט ער דאָס הויז ביי אים אַוועקגערויבט (5). אָפט האָט דער רייכער לאַנד באַזיצער ניט נאָר צוגענומען די נחלה, נאָר אויך באַשטראָפט דעם אָרעמאַן, אָדער אים צוגענומען פאַר אַ קנעכט. און ס׳איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר דעם באַרויבטן, און ס׳איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך איינשטעלן פאַר דעם באַעוולטן.

מיכה האָט געזען די אומרעכטן, וואָס ווערן באַגאַנגען, און ער איז געווען זיכער ביי זיך, פּונקט ווי עמוס, הושע און ישעיה, אַז אַזעלכע פאַרברעכנס וועלן באַשטראָפט ווערן. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז עס קאָן זיין, אַז די מלוכה פירער פון ירושלים, די ריכטער, די כוהנים, די נביאים, וואָס זיינען אין דער הויפּטשטאָט, ווייסן גאָר ניט פון די גרויסע עוולהס, וואָס ווערן באַגאַנגען אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל. ער וועט דעריבער גיין קיין ירושלים און דערציילן די קעפּ פון דער מלוכה וועגן די שלעכטע מעשים, וואָס די רייכע טוען אָפּ אין דעם ווייטן דאָרף מורשה. און דער נביא, דער דאָרפסמאַן, פאַרלאָזט זיין היים און לאָזט זיך אַוועק קיין ירושלים.

ער איז אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט און האָט דערזען, אַז ירושלים איז זייער רייך. עס זיינען דאָ אין שטאָט גרויסע הייזער, געבויט פון ציגל און געהאַקטע שטיינער. די פירער פון דער מדינה, די כוהנים, און די ריכטער לעבן אין לוקסוס. זיי ווייסן גאַנץ גוט די אַלע אומרעכטן, וואָס ווערן באַגאַנגען אין לאַנד, נאָר זיי מאַכן זיך ניט־וויסנדיק. זיי פאַרדרייען אַלץ, וואָס איז גלייך און שפּאָטן פון גערעכטיקייט. דער נביא קלאָגט:

— אונטערגעגאַנגען איז דער פרומער פון לאַנד, און קיין ערלעכער איז צווישן מענטשן ניטאָ. די הענט, וואָס דאַרפן טאָן גוטס, טוען שלעכטס. דער פירער פאַרלאַנגט שוחד, און דער ריכטער פאָדערט באַצאָלט. דער בעסטער פון זיי איז ווי אַ דאָרן, און דער יושרדיקסטער פון זיי איז ווי אַ שטעכיקער צאַם. מען קאָן ניט גלויבן קיין חבר, מען קאָן זיך ניט פאַרלאָזן אויף דעם נאָענטסטן פריינט, און פון אייגענעם ווייב מוז מען היטן דאָס מויל. זינדיק איז ירושלים (6).

און דער נביא זעט אַ זעאונג און ער הויבט אָן נביאות זאָגן:

— הערט איר אַלע פעלקער און פאַרנעם, דו ערד און דיין פולקייט. גאָט אַליין וועט זיין אַן עדות קעגן אייך. אַ טאָג פון משפּט קומט אָן, און גאָט דער האַר וועט אַרויס פון זיין אָרט, און ער וועט טרעטן אויף די הויכע ערטער פון דער ערד, און די בערג וועלן צעגיין אונטער אים ווי וואַקס פאַר פייער (7), און די טאָלן וועלן זיך שפּאַלטן — ווי וואַסער אויסגעגאָסן באַרג אַראָפּ (8).

און דער נביא פרעגט: און איר ווייסט פאַרוואָס דאָס אַלץ וועט קומען? און ער ענטפערט:

— פאַר די פאַרברעכנס פון יעקב און פאַר די זינד פון יהודה. וואָס איז געווען דאָס פאַרברעכן פון יעקב, ניט שומרון? און וואָס איז די זינד פון יהודה, ניט ירושלים? (9)

דער נביא שרייט אויס מיט ווייטיק:

— גאָט האָט געמאַכט שומרון (10) פאַר אַ וויסט פעלד, און ער האָט אַראָפּגעשליידערט אין טאָל די שטיינער פון אירע פּאַלאַצן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן באַרג. און ער האָט צעהאַקט אירע געשניצטע געצן; ער האָט אַלץ פאַרברענט מיט פייער (11).

און איצט זאָגט דער נביא:

— איך וועל קלאָגן און יאָמערן, איך וועל אַרומגיין באָרוועס און נאַקעט ווייל די וואונד, וואָס שומרון האָט געקראָגן, קאָן מען ניט אויסהיילן. דאָס אומגליק וועט קומען ביז יהודה. עס וועט דערגרייכן ביז די טויערן פון ירושלים. פאַרטריבן וועט ווערן דער כבוד פון ישראל (12).

ירושלים איז אין יענער צייט געווען פול מיט קאָנספּיראַציעס און אינטריגעס. אונטער דער פירערשאַפט פון חזקיהו, דעם קעניג פון יהודה, איז שטילערהייט אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויפשטאַנד קעגן אשור. צו אַט

דער פאַרשווערונג זיינען צוגעשטאַנען די פעלקער אַרום יהודה: אַרם, מואב, עמון, צור און צידון. די צוויי גרויסע מלוכות — מצרים און בבל — האָבן צוגעזאָגט הילף. די הויפטשטאָט פון יהודה איז געווען פול מיט געהיימע שלוחים און פאַרטרעטער פון די פעלקער, וואָס האָבן געמאַכט די פאַרשווערונג. דער נביא ישעיה איז געווען קעגן דעם אויפשטאַנד. ישעיה האָט געהאַט אַ צוטריט צום קעניגלעכן הויף. דאָרטן, אין קעניגס פּאַלאַץ, האָט ער געטענהט צו די פירער פון יהודה, אַז זיי גייען אויף אַ פאַלשן וועג. אָבער מען האָט זיך ניט צוגעהערט צו אים, האָט ער געשטראָפט, געוואָרנט און געדראָט מיט גאָטס צאָרן.

דער פּויער־נביא מיכה האָט זיך נישט געמישט אין מלוכה־ענינים (13). פאַר זיינע אויגן איז שטענדיק געשטאַנען זיין אָרעם פאַרוואָרפן דערפל און די גרויסע נויט פון די פּויערים, ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז מורשה איז ניט דאָס איינציקע דאָרף אין לאַנד וואָס ליידט. אין גאַנץ יהודה זיינען די אָרעמע פּויערים אונטערגעוואָרפן אונטער דעם יאָך פון די רייכע און פון די מאַכט־האָבער. און די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען אין לאַנד, ווערן באַ־גאַנגען מיט דעם וויסן און צושטימונג פון די הויפּטן פון ירושלים. די פירער פון דער מלוכה, די כהנים, די נביאים פון פאָלק, זיינען דאָס דער קוואַל פון אַלע אומרעכטן. און דער נביא ווענדט זיך צו זיי:

— הערט איר אָקאָרשט, איר קעפּ פון יעקב און פירער פון ישראל. האָט איר ניט געדאַרפט וויסן, וואָס איז גערעכטיקייט? אָבער איר האָט גאָר פיינט גוטס און האָט ליב שלעכטס. איר האָט אָפּגעשונדן די הויט פון מיין פאָלק און אָפּגעגעסן זיין פלייש, און זיינע ביינער צעבראָכן און אויסגעזויגן דעם מאַרך פון זיי. דערפאַר, אַז איר וועט שרייען צו גאָט און בעטן ביי אים הילף, וועט ער אייך ניט ענטפערן. ער וועט פאַרבאָרגן זיין פּנים פון אייך צוליב אייערע שלעכטע מעשים (14).

אין ירושלים זיינען געווען אַלערליי נביאים. אין קעניגלעכן הויף און אין דער הויפּטשטאָט האָבן זיך אויפגעהאַלטן נביאים, וואָס נביאות זאָגן איז געווען זייער פּרנסה. האָט מען זיי גוט באַלוינט, האָבן זיי נביאות געזאָגט גוטס. האָט מען זיי ניט באַצאָלט, האָבן זיי פאַראויסגעזאָגט אומ־גליק און בראָך. און דעם פאָלק זיינען געפעלן געווען אַזעלכע נביאים.

מיכה, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם צער און דעם ווייטיק פון אַלע אָרעמע, אונטערדריקטע און באַעוולהטע פון גאַנץ, פאַר אים איז נבואה געווען אַ שליחות פון גאָט פון ישראל, פון גאָט פון גערעכטיקייט, דער באַשיצער פון אַלע פאַרפאָלגטע. דער פּויער־נביא האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן נביאות זאָגן לויט דעם געצאָלט, וואָס מען קריגט. ער באַקלאָגט זיך אויף דער פאַרשטעלונג, וואָס דאָס פאָלק האָט וועגן דעם, ווער עס איז אַ נביא.

— אַז איינער קומט מיט ווינט פון ליגן און ער זאָגט: איך וועל צו אייך נביאות זאָגן וועגן וויין און טרונק — איר מעגט זיך לאָזן וואוילגיין — איז ער אַ נביא ביי דעם דאָזיקן פאָלק (15).

מיכה ווענדט זיך צו די נביאים פאַרפירער, און זאָגט צו זיי:

— אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויף די נביאים, וואָס פאַרפירן מיין פאָלק. אַז מען גיט אייך, וואָס צו בייסן מיט די ציינער, זאָגט איר פאַראויס שלום. און דער, וואָס גיט אייך ניט אין מויל אַריין, גרייט איר אויף אים אָן מלחמה. דערפאַר וועט קומען אויף אייך אַ פינצטערניש פון דער נאַכט, און איר וועט ניט קאָנען וואָרזאָגן. אונטערגיין וועט די זון אויף אַזעלכע נביאים, און שוואַרץ וועט ווערן דער טאָג אויף זיי. די זעער וועלן זיין צו שאַנד, און די וואָרזאָגער וועלן זיך שעמען און וועלן פאַרדעקן זייער באָרד און זייער מויל ווי די קרעציקע, ווייל קיין ענטפער פון גאָט וועט ניט זיין (16).

און די נביאים זאָגן צו אים:

— דו זאָגסט, אַז די זעערס וועלן זיין צו שאַנד און די וואָרזאָגערס וועלן זיך שעמען. נו, ביסטו ניט איינער פון די זעערס און וואָרזאָגערס? ביסטו ניט געקומען פון מורשה קיין ירושלים נביאות צו זאָגן? (17).

און מיכה ענטפערט זיי:

— איך בין נאָר פול מיט אַ געפיל פון גערעכטיקייט און שטאַרקייט צו זאָגן יעקבן זיין פאַרברעכן, און לאָזן וויסן ישראלן זיין זינד (16).

דער אויפשטאַנד קעגן אשורן האָט זיך ניט איינגעגעבן. סנחריב האָט חרוב געמאַכט כמעט גאַנץ יהודה, נאָר ירושלים איז געבליבן. חזקיהו האָט באַצייטנס זיך צוגעהערט צו ישעיהס וואָרנונגען און האָט זיך אונטערגעגעבן צו סנחריבן און געשלאָסן מיט אים אַ בונד. אָבער אַ צען יאָר שפּעטער האָט דער קעניג פון אשור געבראָכן זיין אָפּמאַך און באַלאַגערט ירושלים (19). ישעיה איז יעמאָלט אַרויסגעטראָטן קעגן אשור. דער נביא האָט פאַרזיכערט די איינוואוינער פון יהודה, אַז ירושלים וועט ניט פאַלן. גאָט וועט באַשיצן זיין שטאָט. ציון איז הייליק, זי איז גאָטס וואוינאָרט, און ער וועט ניט צעשטערן זיין הייליקע שטאָט. באַלד איז טאַקע אַ נס געשען. סנחריבס חייל איז אָפּגעטראָטן, און ירושלים איז געראַטעוועט געוואָרן. דאָס פאָלק האָט זיך געפרייט און געיובלט. יעדער איינער האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז גאָט באַשיצט זיין אויסדערוויילטע שטאָט. ער וועט קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז ירושלים זאָל אונטערגיין.

אָבער מיכה, דער פויער־נביא האָט אַנדערש געטראַכט. ער האָט געהאַלטן אַז גאָט האָט נאָר אָפּגעטאָן זיין צאָרן אויף אַ ווייל. אָבער סוף כל סוף וועט אויך די הייליקע שטאָט ירושלים אונטערגיין צוליב די זינד פון אירע איינוואוינער. און ער ווענדט זיך צו די פירער פון ירושלים:

— הערט איר אַקאָרשט, איר קעפּ פון דעם הויז פון יעקב און פירער פון דעם הויז פון ישראל! איר, וואָס פאַרמיאוסט גערעכטיקייט און פאַרדרייט אַלץ, וואָס עס איז גלייך. איר בויט ציון מיט בלוט און ירושלים מיט אומרעכט. איר, פירערס, משפּט פאַר שוחד, און איר, כוהנים, לערנט פאַר געצאָלט. איר שפּאַרט זיך אָן אויף גאָט. איר זאָגט, אַז גאָט איז דאָך צווישן אונדז און עס וועט אונדז ניט געשען קיין בייז (20).

— דערפאַר, איבער אייך,
וועט ציון ווי אַ פעלד צעאַקערט ווערן,
און ירושלים וועט ווערן פאַרשאָטענע חורבות,
און דער באַרג פון גאָטס הויז
וועט ווילד פאַרוואַקסן ווערן (21).

מען האָט זיך דערשראָקן פאַרן נביאס שרעקלעכער נבואה (22). ישעיהס רייד זיינען דאָך מקוים געוואָרן, וועלן מיכהס רייד אויך מקוים ווערן. איז מען געקומען צום נביא און אים געבעטן, ער זאָל אָנווייזן דעם פאָלק גאָטס וועג. און דער נביא זאָגט צו זיי: איר פרעגט:

מיט וואָס זאָל איך קומען פאַר יהוה,
זיך בייגן פאַר גאָט אין דער הייך?
זאָל איך קומען פאַר אים מיט בראַנדאָפּפער,
מיט קעלבער אייניאָריקע?
וויל גאָט טויזנטער ווידערס,
צענטויזנטער טייכן מיט אייל?

זאָל איך אים אָוועקגעבן מיין בכור פאַר מיין פאַרברעכן,
דאָס קינד פון מיין לייב פאַר מיינע זינד?
דאָס האָט דיר אַ מענטש געזאָגט, וואָס גוט איז (22),
אָבער וואָס פאַרלאַנגט גאָט פון דיר?
דו זאָלסט נאָר טאָן גערעכטיקייט און ליב האָב גוטסקייט
און אומגיין שטיל באַשיידן פאַר דיין גאָט (23).

עס ווערט דערציילט אין ספר ירמיהו (24), אַז ווען חזקיהו האָט דערהערט די נבואה פון מיכה, אַז גאָט וועט חרוב מאַכן ירושלים, סיידן די יידן זאָלן זיך אומקערן צו גאָט און גיין אין זיין וועג, האָט דער קעניג ניט געטייט דעם נביא. חזקיהו האָט מורא געקראָגן פאַר גאָט, און ער האָט געבעטן ביי גאָט, און גאָט האָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף זיי.

און וואָס האָט חזקיהו געטאָן? עס ווערט דערציילט אין ספר מלכים (25), אַז חזקיהו האָט אָפּגעשאַפט די במות, די הויכע ערטער, וואו מען

פלעגט ברענגען קרבנות אויסער דער שטאָט ירושלים. ער האָט צעבראָכן די זייל־שטיינער, און די אשרות, די הייליקעביימער, האָט ער אָפגעשניטן. ער האָט אויך צעהאַקט די קופּערנע שלאַנג, וואָס איז געשטאַנען אין בית־המקדש. די קופּערנע שלאַנג האָט זיך גערופן נחשתן, און יידן האָבן זי געהאַלטן הייליק פון נאָך גאָר די אַלטע צייטן און געריכערט ווייעריך צו איר. חזקיהו האָט זי צעהאַקט און זי אַרויסגעוואָרפן פון בית־המקדש.

פאַר די פּויערים, וואָס זיינען געווען פאַרשולדיקט צו די רייכע לאַנד־אייגנטימער, און פאַר די יידישע קנעכט, האָט דער קעניג חזקיהו איינגעפירט שמיטה. שמיטה איז געווען אַ גאָר אַלטער יידישער געזעץ. דאָס זיבעטע יאָר האָט זיך גערעכנט פאַר הייליק. פונקט ווי דער זיבעטער טאָג פון וואָך איז הייליק. אַ מענטש דאַרף מער ניט אַרבעטן ווי זעקס טעג אין וואָך, אויף דעם זיבעטן טאָג דאַרף ער רוען, עס דאַרף זיין שבת. אַזוי אויך דאַרף דער פּויער זעקס יאָר פאַרזייען זיין פעלד, און דאָס זיבעטע יאָר זאָל ער עס פאַרלאָזן. עס דאַרף זיין שבת פאַרן פעלד:

— זעקס יאָר זאָלסטו פאַרזייען דיין פעלד און איינזאַמלען די תבואה, אָבער אויפן זיבעטן יאָר זאָלסטו עס פאַרלאָזן, זאָל זיין אַ שבת, אַ רו־יאָר פאַרן לאַנד. דיין פעלד זאָלסטו ניט פאַרזייען, דיין ווייַנגאָרטן זאָלסטו ניט אַרומ־שניידן. זעקס יאָר זאָלסטו פאַרזייען דיין לאַנד, און איינזאַמלען די תבואה. דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו עס פאַרלאָזן, דו זאָלסט עס איבערלאָזן פריי, כדי די אָרעמע פון דיין פאָלק זאָלן האָבן וואָס צו עסן, און וואָס עס בלייבט פון זיי זאָל עסן די חיה פון פעלד. דאָס זעלביקע זאָלסטו טאָן מיט דיין ווייַנגאָרטן און מיט דיין איילבירט גאָרטן (26).

אין חזקיהוס צייטן האָט מען דעם שמיטה געזעץ ברייטער געמאַכט. אין ספר דברים איז פאַרשריבן:

— צום סוף פון אַלע זיבן יאָר זאָלסטו מאַכן שמיטה. און דאָס איז דער דין פון שמיטה: יעדער בעל חוב זאָל אָפּלאָזן דאָס, וואָס ער האָט געליען זיין חבר. ער זאָל ניט מאָנען פון זיין חבר און פון זיין ברודער, ווען מען האָט אויסגערופן שמיטה (27).

— און אויב דיין ברודער, אַ ייד, אָדער אַ יידישע פרוי, וועט זיך פאַר־קויפן צו דיר, זאָל ער דינען זעקס יאָר און אויפן זיבעטן יאָר זאָלסטו אים אַרויסלאָזן פריי. און אַז דו לאָזט אים אַרויס פריי פון דיר, זאָלסטו אים ניט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן. באַשענקען זאָלסטו אים באַשענקען פון דיינע שאָף און פון דיין שייער און פון דיין קעלטער. מיט וואָס גאָט האָט דיך געבענטשט, דערפון זאָלסטו אים געבן (28).

און נאָך אַ סך גוטע געזעצן האָט חזקיהו איינגעפירט ווי זיי זיינען פאַרשריבן אין ספר דברים. גאָר וויכטיק איז דער געזעץ וועגן לויך־אַרבעטער — אַרבעטער, וואָס פאַרדינגען זיך אויף אַ קורצע צייט:

— זאָלסט ניט אונטערדריקן אָדער פייניקן אַן אָרעמען און נויטבאַ־
דערפטיקן לוין־אַרבעטער פון דיינע ברידער, אָדער פון דעם פרעמדן, וואָס איז
אין דיין לאַנד. אין דעם זעלביקן טאָג זאָלסטו אים אָפּגעבן זיין לוין. די זון
זאָל ניט אונטערגיין דערויף, ווארום ער איז אַן אָרעמאַן און ער קוקט אויס
דערויף (29).

די גמרא דערציילט, אַז חזקיהו האָט אָנגעשטעלט מענטשן צו פאַר־
שרייבן די נבואות פון ישעיה, דעם ספר משלי, שיר השירים און קהלת (30).
אין ספר משלי ווערט אויך דערמאָנט, אַז די מענטשן פון חזקיהו האָבן פאַר־
שריבן געוויסע טיילן (31).

אין יענער צייט האָט אויך מיכה, פונקט ווי ישעיה, נביאות געזאָגט, אַז
עס וועט קומען אַ גליקלעכע צייט און עס וועט אויפשטיין אַ גרויסער יידישער
קעניג, צו וועלכן אַלע פעלקער וועלן זיך צוהערן:

— און ער וועט משפטן צווישן פעלקער
און אַנטשיידן צווישן אומות,
און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף שניידמעסערס,
און אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הייבן קיין שווערד,
און מען וועט ניט לערנען קיין מלחמה (32).

מיכה האָט אָבער נאָך צוגעגעבן:

און יעדער איינער וועט זיצן
אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים,
און קיינער וועט קיינעם ניט שרעקן (33).

און נאָך פיר שורות זיינען צוגעשריבן געוואָרן צו דער נבואה:

— אַלע פעלקער מעגן גיין
איטלעכער אין נאָמען פון זיין גאָט,
אָבער מיר וועלן גיין אין נאָמען פון יהוה,
אונדזער גאָט, אויף אייביק און שטענדיק (34).

ס׳איז דאָך קלאָר, אַז ווייבאַלד אַלע פעלקער וועלן לעבן אין פרידן און
טאָן גערעכטיקייט, אַרט ניט גאָט, אויב זיי וועלן אים דינען יעדער איינער
אויף זיין אופן (35).

דער פרומער, גוטער חזקיהו איז געשטאָרבן, און זיין זון מנשה איז
געוואָרן קעניג אויף זיין אָרט. מנשה איז ניט געגאַנגען אין די וועגן פון זיין
פרומען פאָטער (36). עס איז אָנגעקומען אַ צייט פון זינד און אומרעכט.
מנשה האָט אויסגעהרגעט אַ סך פון די תלמידים פון די נביאים (37). אין
ספר מלכים ווערט דערציילט, אַז מנשה האָט פאַרגאָסן אַ סך אומשולדיק
בלוט (38). ירמיהו זאָגט אויף מנשהס צייט:

— אייער שווערד האָט פאַרצערט אייערע נביאים ווי אַ מערדערישער לייב (39).

די גמרא דערציילט, אַז מנשה האָט אויסגעהרגעט אַ סך נביאים. מיכה, אַזוי ווי דער נביא ישעיה, איז געשטאָרבן מיט אַ מאַרטירער־טויט (40). אָבער דער גייסט פון נבואה איז ניט אונטערגעגאַנגען. באַהאַלטענערהייט האָט מען געלערנט די רייד פון די נביאים מיט אויסדערוויילטע תלמידים און נאָכפאָלגער, און זיי געמוטיקט צו וואַרטן אויף בעסערע צייטן. די ענגע גרופּע פון נביאים, כּוהנים און זייערע נאָכפאָלגער האָבן אין זייער באַהעל־טעניש געזאַמלט און צוגעגרייט טיילן פון דעם ספר דברים. און באַלד טאַקע נאָך מנשהס טויט האָבן זיך באַוויזן נביאים, וואָס האָבן געבראַכט יהוהס וואָרט צום נייעם דור (41).

צפניה

מנשה, חזקיהוס זון, איז אַלט געווען צוועלף יאָר ווען ער איז געוואָרן מלך. אַ נייער קעניג איז אַרום יענער צייט אַרויפגעשטיגן אויף אויפן טראָן פון אַשור. אַסרחדון איז געווען זיין נאָמען. אַשורס מאַכט איז ניט געבראָכן געוואָרן אין דער צייט פון חזקיהו, און יהודה האָט זיך ניט באַפרייט פון דעם יאָך פון אַשור. דער נס לעבן די טויערן פון ירושלים איז טאַקע געווען גרויס: סנחריב האָט זיך צוריקגעצויגן, אָבער יהודה איז ניט געוואָרן זעלבסט־שטענדיק.

אסרחדון האָט באַנייט די מלחמה קעגן מצרים, און יהודה האָט, ווי אַלע וואַסאַלן, געמוזט צושטעלן זעלנער צו דער אַרמיי פון אַשור. אַסרחדון איז געשטאָרבן אין מיטן פון דער מלחמה, און זיין זון אשורבאַניפּאַל האָט פאַר־געזעצט די מלחמה און באַזיגט מצרים. די מאַכט פון אַשור האָט דערגרייכט איר העכסטן שפּיץ.

דער גרויסער נס, וואָס סנחריב האָט געמוזט אויפגעבן די באַלאַגערונג פון ירושלים, איז פאַרגעסן געוואָרן. די נביאים פון יהוה האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָרן זייער איינפלוס אויפן פאָלק.

אַ גרויסער טייל פון די שררות, די מיליטערישע פירער און די רייכע סוחרים זיינען געווען קעגן די נביאים, וואָס האָבן אַלע מאָל געשטורעמט קעגן די אומרעכטן, וואָס די מאַכט־האָבער און די רייכע סוחרים באַגייען קעגן די אָרעמע. אַ גרויסער טייל פון פּראָסטן פאָלק איז געווען פאַרזונקען אין די געצנדינערישע מנהגים און פירעכצן פון די אַלטע איינגעזעסענע פון לאַנד. אַ סך פון דעם פּראָסטן פאָלק האָבן געגלויבט, אַז די צרות, וואָס זיי ליידן, זיינען געקומען אויף זיי, ווייל די געטער פון לאַנד זיינען דערצאָרנט. שולדיק

זיינען די נביאים, וואָס האָבן אָנגערעדט חזקיהון צו צעשטערן אַלע הויכע ערטער, די במות, וואו מען האָט מקריב געווען קרבנות צו בעל און אַנדערע אָפּגעטער. ירמיהו דערציילט, אַז דאָס פֿאָלק האָט געזאָגט:

— און פון זינט מיר האָבן אויפגעהערט רויכערן צו דער מלכה פון הימל און צו גיסן צו איר גיס־אָפּפער, פעלט אונדז אַלץ, און פון שווערד און פון הונגער ווערן מיר פאַרלענדט (2).

די מאַכט פון אשור איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער, און אין די אויגן פון פֿאָלק איז דער פרעמדער גאָט געוואָרן אַלץ חשובער. דער קעניג מנשה האָט ניט נאָר אויפגעשטעלט מזבחות צום בעל און רעסטאַווירט די אשרות, די אַלטע געצן פון לאַנד, נאָר ער האָט אויך אַריינגעשטעלט אין גאָטס הויז געצן געהייליקט צו דער זון (3). אין טאָל בן הנום, לעבן ירושלים, האָט ער אויפגעשטעלט אַ במה צום געץ מולך, און דורכגעפירט זיינע זין דורך פייער. פאַרברענט קינדער, געבראַכט זיי אַ קרבן צום שרעקלעכן געץ.

אָבער טיף אין פֿאָלק איז געווען איינגעוואָרצלט די צוגעבונדנקייט צום אייגענעם גאָט יהוה. די נביאים און זייערע נאָכפאָלגער האָבן ניט געשוויגן. זיי האָבן געדראָט מיט גאָטס צאָרן. עס שטייט געשריבן אין ספר מלכים:

— און גאָט האָט גערעדט דורך זיינע קנעכט, די נביאים, אַזוי צו זאָגן: ווייל מנשה, דער מלך פון יהודה, האָט געטאָן די דאָזיקע אומווירדיקייטן, ער האָט זיך אויפגעפירט נאָך ערגער פון די אמורים, וואָס פאַר אים, געמאַכט זינדיקן יהודה מיט זיינע אָפּגעטער — דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: זע, איך וועל ברענגען אַן אומגליק אויף ירושלים און אויף יהודה, אַז ביי איטלעכן וואָס הערט עס, וועלן קלינגען ביידע אויערן. איך וועל ציען אויף ירושלים די מעסט־שנור פון שומרון און די וואָג־שנור פון אחאבס הויז. איך וועל אויסווישן ירושלים, ווי מען ווישט אויס אַ שיסל, אויסגעווישט און איבערגעקערט מיטן פנים אַראָפּ. איך וועל פאַרלאָזן דעם איבערבלייב פון מיין נחלה, און וועל זיי איבערגעבן אין דער האַנט פון זייערע פיינט. און זיי וועלן זיין צו רויב און צו פלינדער פאַר אַלע זייערע פיינט (5).

מנשה האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר די רייד פון די נביאים. ניט נאָר האָט ער ניט תשובה געטאָן, נאָר ער האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. די טראַדיציע דערציילט (6), אַז מנשה האָט דערהרגעט דעם אַלטן נביא ישעיהן און דעם יינגערן נביא מיכה. ירמיהו זאָגט אויף יענער צייט: — „אייער שווערד האָט פאַרצערט אייערע נביאים ווי אַ מערדערישער לייב" (7). אין ספר מלכים ווערט געזאָגט: און אויך אומשולדיק בלוט האָט מנשה פאַרגאָסן זייער פיל, ביז ער האָט אָנגעפילט ירושלים פון עק צו עק (8).

מנשה האָט געוואונען זיין קאַמף. ער האָט געקעניגט אַ לאַנגע צייט — גאַנצע פופציק יאָר. פון אָט דער צייט איז אונדז ניט געבליבן קיין איין ספר פון נבואה.

די נביאים האָבן אָפן פאַר אַלעמען ניט געקאָנט מערריידן און שטראָפן אין גאָטס נאָמען. אָבער קאָנטיק, אַז זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע נאָכפאָלגער־שאַפט. דער נביא צפניה רופט־אָן די, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די נביאים — „ענוי הארץ" — די פרומע, די געטרייע, די אָרעמע פון לאַנד (9). באַהאַלטן פון קעניגס אויג, האָבן זיי געלערנט מיט דעם „איבערבלייב" די רייד פון די פריערדיקע נביאים און געשטאַרקט דעם גלויבן אין יהוהס גרויסקייט און גערעכטיקייט. אין אָט די פופציק יאָר פון מנשהס קעניגן זיינען געזאַמלט געוואָרן און צוגעגרייט געוואָרן טיילן פון ספר דברים — דער בוך פון בונד, וואָס גיט־איבער דעם תמצית פון גאָטס דערקענונג און די פאָדערונגען פון יהוה פאַר אַ גערעכטער און יושרדיקער איינפירונג אין לאַנד.

מנשה איז געשטאָרבן, און זיין זון אמון איז געוואָרן קעניג אויף זיין אָרט. אמון איז געגאַנגען אויף דעם שלעכטן וועג פון זיין פאָטער, מנשה. אָבער דער יונגער קעניג האָט ניט לאַנג רעגירט. די האַרן פון פאַלאַץ האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן אים און אים דערהרגעט. דאָס פאָלק האָט אָבער געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די פאַרשווערער, אויסגעהרגעט אַלע, וואָס האָבן געמאַכט דעם בונט קעגן קעניג, און אַרויפגעזעצט יאשיהו פאַר מלך אויף זיין אָרט (10).

ווען יאשיהו איז געוואָרן קעניג איז ער אַלט געווען אַכט יאָר. די שררות, וואָס האָבן רעגירט אין זיין נאָמען, זיינען קענטיק געווען נאָכפאָלגער פון די נביאים. אָבער וויכטיקע אַמטן פון דער רעגירונג זיינען נאָך אַלץ געווען פאַרנומען פון די עלטערע שררות, וואָס זיינען געגאַנגען אין די וועגן פון מנשה. די נאָכפאָלגער פון די נביאים האָבן ניט געקאָנט איינפירן די ענדערונגען, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אָבער די נביאים האָט מען שוין מער ניט פאַרפאָלגט.

דער יונגער יאשיהו איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די נביאים. זיין לערער און וועג־ווייזער איז געווען דער נביא צפניה (11).

צפניה האָט געשטאַמט פון דער קעניגלעכער משפחה. ער איז געווען אַן אור־אור־אייניקל פון דעם פרומען קעניג חזקיהו, מנשהס פאָטער. צפניה האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין פאַלאַץ, אָבער ער איז דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון די נביאים.

צפניה איז געווען גוט באַקאַנט מיט די שלעכטע פירונגען פון די שררות און פון רייכע לייט פון יהודה; און די אומוויסנקייט און פינצטערניש, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט געלעבט, זיינען אים ניט געווען פרעמד. דער נביא האָט פאַרשטאַנען, אַז אַפילו מען זאָל אויפהאָדעווען דעם קעניג אין גייסט פון יהוה, וועט מען ניט קענען איינפירן די געזעצן און געבאָטן פון גאָט, סיידן דאָס לאַנד זאָל זיין צוגעגרייט אויפצונעמען יהוהס וואָרט. די טראַדיציע דערציילט (12), אַז צפניה איז געגאַנגען אין אַלע הייליקע פלעצער, וואו די

מענטשן פון יהודה האָבן זיך פאַרזאַמלט, און ער האָט גערעדט, געשטראָפט און געבראַכט גאָטס וואָרט צו זיי.

דער נביא האָט גוט געקענט די שררות, וואָס האָבן געפירט די מלוכה. ער האָט געוואוסט פון זייערע זינד, זייער רויב, גזלה און אומרעכט. דאָס פאָלק איז איינגעטונקט געווען אין געצנדינערישע מנהגים. די רייכע זיינען צופרידן, זיי גלויבן, אַז אייביק וועט אָנהאַלטן זייער גליק, רואיקייט און פרידן אין לאַנד. און דער נביא ווענדט זיך צו דער שטאָט ירושלים:

— ווי צו דיר, ווידערשפעניקע, פאַראומרייניקטע שטאָט, וואָס איז איינגעטונקט אין רויב. זי האָט זיך ניט צוגעהערט צו גאָטס קול און האָט ניט פאַרנומען קיין מוסר. זי האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף יהוה, און זי האָט זיך ניט דערנעענטערט צו איר גאָט. אירע האַרן זיינען ברומיקע לייבן, אירע ריכטער זיינען ווי הונגעריקע נאַכט־וועלף, וואָס לאָזן ניט איבער קיין ביין ביז פרימאָרגן. אירע נביאים זיינען לייכטזיניק, מענטשן, וואָס פעלשעווען. אירע כוהנים פאַרשוועכן די הייליקייט און זיי פאַרברעכן אַקעגן גאָטס תורה (13).

און אין דער צייט, וואָס ירושלים איז אזוי ווידערשפעניק, ווייזט איר גאָט זיין גוטסקייט און גנעדיקייט. ער שטעלט ניט אָפּ דעם סדר פון דער וועלט.

— גאָט דער גערעכטער איז אין איר מיט, ער טוט ניט קיין אומרעכט. פרימאָרגן נאָך פרימאָרגן לאָזט ער אַרויס זיין גערעכטיקייט און פאַרפעלט ניט די ליכט פון טאָג. אָבער איר פאַרברעכער ווייסט ניט פון קיין בושה (14). דרום, ריכט זיך אויף מיר, זאָגט גאָט, אויף דעם טאָג, וואָס איך שטיי אויף צו רויב (15).

עס וועט קומען אַ טאָג פון אומגליק, אַ טאָג פון רעכענונג. איין טייל פון דער באַפעלקערונג וועט אויפשטיין קעגן דער אַנדערער (16). די שררות און די רייכע וועלן באַשטראָפט ווערן פאַר זייערע זינד. די געצנדינערישע פריסטער וועלן ניט געשאָנעוועט ווערן.

— און עס וועט זיין אין דעם טאָג פון גאָטס שלאַכטונג, וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט די שררות און מיט די זין פון דעם מלך, און מיט אַלע, וואָס פילן אָן זייער האַרס הויז מיט גזלה און אומרעכט. איך וועל זיך אָפּרעכענען אין יענעם טאָג מיט אַלע, וואָס שפּרינגען איבערן שוועל (17), און די, וואָס קליידן זיך אין פרעמדלענדישע קליידער (18).

— און אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט, וועט זיך הערן אַ קול פון געשריי פון דעם פיש־טויער, און אַ יללה פון נייעם שטאָט טייל, און אַ גרויסער בראָך פון די בערג. יאָמערט, איר איינוואוינער פון מכתש, וואָרום אומגעקומען איז דאָס גאַנצע האַנדל־פאָלק, פאַרשניטן זיינען געוואָרן די אַלע, וואָס וועגן

זילבער. און עס וועט זיין אין יענער צייט, וועל איך דורכזוכן ירושלים מיט ליכט און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט די לייט, וואָס גליווערן אויף זייער הייוון, וואָס זאָגן אין זייער האַרצן: — ניט קיין גוטס קען טאָן גאָט און ניט קיין שלעכטס קען ער טאָן. זייער פאַרמעגן וועט זיין צו רויב און זייערע הייזער וועלן פאַרוויסט ווערן. זיי וועלן בויען הייזער און ניט וואוינען אין זיי. פלאַנצען וועלן זיי גערטנער און ניט טרינקען זייער ווייַן (19).

נאָך פופציק יאָר פון שטיל־שווייגן האָט זיך ווידער דערהערט דאָס קול פון נבואה אין יהודה. פריער דאָס קליינע קול פון צפניה, דערנאָך די גרויסע שטים פון ירמיהו. אין יענער צייט האָט זיך די מעכטיקע אַשורישע אימפּעריע אָנגעהויבן צו וואַקלען. פון די ווייטע ברעגן פון שוואַרצן ים האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין נאָענטן מזרח די האָרדעס פון די ווילדע סקיטן. ווי היישע־ריקן זיינען זיי באַפאַלן די לענדער פון אַרום. די סקיטן האָבן ניט געהאַט קיין דיסציפּלינירטע מחנות פון חיילות, וואָס זיינען געקומען צו פאַרנעמען לענדער. דאָס זיינען געווען ווילדע שבטים, וואָס זיינען געקומען מיט זייערע ווייבער, קינדער, פערד, וועגענער, אָנגעפאַלן אויף אַ לאַנד, גערויבט, געפּלינ־דערט, געשאָכטן און פאַרטיליקט אַלץ, וואָס איז זיי געקומען אונטערן האַנט. וואָס זיי האָבן ניט געקענט צערויבן, האָבן זיי פאַרברענט. אַפילו פעלדער פון תבואה און וויינגערטנער האָבן זיי צעשטערט. דער נביא ירמיהו דער־ציילט וועגן זיי:

— בויגן און שפּיז האַלטן זיי,
אכזרים זיינען זיי,
און האָבן ניט קיין רחמנות.
זייער קול ברומט ווי דער ים,
און אויף פערד רייטן זיי (20).

צפניה זעט דאָס קומען פון די ווילדע סקיטן ווי אַ שטראָף פון גאָט, וואָס קומט אויף דער וועלט. יעדע שטראָף, וואָס קומט אויף דער וועלט, ברענגט עס גאָט צוליב די יידן, ווייל זיי זיינען זינדיק. גאָט וועט זיי באַשטראָפן, כדי זיי זאָלן דערזען זיין גרויסקייט.

— אַ טאָג פון צאָרן וועט זיין יענער טאָג, אַ טאָג פון נויט און קלעם, אַ טאָג פון וויסטקייט און פאַרוויסטונג, אַ טאָג פון חושך און פינצטערניש, אַ טאָג פון וואָלקן און נעבל. אַ טאָג פון שופר און שאַלן, געבלאָזן אַקעגן די באַפעסטיקטע שטעט און הויכע טורעמס. איך וועל ענג מאַכן די מענטשן, און זיי וועלן אומגיין ווי בלינדע. זייער בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן ווי שטויב. זייער פלייש — ווי מיסט. זייער זילבער און גאָלד וועט זיי ניט קענען ראַטעווען אין טאָג פון גאָטס צאָרן. אין דעם פייער פון זיין כעס וועט פאַר־צערט ווערן די גאַנצע ערד. וואָרום אַ שרעקלעכע פאַרלענדונג וועט ער ברענגען אויף אַלע איינוואוינער פון דער ערד (21).

גאָטס גרויסער טאָג איז נאָענט, זייער נאָענט (22). קיינער וועט פון אים ניט אַנטרינען. אַפילו די פרומע, די אָרעמע, איז דער נביא ניט זיכער, צי זיי וועלן אַנטרינען:

— זוכט גאָט, איר אָרעמע, פרומע פון לאַנד — איר, וואָס האָט אויס־געפאָלגט זיין געבאָט. זוכט גערעכטיקייט, אפשר וועט איר אויסבאַהאַלטן ווערן אין טאָג פון גאָטס צאָרן (23).

גאָט וועט אין זיין צאָרן אָנלערנען די וועלט. ער וועט צונויפזאַמלען אַלע פעלקער און זיי משפטן. מואב, עמון, די פלישתים וועלן באַשטראָפט ווערן, אויך מצרים וועט דערשלאָגן ווערן דורך גאָטס שווערד. גאָט וועט אויך נייגן זיין צאָרן קעגן צפון און אומברענגען אשור און איר הויפּט שטאָט נינוה, די לוסטיקע שטאָט, וואָס איז געווען זיכער ביי זיך, אַז „איך און אַחוץ מיר איז מער קיינער ניטאָ" (24). די שטאָלצע שטאָט וועט פאַרוויסט ווערן. זי וועט זיין אַ וואויך־אָרט פאַר ווילדע חיות. יעדער איינער, וואָס וועט איר פאַרבייגיין, וועט אַ שמוצער טאָן און אַ מאַך טאָן אויף איר מיט דער האַנט (25).

נאָכדעם, ווי גאָט וועט אויסגיסן זיין גאַנצן כעס און גרימצאָרן אויף די פעלקער, און דאָס פייער פון זיין פאַרדרוס וועט פאַרצערן די גאַנצע ערד, יעמאָלט וועלן אַלע קריגן ריינע ליפּן און וועלן רופן נאָר צו יהוה, און וועלן זיך בוקן צו אים. גאָט וועט אָפּטאָן די שטאָלצע, די גרויס־האַלטער פון דעם באַרג פון ציון.

— און איך וועל איבערלאָזן אין דיר
דאָס געדריקטע און אָרעמע פאָלק,
און זיי וועלן זיך באַשיצן
אין דעם נאָמען פון יהוה.
דער איבערבלייב פון ישראל
וועט ניט טאָן קיין אומרעכט
און ניט זאָגן קיין ליגן,
אין זייער מויל וועט זיך ניט געפינען
קיין צונג פון באַטרוג.
זיי וועלן פּיטערן און הויערן,
און קיינער וועט זיי ניט שרעקן (26).

נאָך פופציק יאָר פון שטיל־שווייגן, האָט ווידער אַרויסגעשלאָגן דאָס קוואַל פון נבואה. דער נביא צפניה האָט ניט נאָר געלערנט און דערצויגן דעם יונגן פּרינץ, נאָר ער האָט אויך דערצויגן דאָס פאָלק, אַזוי, אַז די איינוואוינער פון יהודה זאָלן זיין ראוי צוריק אויפצונעמער גאָטס וואָרט און איינצופירן גערעכטיקייט און יושר אין לאַנד. ער האָט זיך געשטעלט קעגן די רעגירער,

קעגן די ריכטער, קעגן די, וואָס האָבן איינגעפירט געצנדינערישע מנהגים אין היילקטום, קעגן די פריסטער מיט די פרעמדע געצנדינערישע קליידער און צערעמאָניעס. ער האָט אויך געשראָקן די יידן מיט גאָטס טאָג. ווי די נביאים עמוס און ישעיה, האָט ער ניט געזען אין גאָטס טאָג קיין טאָג פון פרייד און גליק. פאַר אים איז גאָטס טאָג אַ יום פון משפט, אָבער ניט נאָר פאַר יידן, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. נאָכן טאָג פון משפט, וועלן בלייבן ניט די מעכטיקע, די שררות, די שטאָלצע און גרויס־האַלטער, נאָר דאָס אָרעמע פאָלק, די פאַרשטויסענע, די געיאָגטע יחידים, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן גאָטס וואָרט אין דעם לאַנגן חושך פון מנשהס קעניגן.

צפניה האָט געשטראָפט און פאַראויסגעזאָגט אַ גרויזאַמע שטראָף. ער האָט אָבער אויך געטרייסט און געגעבן האָפענונג. אַלע פעלקער וועלן דער־קענען גאָט, דעם גאָט פון די יידן. די שארית־ישראל וועט ווערן דאָס פאָלק און וועט זיך ניט האָבן וואָס צו שרעקן פאַר קיינעם.

דער נביא האָט געזען אַזויפיל גייסטיקע געפאַלנקייט אַרום אים, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געגעבן קיין פאַרזיכערונג, אַז עס קען פאַרמידן ווערן דער גרויסער טאָג פון גאָטס צאָרן. דאָס אָנקומען פון די ווילדע סקיטן איז געווען אַ באַשטעטיקונג אויף זיין נביאות. דאָך גיט דער נביא האָפענונג:

— זאַמלט זיך איין און ווערט אונטערטעניק, איר אומפאַרשעמט פאָלק, איידער דער גזר ווערט באַשטימט, איידער עס וועט קומען אויף אייך דער צאָרן פון גאָט, איידער עס וועט קומען אויף אייך דער טאָג פון גאָטס צאָרן. זוכט גאָט, איר אָרעמע און פרומע פון לאַנד, איר, וואָס האָט אויסגעפאָלגט זיין געבאָט, זוכט גערעכטיקייט, זוכט פרומקייט, אפשר וועט איר אויס־באַהאַלטן ווערן אין טאָג פון גאָטס צאָרן (27).

צפניה האָט ניט דערלעבט צו זען מיט זיינע אויגן ווי זיין תלמיד יאשיהו האָט אָפּגעשאַפט אַלע איבלען קעגן וועלכע די נביאים האָבן געקעמפט.

יאשיהו איז געוואָרן דער מוסטער מלך אין דער יידישער געשיכטע. דער כראָניקער פון ספר מלכים זאָגט אויף יאשיהון:

— און אַזאַ ווי ער איז ניט געווען קיין מלך פאַר אים, וואָס זאָל זיך אומקערן צו גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן און מיט זיין גאַנצער זעל און מיט זיין גאַנצן כוח, לויט דער גאַנצער תורה פון משהן, און נאָך אים איז ניט אויפגעשטאַנען אַזאַ ווי ער (28).

דער נביא צפניה איז געשטאָרבן איידער יאשיהו איז געוואָרן פול־יאָריק. זיכער איז אָבער, אַז צפניה איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן צוגעגרייט דאָס פאָלק פאַר די רעפאָרמעס פון יאשיהו. דער אור־אור־אייניקל צפניה האָט ניט פאַרשעמט דעם אור־אור־זיידע חזקיהו.

באמערקונגען און מראה מקומות

מראה מקומות און באַמערקונגען צו ישעיה

Robert H. Pfeifer—Introduction to the Old Testament p. 422 1

2 מלכים ב׳ ט״ו, ו, ז; דברי הימים ב׳ כ״ו, ו, ז.

3 מלכים ב׳ י״ד, כב.

Robert H. Pfeifer—Introduction to the Old Testament pp. 422-423 4

5 דברי הימים ב׳, כ״ו, ו, ז.

6 ישעיה ב׳, ז.

Charles Foster Kent—Kings and Prophets of Israel and Judah p. 127 7

George B. Gray: The International Critical Commentary Introduction p. 68 and Chronological Table p. 98 8

Charles Foster Kent—Kings and Prophets of Israel and Judah pp. 128-129 9

J. Skinner, Cambridge Bible for Schools and Colleges Introduction p. 25 10

Charles Foster Kent—Kings and Prophets of Israel and Judah p. 129 11

12 ישעיה ו׳, פסוק א און ווייטער.

13 געטייטשט ווי דער רבי האָט געטייטשט, זע רד״ק אויף ישעיה ו׳, י.

14 זע פירוש ש. ל. גרדון און רד״ק.

15 ישעיה ו׳, יג אויסגעטייטשט. זע פירוש ש. ל. גרדון, אויך זע
Adolphe Lods—The Prophets and the Rise of Judaism p. 102
George B. Gray—The International Critical Commentary p. 111

פאַר אַן אַנדער פשט זע:
J. Skinner, Isaiah, Cambridge Bible for Schools and Colleges.

16 ישעיה א׳, ב, ג און זע פירוש ש. ל. גרדון.

17 דאָרט ג׳, ח.

18 דאָרט ב׳, ו, ח.

19 דאָרט ג׳, טו.

Charles Foster Kent; Kings and Prophets of Israel and Judah p. 178 20

Herman Gunkel: The Legends of Genesis p. 41 21

J. Skinner: The Cambridge Bible for Schools and Colleges p. 103. 22

23 ישעיה ה׳, א, ב.

Julius A. Bewer, Literature of the Old Testament, p. 103. 24

25 ישעיה ה׳, ה און ווייטער.

26 דאָרט ה׳, ז; זע רד״ק אויף פסוק ז.

Julius A. Bewer, Literature of Old Testament, p. 103. 27

28 ישעיה ה׳, ח.

29 דאָרט ה׳, יא.

30 דאָרט ה׳, כ.

31 דאָרט ו׳, א.

32 דאָרט ה׳, כד.

33 דאָרט ו׳, ג.
34 דאָרט ו׳, כא ; זע תרגום יונתן.
35 דאָרט ז׳, ג ; זע :
George B. Gray, Isaiah, The International Critical Commentary, Introduction, p. 91.

Adolphe Lods, The Prophets and the Rise of Judaism, p. 102.

36 ישעיה א׳, פון פסוק י ביז טו ; זע כראָנאָלאָגישע טאַבעלע אין פירוש ש. ג. גרדון צו ישעיה, אין דער הקדמה. אַנדערע מפרשים מיינען, אַז די נבֿואה איז געהאַלטן געוואָרן ווען סנחריבֿ איז אָנגעפאַלן אויף יהודה.
37 ישעיה א׳, טז, יז.
38 דאָרט א׳, כא, כב, כג.
39 דאָרט ב׳, ה.
40 דאָרט ב׳, יז, יח.
41 דאָרט ה׳, טו, טז.
42 עמוס ד׳, א.
43 ישעיה ג׳, פון טז ביז כה פאַראַפראַזירט.
44 דאָרט ג׳, כה, כו. זע : פירוש ש. ל. גרדון ; ניטאָ אין טעקסט פון ישעיה ; ס׳איז אַ פירוש אַריינגענומען אין דער איבערזעצונג.
45 ישעיה לב׳, ט, יא, יג, יד.
George B. Gray, The International Critical Commentary Introduction, p. 70. 46

47 ישעיה ט׳, ז, ח און זע :
George B. Gray, The International Critical Commentary.

48 ישעיה ה׳, כד, כה.
49 דאָרט ה׳, כה.
50 דאָרט ט׳, י, יב.
51 דאָרט ה׳, כו ביז פסוק ל.
Charles Foster Kent: Kings and Prophets of Judah, p. 147. 52

53 הושע ז׳, ח, ט.
54 ישעיה ז׳, ב — נאָך דער ענגלישער איבערזעצונג.
55 זע : פירוש ש. ל. גרדון אויף פסוק ו און ז.
56 ישעיה ז׳, ג, ד, ה, ו, ז.
57 דאָרט ז׳, יא.
58 דאָרט ז׳, יג, יד, טז. זע : פירוש ש. ל. גרדון.
59 דאָרט י״ז, פסוק א ביז ו פאַראַפראַזירט.
60 דאָרט ח׳, ג, ד.
61 דאָרט ח׳, א, ב.
62 מלכים ב׳ ט״ז, ז. ח.
63 ישעיה ז׳, יז.
64 דאָרט ח׳, ו, ז, ח.
65 הושע ז׳, ח.
66 ישעיה ל׳, טו אויסגעטייטשט.
67 דאָרט ח׳, יא.
Henry Preserved Smith, D. D.—Old Testament History, pp. 225-226. 68

69 ישעיה כח׳, ג, ד.
70 דאָרט ז׳, יח, יט, כ.
71 מלכים ב׳ ט״ז, י, יא, יב, יג.

George B. Gray, The International Critical Commentary, p. 115. 72
J. Skinner, The Cambridge Bible for Schools and Colleges, pp. 63, 64.

73 ישעיה י׳, כ.
74 דאָרט ח׳, יח.

George B. Gray, The International Critical Commentary, p. 71, paragraph 61. 75

76 מלכים ב׳ י״ז, ה, ו, כד.
77 ישעיה ט׳, טו.
78 דאָרט ט׳, יז.
79 דאָרט ט׳, יח, יט.
80 דאָרט ה׳, כח, ל.
81 מלכים ב׳ י״ז, כב, כג.
82 ירמיהו ל״א, יז און ווייטער ; די פסוקים פאַראַפראַזירט לויט מפרשים.
83 יחזקאל ל״ז, יט און ווייטער.
84 מלכים ב׳ י״ח, ג, ו, ז.
85 דר. פייגען : מסתרי העבר זייט 111.
86 ישעיה ל׳, טז ; ל״א, א, ב, ג,
87 דאָרט י״ד, כח ; פאַראַן אַלערליי ספעקולאַציעס וועגן דער צייט ווען די־דאָזיקע נבואה איז געשריבן געוואָרן.
88 דאָרט י״ד, לב.
89 דאָרט ל׳, א. ג.
90 דאָרט כ׳, א, ב, ג, ד, ה, ו.

George B. Gray, International Critical Commentary, Chronological Table, p. 98. 91

92 מלכים ב, כ׳ ; יעשיה ל״ט.
93 ישעיה ל״ט, ה און ווייטער.
94 דאָרט ל״ט, ח ; שמואל א׳ ג׳, יח ; זע דעם טייטש פון פסוק אין :
J. Skinner, Cambridge Bible for Schools and Colleges.

95 דר. י. פייגין : מסתרי העבר זייט 111.
96 מלכים ב י״ח, ו, ז.
97 ישעיה י״ח, א ; זע : רש״י.
98 דאָרט י״ח, ד, ה, ו ; צוגעגעבן : „אַט אַזוי, ווען די ריכטיקע צייט וועט קומען וועט אַשור געקלאַפּט ווערן און פאַרלענדט ווערן.״
99 דאָרט ל׳, טו.
100 דאָרט כ״ט, ט, י, יא, יב.
101 דאָרט ל״א, א, ג.
202 דאָרט כ״ט, טז ; זע : פירוש ש. ל. גרדון.
103 דאָרט כ״ח, ז, ח און ווייטער ביז טז.
104 דאָרט כ״ב, יד.
105 דאָרט ה׳, יד.
106 דאָרט כ״ח, יח ביז כג פאַראַפראַזירט.
107 זע : פירוש ש. ל. גרדון און אַנדערע פירושים און קאָמענטאַרן אויף ישעיה כ״ב, טו.
108 ישעיה כ״ב, טו ביז כא.
109 דאָרט כ״ט, ט, י, יא, אב.
110 דאָרט ל׳, ח ביז טו.
111 דאָרט י׳, יד.
112 דאָרט י׳, כח, כט, ל, לא, לב.

113 דאָרט א׳, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח.
114 דאָרט א׳, יח; זע: רד״ק און
Charles Foster Kent, Kings and Prophets of Israel and Judah.

115 מלכים ב׳, י״ח, יג, יד, טו, טז.
116 ישעיה כ״ב, א און ווייטער. ניט אַלע קאָמענטאַרן זענען מסכים וועגן דער צייט וועגן דידאָזיקע נבואה איז געהאַלטן געוואָרן.
117 זע וועגן דעם ענין אין:
George B. Gray, International Critical Commentary, pp. 78, 80, paragraph 70.
J. Skinner, Cambridge Bible for Schools and Colleges, p. 279.
Charles Foster Kent, Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 177.

118 ישעיה ל״ו; מלכים ב׳, יח.
119 דאָרט ז׳, יג; ז׳, י.
120 דאָרט ל״ז, א ביז ז.
121 דאָרט ל׳, טז.
122 דאָרט ל״ז, כו.
123 דאָרט י׳, ה, ו און ווייטער ביז טו.
124 די צווייטע ווערסיע פון דער פּאַסירונג — ישעיה ל״ז, כב.
125 צוגעגעבן לויט מפרשים.
126 ישעיה י״ד, כד.
127 דאָרט ל״א, ח, ט, אויסגעטייטשט; זע: פּירוש ש. ל. גרדון; פאַר אַנדערע טייטשן זע: רש״י, רד״ק און
J. Skinner, Cambridge Bible for Schools and Colleges.

128 ישעיה ל״ז, לו, לז, לח.
129 Henry Preserved Smith, History of Old Testament, p. 245.

130 ישעיה ל״ז, ז.
131 דר. פּייגין: מסתרי העבר, זייטן 88—117.
132 Charles Foster Kent, Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 177.
George B. Gray, International Critical Commentary, Intro., pp. 60 and 80.
J. Skinner, Cambridge Bible for Schools and Colleges, Intro., p. 89; XXI.

133 ישעיה ל״ז, כו.
134 דאָרט ט׳, א און ווייטער.
135 זע: רד״ק אויף די פּסוקים.
136 זע: פּירוש ש. ל. גרדון.
137 ישעיה ט׳, ה, ו.
138 דאָרט ב׳ און ווייטער.
139 דאָרט י״א, ו, ז.
140 ש. ל. גרדון: הקדמה צו ישעיה, זייט 65.
141 בבא בתרא דף ט״ו.
142 יבמות מ״ט.
143 שמות ל״ג, כ.

מראה מקומות און באַמערקונגען צו ירמיהו

1 פּירוש ש. ל. גרדון, הקדמה צו ירמיהו, זייט 10; אויך
Charles Foster Kent—Kings and Prophets of Judah, p. 205.

א פֿאַרקערטע מיינונג געפֿינט זיך אין:
Robert H. Pfeifer—Introduction to the Old Testament, p. 493.

2 מלכים א׳, א׳, פּסוק ה ביזן סוף קאַפּיטל.

3 דאָרט, ב׳, כו.

4 ירמיהו ז׳, יב, יד; כ״ו ל ביז ט.

5 דאָרט ל״א, יד.

6 דאָרט ב׳, ד; ג׳, ה, ו, כו.

Robert H. Pfeifer—Introduction to the Old Testament, p. 493. 7

אויך ש. ל. גרדון: הקדמה צו ירמיהו, זייט 10.

8 ירמיהו ט״ו, יז.

9 דאָרט ג׳, ו.

Robert H. Pfeifer—Introduction to the Old Testament, p. 493. 10

A. W. Streane—Introduction in Cambridge Bible for Schools and Colleges, p. XIII. 11

12 ירמיהו א׳, ד, ג, ה, ו.

13 דאָרט ט״ו, טז.

14 דאָרט א׳, יא, יב.

15 לויט יידישע מפרשים. בעסער ווי דער אַנדייט איז בלויז אויף די סקיטן. ס׳איז אַ צוויי-דייטיקע פֿאַראויסזאָגונג. ירמיהו האָט די נבֿואה געניצט אין אָנהויב אויף די סקיטן און שפּעטער אויף בבֿל.

16 ירמיהו א׳, יח.

Robert H. Pfeifer—Introduction to the Old Testament, pp. 493, 502. 17

18 ירמיהו ב׳, א און ווייטער.

19 דאָרט ב׳, ה, ו, ז, ח, ט.

20 דאָרט ב׳, יא, יב, יג.

21 דאָרט ב׳, כז, כח.

22 דאָרט ב׳ לד.

23 דאָרט ב׳, כט. אין מנשהס צייטן זענען די נבֿיאים און זייערע נאָכפֿאָלגער כמעט אויסגעראָטן געוואָרן.

24 דאָרט ב׳, לה.

25 דאָרט ב׳, יח, יט.

26 דאָרט ג׳, כא.

27 דאָרט ג׳, כב.

28 דאָרט ד׳, א, ב.

29 דאָרט ג׳ יא.

A. W. Streane, Cambridge Bible for Schools and Colleges, Jeremiah Introduction, p. XI; Chronological Table, p. 53. 30

31 ירמיהו ד׳, יט, כ, כא, כב, כג, כד, כה.

32 ש. ל. גרדון: ירמיהו, זייט 53; הקדמה צו פּסוקים כג—כו.

33 ירמיהו ה׳, טו, טז, יז.

34 דאָרט ח׳, טו, טז, יז; זע ענגלישע איבערזעצונג.

35 דאָרט ח׳, יח, יט; זע: רש״י, מצודת דוד און פּירוש ש. ל. גרדון.

36 דאָרט ח׳, כא, כב, כג.

Henry Preserved Smith, Old Testament History, p. 276. 37

אויך זע: ש. ל. גרדון: הקדמה צו ירמיהו, זייט 31.

38 ירמיהו ט״ז, א, ב, ג, ד.

39 מלכים ב׳, כ״ג, ב; דברי הימים ב׳, ל״ד, טו.

40 דברי הימים ב׳, ל״ד, ג.

41 מלכים ב׳, כ״ב; דברי הימים ב׳, ל״ד. דער רד״ק זאָגט, אַז דער כוהן גדול חלקיהו איז ירמיהוס פֿאָטער. אָבער לויט דער טראַדיציע האָבן די, וואָס שטאַמען פֿון אביתרם משפּחה ניט געטאָרט זיין קיין כוהנים גדולים, זע: מלכים א, ב׳, כז; זע: מצודת דוד, אויך דאָרט רד״ק.

42 שמות י״ח, יא.

43 דבֿרים ה׳, ז, ח; שמות כ׳, ד.

44 דבֿרים, י׳, יד, טו.

45 דאָרט ז׳, ז, ח.

46 דאָרט יב׳, ב, ג, ד.

47 דאָרט יב׳, ה.

48 דאָרט י׳, יב.

49 דאָרט ט״ז, יח, יט, כ.

50 דאָרט כ״ה, א.

51 דאָרט ו׳, יט.

52 דאָרט כ״ח, א און ווייטער.

53 מלכים ב׳, כ״ב, יא, יג, יד, כח; דברי הימים ב׳, ל״ד, כג, כז.

54 קאָמבינירט די ווערזיעס פֿון מלכים און דבֿרי הימים און געקירצט.

55 ירמיהו י״א, ב, ה, ו.

56 דאָס איז די השערה פֿון אַברהם מענעס. אַנדערע פֿאָרשער האָבן אַנאַנדער מיינונג. זע:
Robert H. Pfeifer, Introduction to the Old Testament, p. 495.
Julius A. Bewer, Literature of the Old Testament, p. 147.
Charles Foster Kent, Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 243.

56(ב) זע באַמערקונג 41.

57 ירמיהו י״א, יח, יט. זע: רש״י, רד״ק און תרגום יונתן פֿאַר מיין טייטש.

58 ירמיהו י״א, כא, כב, כג. פֿאַראַן ספּעקולאַציעס אַז עס איז צוגעשטעלט געוואָרן שפּעטער.

59 Robert H. Pfeifer, Introduction to the Old Testament, p. 495.

60 מלכים ב׳, כ״ג, כט.

61 זע: שמעון ברנפלד: מבוא לכתבֿי הקדוש כרך שני, זייט שלח.

62 ישעיה י״ז, יג.

63 דבֿרי הימים ב׳, ל״ה, כד.

64 פּירוש ש. ל. גרדון: הקדמה צו ירמיהו; אויך זע:
Henry Preserved Smith, Old Testament History, p. 280.

65 מלכים ב׳, כ״ג, כה.

66 דאָרט כ״ג, כו.

67 דברי הימים ב׳ ל״ה, כא, כב.

68 זע באַנד 4, זייט 282:
The Legends of the Jews, by Louis Ginsburg, p. 282.

69 ירמיהו י״ב, ב; זע: פּירוש ש. ל. גרדון.

70 מסכתא תענית כ״ב, עמוד ב.

71 דבֿרי הימים ב׳ ל״ה, כה; ירמיהו כ״ב.

72 איכה ד׳, כ. איבערגעשטעלט די שורות.

73 ירמיהו כ״ב, י.

74 דאָרט כ״ב, יא, יב.

75 מלכים ב׳ כ״ג, לד.

76 דאָרט כ״ג, לה.

77 ירמיהו א', יח.

78 זע: רד"ק אויף ירמיהו י"א, ט.

79 ירמיהו י"א, ט, י. יא; זע: תרגום יונתן, רד"ק און פירוש ש. ל. גרדון נאכוואס איך האב אזוי פארטייטשט די פסוקים.

80 ירמיהו כ"ב, א, ב, ג, ד, ה.

81 דארט כ"ב, יג, יד, טו, טז, יז.

82 דארט ה', ה, ו.

83 דארט ה', כז; זע: פירוש ש. ל. גרדון פאר אן אנדער מיינונג; אויך אין A. W. Streane, Cambridge Bible for Schools and Colleges.

84 ירמיהו ט', ז, ח.

85 דארט כ"ו, כ, כא, כב, כג; זע: רד"ק אויף פסוק כ.

86 דארט ז', פון א ביז טז, און דערנאך פון קאפיטל כ"ו.

87 איך נעם אן, אז גאט האט אים פריער באפוילן צו האלטן די נבואה פארן פאלק. ביי א געלעגנהייט האט ירמיהו אויסגעפילט גאטס באפעל. ס'איז ניט געווען קיין ספאנטאנע נבואה וואס ווערט ארויסגעזאגט אונטער דער השפעה פון מאמענטאלן עקסטאז. אין קאפיטל ז' איז דער אנזאג און אין קאפיטל כ"ו איז דער אויספיר. דאס גלעט אויס א סך סתירות און מאכט קלאר די פסוקים טו, יז, יח, יט, כ אין קאפיטל ז'.

88 ירמיהו ז', טז, יז, יח, יט, כ.

89 דארט כ"ו ח און ווייטער.

90 איכה ג', יב.

91 דאס איז ניטא אין טעקסט. זע: רש"י, מצודת דוד און רד"ק. ארייגגענומען דעם שטילן פירוש אין טעקסט.

92 מלכים ב', כ"ב, יב.

93 שמעון ברנפלד: מבוא לכתבי הקודש. כרך שני, זייט שלח.

94 דארט, זייט ש"ג.

95 ירמיהו כ"ה, א און ווייטער.

96 דארט כ"ה, כח, כט.

97 דארט כ"ה, יד. אט דער צוזאמענשטעל פון די פסוקים פארענטפערט א סך קשיות. זע:
A. W. Streane, Cambridge Bible for Schools and Colleges.

98 דארט מ"ו, יב.

99 דארט י"ג, טו.

100 דארט י"ג, כג.

101 זע: פירוש ש. ל. גרדון.

102 ירמיהו י"ג א ביז יד.

103 דארט י"ח א און ווייטער.

104 דארט י"ט א, ב, און דערנאך, י, יד, טו. אט דער אויסשטעל מאכט קלארער דעם טעקסט.

105 דארט י"א, יח, יט; כ"ו, כד.

106 דארט י"ז, טו. זע: פירוש ש. ל. גרדון.

107 דארט י"ח, יח; י"ד, ז, ח, ט; ז' טז און נאך און נאך.

108 דארט י"ב ו'. זע: רד"ק.

109 דארט ט"ו, י.

110 דארט כ', ז, ח, ט, י, יא.

111 דארט כ', יד, טו, טז, יח. זע: רד"ק אויף פסוק יז.

112 דארט ט"ו, כ, כא.

113 דארט מ', ב.

114 פסיקתא רבתי, ילקוט שמעוני. זע: אגודת ביאַליק און רבניצקי כרך שניט, ספר שלישי, סעיף סב, זייט 151.
115 ירמיהו ל״ו א און ווייטער.
116 ירמיהו ל״ו, ה, ו, ז, ח ביז כד. קאַנטיק אַז מען האָט פאַרווערט ירמיהון צו ווייזן זיך אין בית המקדש. זע: מצודת דוד אויף פסוק ה׳; זע אויך פירוש ש. ל. גרדון און זע זיין הקדמה צו ירמיהו, זייט 38. זע:
A. W. Streane, Cambridge Bible for Schools and Colleges.
117 ירמיהו כ״ב, יח, יט.
118 דאָרט ל״ו, לב.
119 יחזקאל קויפמאַן: „תולדות האמונה הישראלית מימי קדם עד סוף בית שני״, כרך א, זייט 26.
120 ירמיהו י״ד, טו.
121 דאָרט י״ד, יג, יד, טו.
122 דאָרט י״ד, יז.
123 זע: מלכים ב׳ כ״ד, ב, ג.
124 ירמיהו י״ב, ז.
125 דאָרט י״ב ח.
126 דאָרט י״ב, יד, טו, טז, יז.
127 דאָרט ל״ח א ביז יז בסירוגין.
128 דאָרט י״ג, יט, יח. זע: פירוש ש. ל. גרדון.
129 דאָרט כ״ב, כד, כו.
130 מלכים ב׳, כ״ד, יב ביז יז.
131 ירמיהו כ״ב, כח.
132 דאָרט כ״ב, כט.
133 דאָרט כ״ג, ה, ו. זע: פירוש ש. ל. גרדון. פאַראַן אַלערליי ספעקולאַציעס וועגן אָט די פסוקים. זע: דר. י. ש. צוקרבם זייטן 221—222.
134 יחזקאל י״ז, יא, יח.
135 ש. ל. גרדון: הקדמה צו ירמיהו; יחזקאל קויפמאַן: תולדות האמונה הישראלית זייטן 615, 618; אויך זייטן 26, 40.
136 שמואל א׳ כ״ו, יט.
137 ירמיהו ט״ז, יג.
138 יהושע ט׳, ג. ד.
139 יחזקאל י׳, טו.
140 ירמיהו כ״ד א, און ווייטער.
141 ש. ל. גרדון: הקדמה צו ירמיהו, זייט 43.
142 ירמיהו כ״ז, א ביז ח; זע פירוש ש. ל. גרדון צו פסוק א.
143 דאָרט כ״ז, ט, י, יא.
144 דאָרט כ״ז, טז ביז כב.
145 ביידע — ירמיהו און ברוך בן נריהו רופן חנניהן גאָטס נביא. זע כ״ח, א, ה, ט, יב, טו, יז.
146 זע מדרש תנחומא, פרשה וירא, יג.
147 ירמיהו כ״ח, ב און ווייטער.
148 דאָרט כ״ט, ד און ווייטער.
149 יחזקאל ל״ז, יא.
150 ירמיהו כ״ט — כד און ווייטער.
151 דאָרט כ״ג ט און ווייטער.
152 דאָרט כ״א ב און ווייטער.
153 דאָרט ל״ח א ביז ז.

154 דאָרט ל״א כו.
155 דאָרט ט״ו, ד.
156 דאָרט ל״א, כח.
157 דאָרט ל״א, לא און ווייטער.
158 דאָרט ל״א, לד, לה, לו.
159 דאָרט ל״ב, ז.
160 דאָרט ל״ב, כד, כח צונויפגעשטעלט.
161 דאָרט ל״ב, ט און ווייטער.
162 דאָרט ל׳, א.
163 דאָרט ל׳, ז און ווייטער.
164 דאָרט ל׳, יח, יט, כ.
165 דאָרט ל״ד ז, ביז יב ; זע : בראשית ט״ו, טו, ט, י. יא.
166 ירמיהו ל״ז ח.
167 דאָרט ל״ד, יא, יב, יד, טו, טז, יח, יט.
168 דאָרט ל״ו, יב, יג.
169 דאָרט ל״ח, יד, טו און ווייטער ביז פסוק כ, דערנאָך פסוקים כד, כח, דערנאָך פסוק א.
170 איך האָב אויסגעשטעלט אין מיין אייגענער אָרדענונג דעם נביא׳ס פאַר-האַפטונגען. אין טעקסט איז דער ענין נים אינגאַנצן קלאָר. זע : שמעון ברנפלד: מבוא לכתבי הקודש, ירמיהו זייט 356, באַמערקונג דאָרט אונטן.
171 מלכים ב׳ כ״ה, ג, ד ; ירמיהו ל״ט, ג, ד, ה, ו, ז ח דערנאָך ל״ט י.
172 ירמיהו ל׳, כ.
173 דאָרט ל״א, יד ביז יז, יט.
174 דאָרט מ׳, ב, ג, און ווייטער.
175 דאָרט מ״א, א, און ווייטער.
176 דאָרט מ״ב א און ווייטער.
177 דאָרט מ״ג ח און ווייטער.
178 דאָרט מ״ד, ב.
179 דאָרט מ״ד, טו.
180 דאָרט מ״ד, כז.
181 תהילים קל״ז, ד.
182 הושע ט׳, ג, ד.
183 יחזקאל י״א, טו.
184 שמואל א׳, כ״ו, יט.

מראה מקומות און באַמערקונגען צו יחזקאל

1 מלכים ב׳ כ״ד, יד.
2 ש. ל. גרדון : הקדמה צו יחזקאל זייט 8. זע אויך ש. ל. גרדונס פירוש אויפן ערשטן פסוק פון יחזקאל. זע אויך :
3 Louis Finkelstein, The Pharisees, p. 314.
Ibid p. 328.
4 ירמיהו כ״ח, ג, ד.
5 דאָרט כ״ט, ה, ו.
6 דאָרט כט, כח, כז.

7 יחזקאל י״א טו ; דאָרט ל״ז, יא.
8 הושע ט׳, ג, ד.
9 שמואל א׳ כ׳, יט.
10 Cooke, International Critical Commentary, Ezekiel, p. 39.
11 דבֿרים ט׳, כח.
12 שמות ט׳, כד ; איוב ל״ח, א ; מלכים א׳ ח׳, י, יבֿ.
13 Cooke, International Critical Commentary, Ezekiel, p. 4.
14 יחזקאל א׳ און ווייטער. ערטערווייז פּאַראַפראַזירט.
15 דאָרט ב׳ א און ווייטער.
16 ירמיהו כ״ט, ז.
17 יחזקאל כ״ד, כא און נאָך.
18 שמות י״ג, יד.
19 ישעיה ו׳, ה.
20 ירמיהו א׳, ז.
21 יחזקאל ב׳, ח. זע :
Cooke, International Critical Commentary, Ezekiel.
דער פּסוק : ואתה בן אדם שמע את אשר אני מדבר אליך, אל תהי מרי כבֿית המרי (יחזקאל ב׳, ח) איז אָנגעווענדט ניט נאָר וועגן עסן די מגילה, ס׳איז אויף דער גאַנצער שליחות פֿון יחזקאל.
22 יחזקאל ב׳ סוף פּסוק ח׳ און ט ; ג׳ סוף פּסוק ג.
23 זע : מצודת דוד אויף יחזקאל ג׳ פּסוק ט.
24 יחזקאל ג׳, ה, ז, ח, ט און ווייטער, ניט אַריינגעשטעלט פּסוק ו׳ צוליב אַ סך טעמים.
25 דאָרט ג׳, יד, טו.
26 Davidson, Cambridge Bible for Schools and Colleges, Ezekiel, p. 30.
27 יחזקאל ג׳, טז, יז. זע רש״י אויף פּסוסק יז.
28 אין יחזקאל קאַפּיטל לג׳ איז פֿאַרשריבֿן דיזעלביקע נבֿואה באריכות. דאָרט דערציילט דער נביא צו דעם פֿאָלק אַז גאָט האָט אים, יחזקאלן, באַשטימט פֿאַר אַ נביא. אין קאַפּיטל ג׳ רעדט גאָט צום נבֿיא. דידאָזיקע דערקלערונג פֿאַרענטפֿערט אַ סך סתירות און קשיות. זע באַמערקונג 87 אין ירמיהו.
29 מלכים א׳ כ׳, כא.
30 ישעיה כ׳.
31 ירמיהו י״ט, כ ; ל״ב, יב, ט״ו ; נ״א, סב, סג, סד.
32 יחזקאל ד׳ א און ווייטער.
33 זע פּירוש ש. ל. גרדון, מצודת דוד.
34 זע רש״י.
35 יחזקאל ד׳, ז. זע פּירוש ש. ל. גרדון.
36 יחזקאל ד׳, ה, ו און ווייטער. זע :
Davidson, Cambridge Bible for Schools and Colleges.
זע אויך פּירוש ש. ל. גרדון אויף די פּסוקים און זיין דערקלערונג וועגן די טעג וואָס יחזקאל דאַרף ליגן אויף איין אָרט. זע אויך רד״ק אויף די פּסוקים
37 מטה לחם.
38 איך באַנוץ לויט דעם יידישן אידיאָם ברויט אויפֿן לייט.
39 זע ש. ל. גרדונס הקדמה צו יחזקאל זייט 45.
40 יחזקאל ד׳, ט, יב, יג, טו. די פּסוקים צונויפֿגעשטעלט. זי פּירוש ש. ל. גרדון און :
Cooke, International Critical Commentary, Ezekiel.

41 זע פירוש ש. ל. גרדון.

42 צוגעגעבן עטלאכע ווערטער ווי אַ פירוש.

43 יחזקאל ה׳ ז המנכם—המרותכם. זע פירוש ש. ל. גרדון.

44 זע מצודת דוד, ענגלישע איבערזעצונג.

45 איך שטעל דאָ אַריין די נבֿואה מיט די גלות קליידער פון קאַפּיטל יב. זי פּאַסט זיך אַריין אין ציקל. זע:
Davidson, Cambridge Bible for Schools and Colleges.

46 יחזקאל י״ב ג און ווייטער. צונויפגעשטעלט די פסוקים צוליב קלאָרקייט.

47 דאָרט י״ב, כו, כז, כח.

48 דאָרט ו׳ א און ווייטער. זע רד״ק.

49 דאָרט ו׳, ג, נאָר אַ האַלב פון פּסוק ד.

50 דאָרט ו׳, ח, ט, יא.

51 דאָרט ז׳, טז, כיוני הגאיות — כיוני הבר א.א.וו.; זע פירוש ש. ל. גרדון.

52 אויסרייסן די האָר, מאַכן אַ פּליך, איז אַ סימן פון טרויער, פון אבילות.

53 זע רד״ק אויף ז׳ פּסוק יט.

54 יחזקאל ז׳, א, ב, ג, ד, טו, טז, יז, יח, יט, כ, כא, כב, כג, כד׳ כה. עטלעכע פסוקים פּאַראַפראַזירט.

55 דאָרט ח׳ א.

56 דאָרט י״א, יג.

57 דאָרט י״א, טו.

58 זע רד״ק אויף פּסוק ג און קאַפּיטל ח׳.

59 Louis Finkelstein, The Pharisees, p. 318.

60 יחזקאל ח׳, א און ווייטער.

61 ווי דער רבי האָט געטייטשט, זע מצודת דוד און תרגום יונתן.

62 יחזקאל ח׳, ג. אויסגעלאָזן דעם לעצטן האַלבן פּסוק.

63 זע פירוש ש. ל. גרדון.

64 מען קאָן זען ווי ווייט די רעאַקציע האָט דערגרייכט. שפן איז געווען איינער פון די, וואָס האָט געהאָלפן יאשיהון אין זיינע רעפאָרמעס. שפנס זון איז אַ געצנדינער.

65 שולחים את הזמורה לאַפּם, רד״ק, אחד מי״ח תקון סופרים.

66 אעשה, אשלם להם, פירוש ש. ל. גרדון.

67 יחזקאל ט׳ א און ווייטער.

68 אויסגעלאָזן „ווייבער און קינדער״.

69 פּסוק ב פון קאַפּיטל; פאַרבונדן מיט פּסוק ו פון דעמזעלביקן קאַפּיטל, דערנאָך פּסוק ז.

70 יחזקאל י׳, יט.

71 דאָרט י״א, א און ווייטער.

72 זע רש״י אויף פּסוק ג.

73 איך לאָז אויס פסוקים יא, יב. זע:
Cooke, International Critical Commentary.

74 יחזקאל י״א, יד, טו.

75 ישעיה ה׳, ז; הושע ו׳; ירמיהו ב׳ כא.

76 יחזקאל ט״ו, א און ווייטער.

77 אבֿרהם מייזעס טעאָריע, זע:
Cooke, International Critical Commentary, Ezekiel, pp. 213, 212.

79 יהושע כ״ב, כד.

80 Cooke, International Critical Commentary, Ezekiel, p. 213.

81 תהילים ג״א, יז ביז כא.

82 זע אבֿרהם מענעס: בית מדרש, אַלגעמיינע יידישע ענציקלאָפּעדיע זייט 454. יחזקאל י״א, טז.

83 Cooke, International Critical Commentary, Ezekiel, Volume I.

84 Henry Preserved Smith, History of the Old Testament.

85 יחזקאל כ׳, א און ווייטיר.

86 לדרש את יהוה תרגום יונתן למתבֿע אולפנא.

87 פאַרקירצט.

88 איך נוץ טיילן פון פסוק כב. אַ סך שטעלן פון קאַפּיטל זענען פאַראַפראַזירט.

89 זע ש. ל. גרדונס אַריינפיר צום קאַפּיטל י״ז. ירמיהו כ״ז.

90 ער מיינט כניהון.

91 יחזקאל י״ז א און ווייטער. ערטערווייז פאַראַפראַזירט און אויסגעטייטשט אין דער איבערזעצונג, לויט פירוש ש. ל. גרדון און תרגום יונתן.

92 יחזקאל כ״א, ה.

93 דאָרט כ״א, יא, יב.

94 דאָרט כ״א, יג ביז כב. אויסגעטייטשט און טיילווייז פאַראַפראַזירט.

95 זע רד״ק אויף כ״א, כד; אויך: Cooke, International Critical Commentary.

96 יחזקאל כ״א, כה ביז כח.

97 דאָרט כ״ב א ביז טז. אויסגעטייטשט לויט רד״ק, מצודת דוד און פירוש ש. ל. גרדון.

98 ירמיהו ו׳, כז, כח, כט, ל.

99 יחזקאל כ״ב, יז, יח, יט, כ, כא, כב.

100 יחזקאל כ״ב, כה נביאיה—נשיאיה.

101 דאָרט כ״ב, כג ביז לא.

102 דאָרט כ״ד, כא.

103 דאָרט י״א, ג.

104 דאָרט כ״ד א און ווייטער.

105 העצמים — העצים, זע פירוש ש. ל. גרדון.

106 יחזקאל כ״ה, ה, זע רד״ק.

107 דאָרט כ״ה, ז. זע ש. ל. גרדון. מען קאָן אויסטייטשן אַנדערש — ריטואלע זינד.

108 מלכים ב׳ כ״ד, יד.

109 אַ טאָפּ ווערט אָנגעבערענט, ניט דערהיצט.

110. יחזקאל כ״ד, יד, פירוש ש. ל. גרדון.

111 אויף כ״ד, טז זע פירוש ש. ל. גרדון; אויך זע: Cooke, International Critical Commentary.

112 יחזקאל כ״ד, טו, טז, יז און אָנהויב פון פסוק יח. זע פריערדיקע באַמערקונג, וואָס מאַכט קלאָר דעם ענין.

113 דאָרט כ״ד, צווייטער האַלבער פסוק פון יח ביז כה איבערגעשטעלט. ניט נויטיק אַרויסצוּוואַרפן זיי ווי ש. ל. גרדון און אַנדערע מיינען.

114 יחזקאל ל״ג, כא, כב.

115 זע ש. ל. גרדון.

116 יחזקאל ל״ג כד ביז כט.

117 דאָרט ל״ג, ל, לא, לב, לג.

118 אויסגעטייטשט.

119 זע באַמערקונג 28. די וואָס מיינען אַז די פסוקים פון קאַפּיטל ג׳ געהערן

צום קאַפּיטל ל״ג דאַרפן זען אַז אין קאַפּיטל ג׳ שטייט: ויאמר אלי, בן אדם, שלח אני אותך, און אין קאַפּיטל ל״ג שטייט קלאָר: דבר אל עמך.

120 יחזקאל ל״ג, א ביז ט.

121 דאָרט ל״ג י.

123 שמות כ׳, ה; ל״ד, ז.

123 דברים ה׳, ט.

124 מלכים ב׳ כ״ג, כה.

125 דאָרט כ״ג כו.

126 ירמיהו ט״ו, ד.

127 דאָרט ב׳, ט.

128 יחזקאל ט״ז און כ׳.

129 דברים כ״ד, טז.

130 ירמיהו ל״א, כח, כט.

131 יחזקאל י״ח פסוק א און ווייטער. עס איז אַ סברה אַז די נבואה איז געהאַלטן געוואָרן פאַרן חורבן. זע די באַמערקונג:
Henry Preserved Smith, History of the Old Testament, p. 310.

132 זע תרגום יונתן.

133 אין עבר צוליב קאָנטינואיטעט. פאַרטייטשט לויט ש. ל. גרדון.

134 זע דעם כתיב.

135 ווי אין פסוק ח.

136 זע מצודת דוד.

137 זע דאָס ליד פון למך, בראשית ד׳ כג און וועגן די ערי מקלט, דברים י״ט און אַנדערע פלעצער.

138 יחזקאל י״ח, כט.

139 פשעתם בם—פשעתם בי.

140 זע רד״ק, תרגום יונתן.

141 יחזקאל כ״ה, ג.

142 דאָרט כ״ה ח.

143 דאָרט כ״ו, ב.

144 קאַפּיטלעך כ״ה ביז ל״ב בסירוגין.

145 יחזקאל כ״ה, יז.

146 דאָרט י״ב ט; י״ז, א.

147 דאָרט י״ט פון א׳ ביז ט אַריינגענומען.

148 דאָרט י״ט י ביז יד אַריינגענומען.

149 דאָרט ל״ד א און ווייטער, פסוקים אויסגעלאָזן טיילווייז פאַראַפראַזירט.

150 זע קאַפּיטלעך ו׳ און ז׳ צום ביישפּיל.

151 דאָרט ל״ו א און ווייטער בסירוגין.

152 דאָרט ל״ו, טז און ווייטער בסירוגין.

153 דאָרט ל״ז, יא.

154 דאָרט ל״ז א און ווייטער ביז טז.

155 זע קאַפּיטל ג׳, כב, פרעגן מפרשים: איז עס דערזעלביקער טאָל?

156 זע רש״י. „גוי אַריין״ פּאַסט צום פסוק ו.

157 יחזקאל ל״ז, טז און ווייטער.

158 מצודת דוד.

159 מושבתיהם—משובותיהם. זע:
Cooke, International Critical Commentary.

160 Henry Preserved Smith, History of the Old Testament, pp. 316, 318.

161 Cooke, International Critical Commentary.

162 יחזקאל ל"ח, א און ווייטער. אויסגעלאָזן פסוקים.

163 זע רד"ק.

164 יחזקאל ל"ט, ט. אויסגעלאָזן פסוקים.

165 איין אויסנאָם. די נבֿואה כ"ט, ז. זע:
Cooke, Cambridge Critical Commentary, p. 313.

166 בראשית ח', כא.

167 Henry Preserved Smith, History of the Old Testament, pp. 319, 320.

168 זע רש"י און מצודת דוד אויף קאַפּיטל מ' פסוק א.

169 Henry Preserved Smith, History of the Old Testament, p. 321.

170 פון קאַפּיטל מ', דער לעצטער פּאַראַגראַף איז פון מ"ג, א ביז האַלבן פסוק ז.

מראה מקומות און באַמערקונגען צו עמוס

1 בראשית ל"א, מ.

2 עמוס ג', יב.

3 דאָרט ז', יד.
William Rainey Harper, The International Critical Commentary.

4 Charles Foster Kent, Kings and Prophets of Israel and Judah, Amos.

5 ש. ל. גרדון: הקדמה צו עמוס.

6 מיכה ב', יא.

7 עמוס ד', יא.

8 מלכים א', י"ב, כט.

9 עמוס ה', ז, יא.

10 דאָרט ז', א, ג.

11 William Rainey Harper, The International Critical Commentary, Amos, p. 162.

12 עמוס ז', ח. זע מצודת דוד.

13 דאָרט ז', ט.

14 דאָרט ח', א, ב.

15 דאָרט ג', ז. זע אבן עזרא.

16 דאָרט ג', ח.

17 דאָרט א', ג.
William Rainey Harper, The International Critical Commentary.

18 עמוס ב', ד, ה.

19 דאָרט ב', ו, ז.

20 דאָרט ב', יג, יד.

21 דאָרט ה', כא, כב, כג.

22 דאָרט ה', כד.

23 דאָרט ה', כה.

24 דאָרט ב', ט.

25 דאָרט ג', ב. זע רד"ק.

26 דאָרט ט', ז. זע רש"י. אויך:
Cooke, Cambridge Bible for Schools and Colleges.
Wm. Rainey Harper, The International Critical Commentary.

27 עמוס ה׳, ב, ח ; ז׳, יז.
28 Wm. Rainey Harper, The International Critical Commentary.
29 עמוס ט׳, א.
30 דאָרט ט׳ ב און ווייטער.
31 דאָרט ח׳, ד, ה, ו, ז.
32 דאָרט ה׳, יח.
33 דאָרט ד׳, ד.
34 דאָרט ה׳, י, יא.
35 דאָרט ה׳, ב.
36 דאָרט ה׳, ד, ה.
37 דאָרט ה׳, יד, טו.
38 דאָרט ז׳, י.
39 דאָרט ז׳, יד, טו.
40 דאָרט ג׳, ח.
41 דאָרט ז׳, טז, יז.
42 Julius A. Bewer, Literature of the Old Testament, p. 93.

מראה מקומות און באַמערקונגען צו הושע

1 הושע א׳, א. זע רד״ק און מצודת דוד.
2 מדרש רבה ויקרא פרשה ל׳, ו. די פסוקים אין ישעיה זענען ח׳, יט, כ.
3 הושע ח׳, א. זע רד״ק וועגן בית ה׳ און:
International Critical Commentary.
4 George Foot Moore, History of Religions, Judaism, p. 19.
5 הושע ד׳, א, ב. אויסגעלאָזן שטעלן.
6 דאָרט ה׳, א, ב ; ו׳, ט ; ד׳, ח ; ו׳, ו ; ז׳, א.
7 דאָרט ז׳, ג, ד, ה, ט, יא, יג — פאַראַפראַזירט.
8 דאָרט ד׳, יב, יג, טז — פאַראַפראַזירט.
9 דאָרט ח׳, ד ; י׳, ג, ה ; ז׳, א, ב ; י״ג, ז, ח — קאָמבינירט.
10 דאָרט י״ג, טו ; י״ד, א ; ט׳, יז — קאָמבינירט.
11 דאָרט א׳, ד, ה.
12 דאָרט א׳, ו.
13 דאָרט א׳, ט.
14 מסיכתא פסחים דף פ״ג ; רש״י הושע א׳, ב.
15 שמות ל״ב, לב.
16 עמוס ז׳, ה.
17 הושע ג׳, א. זע פירוש ש. ל. גרדון. זע אויך:
Cooke, Cambridge Bible for Schools and Colleges.
18 הושע י״א, א, ג, ח, ט — קאָמבינירט.
19 דאָרט ב׳, כג, כד. זע פירוש ש. ל. גרדון.
20 דאָרט י״ד, ב, ג, ד, ה, ו — פאַראַפראַזירט.
21 דאָרט י״ג, טו.
22 דאָרט י״ד, ח.
23 דאָרט י״ד, ט.
24 דאָרט ב׳, כא, כב.

25 פאַר אַמ דעם אויסטייטש זע מסכתא פסחים און
Adolphe Lods, The Prophets and the Rise of Judaism, p. 98.
Julius A. Bewer, The Literature of the Old Testament, p. 94.
Louis Ginsburg, The Legends of the Jews.

26 שלשלת הקבלה. זע:
Louis Ginsburg, The Legends of the Jews, Vol. IV, p. 261; Vol. VI, p. 356; note 24.

מראה מקומות און באַמערקונגען צו מיכה

1 ווען דעם נביאס אַפּשטאַם איז ניט דערמאָנט איז אַ סימן אַז דער נביא איז ניט פון גרויסן יחוס. זע:
Charles Foster Kent, The Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 58.

אויך מדרש רבה, ויקרא א', א.

2 דברי הימים ב', כו, ו.
Charles Foster Kent, The Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 166.

4 דאָרט זייטן 167—166.

5 מיכה ב', ב.

6 מיכה ז', ב, ג, ד, ה.

7 ש. ל. גרדונס טייטש אויפן פסוק.

8 מיכה א', ב, ג, ד.

9 מיכה א', ה.

10 די נבואה איז אין עבר; שומרון איז שוין חרוב געוואָרן. זע די איבערזעצונג:
Charles Foster Kent, The Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 162.

11 מיכה א', ו, ז.

12 מיכה א', ח, ט. טו סוף פסוק.

Adolphe Lods, The Prophets and The Rise of Judaism, p. 113. 13

14 מיכה ג', א, ב, ג, ד. זע גרדונס פירוש אויף די פסוקים.

15 מיכה ב', יא.

16 מיכה ג', ה, ו, ז.

17 ניטאָ אין טעקסט.

18 מיכה ג', ח.

Charles Foster Kent, The Kings and Prophets of Israel and Judah, pp. 177, 176. 19

20 מיכה ג', ט, י. יא.

21 מיכה ג', יב.

Charles Foster Kent, The Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 169. 22

23 עהרליכס טייטש.

24 מיכה ו', ו, ז, ח.

25 ירמיהו כו', יח, יט.

26 מלכים ב' י"ח, ג, ד, ה.

27 ויקרא כ"ה, ג, ד, ה, ו, ז, און שמות כג', יא.

28 דברים ט"ו, א, ב, ג.

29 דאָרט ט"ו, יב, יג, יד.

30 דאָרט כ"ד, יד, טו.

31 בבא בתרא דף יד און טו.

32 משלי כ"ה, א.

33 ישעיה ב', ד; מיכה ד', ג.

34 מיכה ד', ד.

35 מיכה ד', ה.

36 מיין אויסטייטש. אַלע מפרשים זאָגן אַז די שורות זענען צוגעשריבן געוואָרן פון אַ נביא אַ פּאַרטיקולאַריסט. אָבער אין מגלת אסתר ח', ט שטייט: ועם ועם כלשונו ואל היהודים ככתבם וכלשונם. דאָס איז ניט קיין צופאַל. הרב אברהם ביק אין „יידישע שריפטן" באַנד 4, העפט 2—1, זייט 106: „זאָל יעדער מענטש גיין אין נאָמען פון זיין גאָט — דער פּסוק אַן מיכה איז דער גרונט-פּרינציפּ פון רעליגיעזער דעמאָקראַטיע."

37 מלכים ב', כ"א, ב.

Henry Preserved Smith, Old Testament History, p. 257. 38

39 מלכים ב', כ"א, ט"ז.

40 ירמיהו ב', ל.

41 יבמות מ"ט. זע אויך:
Louis Ginsberg, Legends of the Jews, pp. 98, 99, 100 notes, pp. 278, Vol. IV.

Julius A. Bewer, The Literature of the Old Testament, p. 122. 42

מראה מקומות און באַמערקונגען צו צפניה

1 מלכים ב', כ"א, א.

2 ירמיהו מ"ד, יח.

3 מלכים ב', כ"א, ב, ג.

4 דברי הימים ב', ל"ג, ו.

5 מלכים ב' כ"א, יב, יג, יד.

6 זע:
Louis Ginsburg, The Legends of the Jews, Vol. IV, p. 278; Vol. VI, note 100, p. 373.

7 ירמיהו ב', ל.

8 מלכים ב', כ"א, טז.

9 צפניה ב', ג. זע פּירוש ש. ל. גרדון.

10 מלכים ב', כ"א, כ, כא, כב, כג, כד.

Charles Foster Kent, The Kings and Prophets of Israel and Judah, p. 196. 11

12 פּסיקתא רבה לויט ביאַליקס אגדות.

13 צפניה ג', א, ב, ג, ד.

14 דאָרט ג', ח.

15 דאָרט ג', ח.

16 אַברהם מענעסעס אויסטייטש.

17 אַן אַלטער געצנדינערשער מנהג. דער רוח, דער גייסט וואוינט אין שוועל. זע שמואל א', ה', ה.

18 צפניה א', ח, ט. אויסגעשטעלט לויט פּירוש ש. ל. גרדון.

19 דאָרט א', י, יא, יב, יג.
20 ירמיהו ו', כג.
21 צפניה א', טו, טז, יז, יח.
22 דאָרט א', טו.
23 דאָרט ב', ג.
24 דאָרט ב', טו.
25 דאָרט ב', יב, יג, יד, טו. די פּסוקים פֿאַר זיי וועגן עמון און מואב.
26 דאָרט ג', יב, יג.
27 דאָרט ב', א, ב, ג.
28 מלכים ב' כ"ג, כה.